STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08200

IN LIKHT FUN TSAYT

Yitshak Libman

Permanent preservation of this book was made possible
by Glen & Marcia Weisbrod
in honor of
Burton Weisbrod

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ליבמאַן

אין ליכט פון צייט

פאַרלאַג „וואָכנבלאַט"
ניו־יאָרק, 1953

Copyright 1953
by Farlag "Wochenblat"
New York, N. Y.

Printed by
Grenich Printing Corporation
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט־פאַרצייכעניש:

זייט

פאָרן אידן פון יאַרדן 7
דער ניע־דער מאַנט ירושה 11
דער לאַנדסמאַן — דער משיח 21
פון גיזעקינג, דורך פאָונד ביז צו דרייזער 26
הערצלס פאַרווירקלעכטער „אידנשטאַט"־טרוים 30
פנים אל פנים — מיט היגע זייאַנים 36
פון רעאַקציע צו פאַשיזם איז אַ קורצער שפרונג 42
אידיש־קודש וישראל חד הוא 48
דער געביידלטער סדר העולם 55
די סוכה־אַנשויאונג פון אידישער קולטור 58
דער שרייבער אויף דער בימה פון דער בינע 61
דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד — דער לאַגישער גואל פון „אידיש" 65
די היים, דאָס קינד און די געזעלשאַפט 76
אין די געצעלטן פון שם 79
דער אַדרעס פון די שם־געצעלטן 82
מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט 85
חנוכה פון יאָר התש"י 89
אידיש איז, נעבעך, אויף צרות ביי זיך אַליין 93
די וועלט אויפן שיידוועג 97
די גוואַלדיקע פאַטענצן פון אונזערע בלעטער און בלעטלעך 111
צום קלאַפ פון אייגענער האָרץ 114
אין זיבן טעג 116
אַ שטאַט וואָס ווייזט דעם וועג 118
די אידישע פרעסע הינטער צי אין זייט פון מדינת ישראל 125
אַפּאַטיע אונזער שונא 134
פּאַליטישע איבערגרופּירונג אין ליכט פון אידישן שטאַט 137

זייט

אין אינטימען טאָן 141
פון סיום צו בראשית 148
די פאָן, די האַנט און די מדינה 150
די פינעף־און־צען מעצענאַטן 152
אידיש אויף סובסידיע 153
„פויל, זענט איר פויל" 156
שאַרעט־שערטאָקס שטיף־ברודערישער ערנסט 159
מיט אידישן נגון אין ווייטן וועג פון וואַנדער 162
דעם שרייבערס איינציקער אָנשפאַר 165
אחינו כל בית ישראל 167
„זייער" משפט און אונזער משפט 171
שוואַרץ נעמט אָן דעם אָקס ביי די הערנער 176
פון יום טוב צו יום טוב........................ 179
און דער מאָנסטער שפּאַנט און שפּאַנט 181
וואָס מען קען אַרויסלערנען פון אַ קאָנצערט 186
דאָס ערשטע וואָרט וועגן ענין „מאָרגען זשורנאַל" 191
דאָס צווייטע וואָרט וועגן ענין „מאָרגען זשורנאַל" 197
אברהם רייזענס יובילעי — דער יום טוב פון דער אידישער
ליטעראַטור 202
טרומאַן — דער נייעסטער סינאָנים צו אַמעריקע 205
אויפן „בענד־וואָגן" פון ישראל 211
„ישראל עליך, ישמעאלים..." 217
און חלוצישער גייסט שוועבט איבערן פנים פון דער אידישער
קאָנסטיטוציע 220

אין ליכט פון צייט

פאָרן אידן פון יאַרידן

א.

ערגעץ־וואו זינגט מען, דאַכט זיך, אַזאַ לידעלע. און אויב ניט, האָט ווער־וואו געדאַרפט אַזאַ ליד אָנשרייבן, אַ קאַראַוואַן־ליד פון אונזער אומאונטערבראָכענער צוויי־טויזנט־יעריגער נסיעה פון יאַריד צו יאַריד, פון שטאָט־געמאַרק צו לאַנד־געמאַרק, אַזוי, אַז מיר אידן זיינען פון דער השגחה, זעט אויס, אויסדערוויילט געוואָרן צו דאַרפן־מוזן שפילן „סטאַר"־ראָליעס אין דעם הו־האַ פון דעם ביידלדיגן וועלט־יאַריד.

אין לויף־געלאָף פון די יאַרידן האָט זיך געשטאַלטעט די אַנדערש־דיקע אידישע עקאָנאָמיק, האָט זיך אויסגעפורעמט די עמאָ־פזיזאַ־דיגע אידישע פסיכיק, און — ביי די ראַנדן פון די שטענדיגע און אומעטומיגע ספעציפישע אידישע נויטן — האָט זיך אויסגעשאַרפט דער בליציקער אידישער מוח. די פעלקער־באַלעבאַטים פון די יאַרידן האָבן אין אונז שנעל דערזען אָט־די אַנדערשקייטן און אָט־די בליציקייטן, און דער „הבה נתחכמה" איז זיי גלייך געקומען אויפן גומען. נאָר אידער זיי האָבן זייער טייוולאָנישן „הבה־נתחכמה" אויף אונ־זערע לייבער ממש דורכגעפירט, האָבן זיי אויף אַ ווייל געלאָזן אונז אויפשפילן מיט אונזער גאונות. צעבליצן די הימלען מיט אונזער שטערן־זעערייַ און דערוויַל, אין מיט דעם, אויפבויען פאַר זיי און זיי לאָזן אַזוי לייכט ירשיענען די פתום און רעמסס־יאַרידן, ממצרים ועד הנה...

ב.

איבער 18 מיט פיין־געלאָדענע יאַרהונדערטער פון אַזאַ וויסט־און־פינסטערן יאַרידוועזן האָבן געדאַרפט אַדורכגיין איבער די אידישע לייבער, ביז די פלינק־דערזעענדיגע אידן האָבן ענדלאַך־ענדלאַך דערזען, אין פולן גרויל, די זינלאָזיקייט פון זייער גאונישן בליצן און די באַדנלאָזיקייט פון זייערע אָנגעהויפטע פאַרמעגנס. די

לעצטע און בעסטע אילוסטראַציע פון אַט־דער זינלאָזיקייט אונזערער אויף די יאַרידן און די באַדנלאָזיקייט אונזערע צווישן די פעלקער פון גאָטס ערד איז געווען די נייע תורה פון דעם דערפאָלגרייכן גאונישן רבי קאַרל מאַרקס מיט זיינע מיליאָניקע תלמידים וואָס ער האָט אויפ־געשטעלט וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק. אין איין לאַנד נאָר, אין דייטשלאַנד, האָבן זיינע חדרים אַנגעפילט מיליאָנען תלמידים; 7 מיליאָן סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן, און 6 מיליאָן קאָמוניסטן־מאַרקסיסטן. פאַרוואָס האָט זיך מאַרקס תורה צוגעקלעפּט צו אַזוי פיל גוישע מוחות? די צווייטע וועלט־מלחמה האָט עס קלאָר פאַרענטפערט: ווען מאַרקס, מיט זיינע גבאים ליבקנעכט און לוקסעמבורג, האָבן געהאַלטן אין קנעלן מיט די דייטשישע אַרבעטער אַ פּרשה סאָציאַליזם, האָבן זיי עס אין זייערע אייגענע באַגריפן פאַרטייטשט, אַז עס מיינט צונעמען ביים אידן זיין פאַרמעגן, און זיי האָבן מסכים געווען, און געוואַרט אויפן טאָג. און ווען דער אידישער רבי מיט זיינע זאָל־זיין־געטרייע גבאים האָבן געלערנט מיט די דייטשע אַרבעטער אַ קאַפּיטל קלאַסן־קאַמף, האָט זיך אין זיי צעצונדן די חיה קעגן דער בורזשואַזיע, און ביי זיי צעצונדענער קאַמף „אויף לעבן און טויט מיט דער בורזשואַזיע" האָט ווידער געמיינט אויף מעסער־שטעך מיט דעם אידן, און זיי האָבן געוואַרט נאָר אויף דעם טאָג. און ווען „יענער טאָג" איז מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה געקומען, האָבן זיי דורכגעפירט די מאַרקסיס־טישע פּראָגראַם: צוגענומען ביי די אידן פון אייראָפּע זייער פאַר־מעגן (און ניט, חלילה, אַנגערירט די דייטשע בורזשואַזיע) און ביי זעקס מיליאָן נאַקעט־געבליבענע אידישע נפשות זייערע לעבנס צוגע־נומען אויפן ברודיקסטן אופן צו וועלכן דעגענערירטער קולטור־מענטש האָט נאָר געקענט זיך דערטראַכטן און אויספאַנטאַזירן.

ג.

און דאַן־איצט האָט זיך אַנגעהויבן דער פינאַלער צוריקפאַר פון די יאַרידן. ערשט איצט האָבן זיי דערזען די פולע צע־העלטע ליכט פון „ותחזינה עינינו", און פון אַלע וועלט־יאַרידן האָבן זיך אידן גענומען צוריקציען—מיט אַן אַנטגילטיקן שאַלאָם—פון זייערע ביידלדיקע „גליקן". און אַזוי זעען מיר, די לעצטע טעג, צוזאַמענקונפטן פון אידן אין אַמעריקע, יום־טובים אויף יום־טובים, לכבוד דעם זיי־געזונט פון פלוני בן פלוני וואָס זעגנט זיך מיט קאָלאָמבוסעס מדינה, כדי להשתקע...

איבער צוויי פון אַזעלכענע אַפּשייד־אוונטן האָב איך לאַנג נאָכגע־טראַכט: דוד פּינסקי און אברהם שפּייזהענדלער. דער פּרומער שרייבער און דער פּרומער לייענער. דוד פּינסקי איז געווען פון ערשטן מנין שרייבער־באַרימטקייטן אין אַמעריקע וועלכער האָט זיך ניט איזאָלירט פונם לעבן, נאָר, פאַרקערט, זיך געריסן אין לעבן, פאַר אַ ציל זיך געשטעלט אים צו באַאײנפלוסן, און פּרובירן מילדערן זיין סטיכישן גאַנג. אברהם שפּייזהענדלער איז אין די זעלבע פופציק יאָר פון זיין שמייען אין אַמעריקע נתעלה געוואָרן צום ערשטן מנין פון אידעאַלע לייענער, אַ לייענער לשמה, אַ מוקיר רבנן, און האָט אויפגעשטעלט אַ היים בישראל, פאַר וועלכער עובדא ער און זיין פרוי האָבן געקראָגן די שענסטע באַזינגונג פון דער פּני אין דער מחנה פון היגן העברייערטום.

ד.

האָב איך נאָכגעטראַכט פון די צוויי שיינע, זויבערע נעמען וועלכע האָבן פופציק יאָר געהאָלפן פורעמען דעם גייסטיקן פּנים פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום. און עס איז איצט אַ מעשה בכל יום, אַז אַזעלכע כמו־פּינסקי פורעמער און אַזעלכענע כמו־שפּייז־הענדלער שטורעמער פאַרן אַפּ. להשתקע, אין לאַנד פון אונזערע אָבות.

יעדער איינער פון אַט־די אָוועקפאָרער איז אַ פּיאָנער געווען בדורו, און מיט זייער אָפּפאָר בלייבט אַ באַשטימטע ליידיקייט אין אונזער קהל׳שן לעבן. זיי האָבן ניט איבערגעלאָזן קיין יורשים ווער עס זאָל זיך קענען אָוועקזעצן אויף זייער פירער־שטול. און אַ מאַנגל אין פירער־מענטשן, אויב ניט קיין הונגער, איז דאָך שטענדיק אין אַמע־ריקע געווען. וועט אונזער היפּש־אויסגעטריקנטער היגער אידישער לעבן ווערן מיט יעדן טאָג מער איינגעצערט, ביז דאָס פאָלק וועט אין איינעם אַ פּלוצלונגן טאָג בלייבן, חלילה, כצאן בלי רועה.

ה.

ווען אַלע אידן אין אַלע גלות־לענדער זאָלן אין פולער איינשטימיקייט אַנטשליסן זיך צו פאַרבינדן זייער פּערזענלעכן לעבן מיט א״י, איז קלאָר, אַז אונזערע יאָרידן קענען מיר ניט, כהרף עין, אויפלייזן. עס וועלן נעמען יאָרן אויף יאָרן, אויב ניט יאָרצענדליקער,

ביז מיר וועלן קענען אַלע היפּשעביידלעך אונזערע פֿאַנאַנדערנעמען, אויפֿלאָדן אונזערע בעביכעס אויף די כלערליי מינים וועגענער אין אונזער רשות און איבערפֿילן אַלע מענטשנס וועגן און שטעגן אויף דעם ריזיקן מאַרש־צוריק צו אונזער צוגעזאָגטן לאַנד. אָבער כּל־זמן מיר וועלן זיין און בלייבן אין לאַנד־אונטערוועגנס, טאָרן מיר דעם אידישן קלסתר־פּנים ניט פֿאַרקרימען, אַז ניט לזיערט אויף אונז די אומברענגערישע געפֿאַר פֿון זיך אויסמישן מיט דעם ניט־אידישן אַרום, און מיליאָנען פֿון אונזערע ברידער און שוועסטער וועלן גייסטיק אומקומען אויפֿן מזבח פֿון אונזער גלייכגילטיקייט, פֿון אונזער קאָפּלאָזיקייט.

מיר זיינען איצט אויפֿן ברייטן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט אַליין 6 מיליאָן שטאַרק — כּן ירבו. אָט־דער קאָנטינענט האָט גאָלדענע בלעטער איינגעשריבן אין דעם אייביקן בוך פֿון מדינת ישראל, און — וועט נאָך איינשרייבן. אָבער, כּדי מיר זאָלן דאָ קענען שרייבן שיינע בלעטער אין דער אידישער געשיכטע, דאַרף די אידישע מדינה איצט און גלייך איבערנעמען די זאָרג איבער דעם גייסטיקן גורל פֿון אַמעריקאַנער אידנטום, אָדער פּראָסט גערעדט: נעמען אונז, אידן פֿון אַמעריקע, אונטער איר גייסטיקער „הגנה". דאָס אַרויספֿאָרן פֿון דאַנען אָן פּלאַן און אָן חשבון מוז ווערן באַגרענעצט. דאָס אַריינקומען אין ארץ פֿון פּלוני בן פּלוני פֿון דאַן־און־פֿון־דאָרטן דאַרף גוט־גוט געוואויגן און געמאָסטן ווערן אויפֿן וואָג־שאָל פֿון ישראלס אינטערעסן. די וויט־זעער פֿון דער אידישער מדינה דאַרפֿן אָן אויג האַלטן אויף יעדער אידישער פּאָזיציע אונטערוועגנס. און כּל־זמן מיר האָבן די ביידלעך נאָך ניט פֿאַנאַנדערגענומען און די בעביכעס אונזערע אויף די וועגענער ניט אַרויפֿגעזעצט זיינען מיר נאָך שבֿויים בין העכּום, און יעדער איינציקער נפֿש וועלכער דאַרף ביי אונז מיט גאָלד געוואויגן ווערן, מוז מיט דודס פֿאַנצער באַשיצט ווערן.

די אַחריות איבער דעם אידיש־גייסטיקן גורל פֿון די זעקס מיליאָן אידן אין אַמעריקע מוז, דעריבער, אין אַ גרויסער מאָס, גלייך איבערגענומען ווערן פֿון דער אידישער מדינה, מלוכה־מענטשן זאָלן גלייך נעמען קנייטשן זייערע רבנישע שטערנס, אין גייסט פֿון דרינגענדיקער רעאַלער נויט, מיט אַ צוטריט פֿון אָן ערשט־קלאַסיקער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם וואָס קען ניט פֿאַרשיבן ווערן אויף אַחרית הימים.

דער מערדער מאָנט ירושה

דער דאָזיקער קאַפּיטל איז געשריבן און געדרוקט געווען אין „וואָכנבלאַט" מיט 14 יאָר צוריק. און כאָטש געוויסע מענטשן, פאַקטן, פּאָזיציעס האָבן זיך דורך אָט־דעם צייט־שניט געענדערט, אייניקע — ווי וו. עדלין און דוד שאַפּיראָ זיינען שוין אויפן עולם האמת — בלייבט, אָבער, ניט־געענדערט די טרויעריקע לאַגע פון דעם אידישן בוך אין אַמעריקע און די נאָך טרויעריקערע דאָליע פון דעם אידישן שרייבער, וועלכער מוז, נעבעך, אָנשפּאַרן זיין נסימדיקע עקזיסטענץ אויפן פּאַריתומטן בוך זיינעם און 2) ניט־געענדערט בלייבט אויך די אָנקלאַגע אויף די הויפּט־שולדיקע אין דערפירן דעם אידישן בוך צו זיין איצטיקן גסיסה־צושטאַנד.

רעדאַקציע

א.

ווען „אַ משפּט", צי „דער משפּט" האָט שוין אויסגע־בעזימט אַלע גאַסן, און ווען דאָס דאָזיק געפּעדלט ווערטעלע האָט זיך שוין דערשלאָגן צום אויבנאָן פון דער שוסטער־גאַס, איז דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין אויך אַריינגעפאַלן אין ריטם פון „ואלה המשפּטים", און, אין רעזולטאַט — „אַ משפּט איבערן אידישן בוך", מיטן גאַנצן צערעמאָניאַל פון ריכטער און קלעגער און פאַרטיידיגער און רעדעס און עדות און „לײדיס"־פריי און מיט פינף און צוואַנציק פּענעדיקע איינטריטן.

אויפגעשפּילט געוואָרן איז אָט־דער פריז־געווינענדיק־נודנער פּורים־פאַרס ניט נאָך אסתר תענית און ניט אין הויפּטשטאָט שושן, נאָר אין אונזער ניו־יאָרקער־פּראָווינציעלן האַיאַס־זאַל, און אַ וועלכן עס איז שבת־צו־נאַכטס פון 1934. די רעזשי איז, קענטיק, יענעם אָוונט ניט געווען ווי אַלע אָוונטן עפעקטיוו גענוג און אין רעזולטאַט, איז דער משפּט־שפּיל מעשה קאָרטן־שטוב דעמאָלט צעפאַלן געוואָרן, אַזוי אַז די צעמישעניש פון עולם, אין שייכות צו דער פראַגע, איז נאָך פאַראינטענסיפיצירט געוואָרן, ביז 1934 האָט שוין מער ניט געקענט

ליפערן קיין שבתים און אַזוי האָט די ניט־פאַרענדיקטע פיאַסקע ענדלעך זיך געמוזט פאַרענדיקן, כאָטש גאָר־נישט־ענדיקן, ווייל גאָלע־גאָרע גאָר־נישט אָנגעהויבן.

און אַז גאָרנישט־ניט פאַרענדיקט, ווייל גאָרנישט־ניט אָנגעהויבן, און גאָרנישט־ניט אויסגעפירט, קען מען שוין אַזאַ שמאַלץ־טעמע פאַנאַנדערקאָלומען ביי זיך אין די ווייגגערטנער. און, טאַקע עטלעכע טעג נאָך אָט־דער ניט פאַרענדיקטער פיאַסקעניגאַ האָבן עטלעכע גאַ־לאַנטע ריטער פון שרייבער־צעך אַרויפגעפירט אָט־דעם גאַנצן האַר־מידער אויף די זייער־זייער נאַכגיביקע קולטור־קאָלומס פון דער ניו־יאָרקער אידישער פרעסע.

האָט איינער אַ געקאָמענטירעווע געטאָן (ש. יודסאָן) מיט דער גאַנצער פראָמינענץ פון אַן ערשטער זייט:

„דאָס אידישע בוך איז לעצטנס אַרויף אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער אידישער עפנטלעכקייט אין ניו יאָרק. די ערשטע האָבן זיך פאַראינטערעסירט אין זיין גורל די שאַפער פון דאָזיקן אַרטיקל, די שריפטשטעלער און דיכטער, וואָס זיינען אויפגעטראָמן אויפן „משפט פון אידישן בוך“, וואָס דער י. ל. פרץ שרייבער פאַראיין האָט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אַראַנזשירט און אַ פאַרטזעצונג פון וועלכן וועט נאָך קומען...

אויפן „משפט איבער דאָס אידישע בוך“, פון דער טרי־בונע פון שרייבער פאַראיין, זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן שווערע קלאָגן אויף דריי קאַטעגאָריעס אידישע מענטשן, וואָס נאָר אַ דאַנק זייער שולד, זאָל דאָס אידישע בוך, האָבן דער־גרייכט דעם טרויעריקן מצב אין וועלכן עס געפינט זיך איצט. אין דער ערשטער ריי זיינען געזעסן אויף דער אָנקלאַגע־באַנק די לייענער, פאַר וועלכע די ביכער ווערן געשריבן — פאַרוואָס זיי קויפן ניט קיין אידישע ביכער; אין דער צווייטער — די פאַרלעגער, בוכהענדלער און סתם פאַרשפרייטער פון אידישע ליטעראַטור, פאַר ניט טאָן זייער חלק, אָדער נאָך מער, פאַר שטערן די פאַרשפרייטונג פון אידישן בוך, און גאָר אין דער לעצטער ריי זיינען געווען די שאַפער פון אידישע ביכער, די דיכטער און די שריפטשטעלער וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין ניט פּראָדוצירן די ריכטיקע סחורה“.

האָט אַ צווייטער געקאָמענטירעוועט (ש. ניגער) אין „טאָג״:

„דר. א. קאַראַלניק, דער פאַרמעלער אַנקלעגער, האָט אין זיין מינדלעכן באַשולדיקונגס־אַקט גערעדט וועגן דעם אידישן לעזער, וועגן דעם אידישן פאַרלעגער און בוכהענדלער, אויך וועגן דעם אידישן שרייבער. זיי אַלע זיינען, לויט זיין מיינונג, שולדיק איז דעם, וואָס דאָס אידישע בוך האָט אַזאַ שאָטנ־האַפטע עקזיסטענץ... דער אייגנטלעכער געגנשטאַנד פונם „משפט״ איז געווען ניט דאָס אידישע בוך, נאָר די אידישע סביבה אין אַמעריקע. דער סכום באַדינגונגען און כוחות, וועלכע מאַכן די עקזיסטענץ פונם ביכערוועזן לייכטער אָדער שווע־רער . . .

דער „פאַרטיידיקער״ גלויבט, אַז די שולד ליגט ניט אין זיי אַליין, נאָר אין אונזער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספע־רע...

אימעצער איז שולדיק אין דער ירידה פון דעם בעסערן אידישן לעזער, וואָס דאָס האָט געפירט צו דעם עלנט פונם אידישן בוך. איז עס די גייסטיקע אָרעמקייט, די פוסטקייט פון דער גאַנצער אַמעריקאַנער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, און איר פירערשאַפט. ניט דאָס אידישע בוך, ניט דער אידישער פאַרלעגער און אַוודאי ניט דער אידישער שרייבער, מוז געזעצט ווערן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק...״

דער צו־השוה פון בידע חשובע קאָמענטאַטאָרן איז, אַז דריי צדדים זיינען פון דעם פרק פאַראיין אַנגעקלאָגט געוואָרן אַלס שול־דיקע פאַר דעם גסיסה־צושטאַנד צו וועלכן זיי האָבן דערפירט דעם אידישן בוך אין אַמעריקע. איז, וואָס ס'איז שייך דעם ציפער זיינען מיר מסכים: דריי זיינען שולדיק. אָבער — אַ נ ד ע ר ע דריי. און מיר טיילן זיי טאָקע גלייך צו דעם כבוד: 1) זייער עקסעלענץ, די אַרויסגעבער פון די טעגלעכע אידישע צייטונגען אין ניו יאָרק; 2) זייער האָך־מאַיעסטעט, די רעדאַקטאָרן פון די נעמלעכע צייטונג־גען און 3) די צייטונג־שרייבער — די פונם אינעווייניקסטן סטאַף, און די דרויסנדיקע — די וואָס שרייבן דריי מאָל אַ וואָך, צי צוויי מאָל אַ חודש, צי, אַפילו, איין מאָל אַ יאָר. זיי זיינען אַלע גלייכע שותפים אין דעם באַנקראָט צו וועלכן זיי האָבן דערבראַכט דעם אידישן בוך, זיי שטעלן צוזאַמען דעם טרואומוויראַט וועלכער איז דער

איינציק־שולדיקער, דער איינציק־אָנגעקלאָגטער — און אויף זיין געווויסן הענגען מיר אָן דעם חורבן פון דעם אידישן בוך דאָ אין לאַנד.

סימפּטאָמאַטיש פאַר אונזער איצטיקער קאָנטראָווערזיע איז אַ טשיקאַווע שטיקל נייס, וואָס האָט געזאָלט די טעג פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער אַלגעמיינער פּרעסע, און וואָס האָט, צוליב געוויסע סיבות ניט דערזען די ליכטיקע וועלט. דער תמצית פון דעם ניט־געדרוקטן שטיקל נייס איז אַזאַ:

די רעדאַקציע פון הוירסטס „ניו יאָרק אַמעריקאַן" איז אין אַן אומבאַשטימטן טאָג באַזוכט געוואָרן פון פּונקט אַזאַ אומבאַשטימטן לעזער־פּערזאָן, וואָס האָט זיך אין אַן אומבאַשטימטן דיאַלעקט, לפּי ערך, אַזוי פאַרגעשטעלט:

— איך בין זומער דער־און־דער, פון לאָקאַל דעם־און־דעם, אין יוניאָן דער־און־דער; בין אַ גוטשטייענדער „מעמבער" פון „ברענטש" דעם־און־דעם אין רינג דעם־און־דעם און בין אַ לאַיאַלער עפּעס אין אַלע גרופּן, קרייזן, קלויזן, קלובן, קאָמיסיעס און קאָמיטעס אין דער ברייטער ברייטסטער „באַוועגונג". נאָר ווי אַ טרייער לעזער פון דעם „פּעיפּער" האָב איך אייך געבראַכט אין אינגעליש מיינס „אַ בינטעל בריעף":

ווערטער הער רעדאַקטאָר פון „ניו יאָרק אַמעריקאַן"!

ווי אַ טרייער לעזער פון „פאָרווערטס" פאַר די לעצטע 38 יאָר, ווען „קאָלעדזש" איך בין פליייסיק דורכגעגאַנגען, וועמעס ראָמאַנען־טריט איך האָב פרום נאָכגעפאָלגט, וועמעס עצות, וואו־ווי־וואָס־ווען צו שטיין און צו גיין; וואו־ווי־וואָס־ווען צו זען און צו זיין און ניט צו זען און ניט צו זיין; ווען־וואו־ווי־וואָס ווען צו שווערן וואָס צו הערן, ווי צו קלערן, יוען צו שטערן די „שטערן"־בערן און ווען זיך סתם תמ׳עוואָם פאַרקוקוועוען צו די רעגעלע שטערן וואָס טאָקע אין הימל, — ווי אַזאַ מין־אַ־לעזער בעט איך אייך צו געבן מיר פּלאַץ פאַר דער פאָלגנדיקער אָנגעלעגנהייט:

בקיצור: פון מיין איצטיקן בינטל־רייד, וואָס האָט געוווג רייד אויף צען בינטלען, וועל איך נאָר „יוזן" איין בינטל, און דאָס איז, וועגן דעם „דזשואיש אַלפאַבעט". אַלס טרייער לעזער פון מיין „פּיי־פּער" פאַר די לעצטע 38 יאָר פלעג איך יעדן זונטאָג לייענען געגנאָסע ראָגאָפּס „סוירמאָן" וועגן „דזשענטטייל־בוקס", און מיינע באַיעס פלעגן עס טאָקע קויפן. נאָר לעצטנס האָט עטוואָס אויסטערלישעס פּאַסירט: מיין אייגערער אייניקל האָט מיר אַ פרעג געטאָן אויב מיין

„פעיפער" דרוקט אַמאָל אַ „סוירמאַן" וועגן ביכער אין די „דזשואיש אַלפאַבעט". האָב איך אים אָנגעקוקט, האָט ער מיך אָנגעקוקט, — ווייל ער דאַרף קויפן עפּעס אַ „לייטעסט" פאַר זיין „גוירל־פרענד", „אַ יעשיוואַ־גרעדיועיט", אין דעם „דזשואיש אַלפאַבעט". און ער האָט זיך פאַר איר באַרימט, אַז זיין גרענד־פאַ, אַן „אָלד־טיימער" וועט עס שוין „פּיקסן" פאַר אים. און אַז זיין גרענד־פאַ מיט דעם גרענד־פאַס „פעיפער" קענען עס ניט פיקסן האָט מיין אייניקל זיין „ניו יאָרק אַמעריקאַן", און ז י י ן „פעיפער" וועט האַנדלען ספּאָר־טיש. ווי קומט דאָ אַריין דער ספּאָרט? אַזוי ווי די „דזשואיש פעיפערס" בומען נאָר און רק און ווידער און אָבער און אפשר שטענדיק און כמעט־אויסשליסלעך ענגלישע ביכער, דאַרף די היגע ענגלישע פרעסע זיך מרחם זיין אויף דער אידישער ליטעראַטור — איינפירן אַ קאָלום וועגן אידישע ביכער. אַז גוישע צייטונגען וועלן שרייבן וועגן אידישע ביכער, און דערמיט געבן אַ הכשר אויף זיי, און אַז עטלעכע טשיקאַווע גויים זאָלן קויפן, אַפילו אַלס קוריאָז, אַ אידישן בוך וועט אויף אַלע דעפּאַרטמענט־סטאָרס ווערן אַן אויסגעכאַפּ אויף אי־דישע ביכער. דאָס, אין קורצן, איז מיין בקשה צו אייך, און אין נאָמען פון „פעיר פלעי", האָף איך, וועט איר אַנטדעקן פאַר די אידן אַ בוך אין די פּירקאַנטיקע אותיות.

מיט גרוס פון אַ קינפּטיקן לעזער,

שמעון זוכאַבוך

ב.

נאָך אַט דער מעשהלע־ניט־מעשהלע נייסעלע־ניט־נייסע־לע קערט מען זיך צוריק צום משפּט.

הויפּט ריכטער: הער קלעגער, אייער ב׳ז־איצטיקע אַרגומענטאַציע האָט, ליידער, נאָך ניט אויפגעבויט קיין געריכטלעכן גרונט, וואָס זאָל אונז באַרעכטיקן צוריק־צו־עפענען דעם פאַרהער איבער דעם אי־דישן בוך, סאַידן, איר וועט קלאָר פאָרמולירן אייער אָנקלאַגע.

קלעגער: ס׳איז, דאַכט זיך, ניט צו־פיל פאַרפלאָנטערט — מיר קלאָגן אָן די אַרויסגעבער, די רעדאַקטאָרן און אַלע מיטאַרבעטער פון דער טעגלעכער פרעסע אין ניו יאָרק, נעמלעך, „דער פאָרווערטס", „דער טאָג", „דער מאָרגן זשורנאַל" און די „די מאָרגן־פרייהייט", און מיר באַשולדיקן זיי אַלס די מערדער פון דעם אידישן בוך אין אַמעריקע

הויפּט־ריכטער: **הער קלעגער, קענט איר פּילייכט באַצייכענען דעם כאַראַקטער פון דעם מאָרד־פאַל און געבן, אויב מעגלעך, זיין קלאַסיפיקאַציע און זיין נאָענטסטע צי ווייטסטע אַנאַלאָגיע?**

קלעגער: **אַט־דער־דאָזיקער משונהדיקער מאָרד האָט ניט די ווייטסטע און ניט די ווילדסטע ענלעכקייט ביי וועלכן ס'איז אומה ולשון, און אין דעם שימל־שלל פון די יוריספּרודענץ־אַרכיוון האָט מען נאָך ניט דורכגעשימלט אַזאַ אַבסאָלוט געשיכטלעך־איינציקן יוצא מן הכלל! ס'איז נאָר אויפן גורל, קענטיק, פון דער אַלטער אידישער ראַסע אויסגעפאַלן די זכיה צו קענען באַזיצן אַזאַ אבן טוב! נאָר, אויב דער זשאַרגאָן־אוצר פון דער יורידישער טערמינאָלאָגיע ווייסט ניט פון קיין נאָמען פאַר אַזאַ מין אַנדריגינוס, וועלן מיר מוזן וועגן דעם עסוואָס מאריך זיין אין פשוטער עברי־טייטש. דער דאָזיקער יוניקער מאָרד, איז, בכן, באַגאַנגען געוואָרן — דורך אַנטלופטן, דורך צונגעמען דעם זייערשטאָף פון דעם בוך־נפש, ביז צום דערוואָרג אָון, ווען דאָס איז ניט געווען פאַטאַל גענוג, האָט מען אריינגענומען אונטערגעוואָרפענע ליטעראַרישע ממזירים, וואָס האָבן אויף זיך גענומען די נאָבעלע מיסיע פון שפּילן די פּיאָווקע־ראָליע אויפן גוף און אויפן מוח פון דעם שעפער און אויף זיין ווערק.**

הויפּט־ריכטער: **הער קלעגער, איר נעמט ווידער אָן דעם טאָן פון אַבסטראַקטן מאַנעווער. באַמיט זיך פאַרנעמען אויף דער קאָנקרעטער ליניע.**

קלעגער: **מיר האָבן פריער געהאַט אילוסטרירט אונזער געדאַנקגעבוי מיט אַ „בינטעל בריעף“ אין „ניו יאָרק אַמעריקאַן“, וועגן אַ קלאַגע פון אַ לעזער אויפן „פאָרווערטס“. וועלן מיר פאַרזעצן מיט אַן אַנאַליז פון אַ צייטונג, וואָס איז אַ ניט־געלונגענע קאָפּיע פונם „פאָרווערטס“ — פונם „טאָג“. אַט־די צייטונג, אונטער דער טאַלאַנטלאָז־נאָכגעמאַכטער רעדאַקציע פון אב. קאַהאַן איז אַ צאַצקע פון אַ גיפט־פאַבריקע׳לע צו אַלץ וואָס איז שעפעריש אויף אונזער ליטעראַרישן געביט. אונזערע נאָזלעכער האָבן נאָר לעצטנס פאַרזוכט אַ ביסל פון אַט־דעם סם, סערווירט פון „קיין אַנדערן“, ווי פון וויליאַם עדלין זעלבסט. ווי באַוואוסט, גיט דער „טאָג“ אַוועק צענדליקער קאָלומס אויף באַריכטן פון אָרגאַניזאַציעס, סאָסייעטיס כלערליי. האָט די „ניו יאָרקער וואָכנבלאַט געזעלשאַפט“, אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרום הונדערט מענטשן, וואָס גיט אַרויס די „ניו יאָרקער וואָכנבלאַט“, זיך מיט מוט אַנגעגורט, און האָט דעלעגירט דעם שרייבער פון די**

שורות אויף אריינגעבן אין „טאָג״ אַ מעלדונג וועגן דעם דערשיינען פון אַן ערשטן נומער פון דעם וואָכנבלאַט. האָט אַט־דער זייער פּריינט־לעכער, דזשענטעלמענישער, גאַלאַנטער גענעראַל־גענעראַליסימאַ וויליאַם עדלין אונדז באַגעגנט כּהאי לישנא: „מר. שאַפּיראָ (דער אַרויסגעבער פון „טאָג״) איז קעגן בוסטן אַנדערע אויסגאַבן. מר. שאַפּיראָ באַטראַכט אייער אויסגאַבע, יעדע אויסגאַבע, ווי אַ קאָנקורענציע צום „טאָג״. האָבן מיר זיך נאָך אַלץ ניט אַנטוואָפנט, און מיר האָבן פּרדבירט אינטערפּעלירן: מר. שאַפּיראָ איז קעגן „בוסטן״, און מר. וויליאַם עדלין איז ניט קעגן? מר. עדלין מעג וויסן, מר. עדלין זאָל וויסן, אַז דער זשורנאַל ווערט אַרויסגעגעבן פון אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרום הונדערט מענטשן — גוטע דריי־סענטיקע קאָסטימער, און אַט־די אָרגאַניזאַציע איז באַרעכטיקט צו איר נאָטיץ, מוז קריגן אַ נאָטיץ. און — דער נאָטיץ, צווישן פּעטיט־נאָטיצן פון רבנישע דרשות, אונטערן דרוק פון דרך ארץ פאַר די דריי־סענטיקע קאָסטימער, איז ענדלעך ערגעץ־וואו פאַרזונקען געוואָרן, אַזוי אַז די סאַמע־געאיבטע לעזער האָבן עס ניט געקענט אויפזוכן, און אַזוי, אַט־אַזוי, אַט־אַזוי דרוקט דער „טאָג״ נייעס, נייעס וועגן ביכער, וועגן זשורנאַלן.

הויפּט־ריכטער: דענקט איר ניט, ווען איר גיט אַט־דעם נאָטיץ ב. צ. גאָלדבערגן, אַנשטאָט עדלינען, וואָלט עס אַן אַנדער מערכה געהאַט?

קלעגער: זייז מאַיעסטעט, דער מאַעסטראָ בע צע גע האָט שוין געהאַט זיין טאָג. דער נעמלעכער שרייבער פון די שורות האָט אין אָנהויב 1932 געדאַרפט אָפּשטאָטן איינעם פון זיינע גליקלעכע וויזיטן אין די רעדאַקציע־אַלייען פון „טאָג״. האָט אין אַנוועזנקייט פון אַ שרייבער זיך אַדורכגעשמועסן אַזאַ פּערל־פּראָגעלע פונם דידענעם איידימל:

— סיניאָר יצחקא ליבמאַנותא, אייער וואָכנבלאַט גייט נאָך אַרויס?

— הער גאָלדבערג, איר אַלמעכטיקער באַזיצער פון „אַ מעסטער און אַרט דיגרי״ — איר זאָלט דען דאַרפן אָנקומען נאָך אויסקונפט צו „אייער קנעכט״? איר, וואָס, בגנבה, קוקט איר מסתמא ווען אַריין אין די אַלשפּראַכיקע זשורנאַלעכלעך מיטן כוח פון אייער מעסטעראַט, פאַר וועלכן מען ווערט זיך מיט אייך קיינמאָל ניט אויסצאָלן, מעג, אפשר, אייער הויך ווען אַראָפּנידערן צו די טאָל לאַבירינטן פון די אָרים־גראָשנדיקע מאַמע־לשון בלעטלעך? צי „אייער וואָכנבלאַט גייט נאָך אַרויס״? דאָס דאַרפט איר דאָך, איר „טאָג״־רעדאַקטאָר, צו־

שטעלן די ידיעה אייערע קאַלום־יאַטן. אין אייער קולטור־קאַלום האָט איר דאָך שוין אַלע שרצים געטובלט, — טעמעני געכשרט, הלכות אַדווערטייזמענטס איינגעקנעלט, אין די בערג, און צו די קוואַלן, און אין וועלדער אייערע קאַלומיאַטן געעצהט — האָט איר געמעגט ווען־עס־איז אויסזשאַרגן אייער זייער־זויבערן געוויסן, מיט אַריינוואַרפן ווען אַ וואָרט וועגן אַ בידנעם אידישן זשורנאַל, און ניט האַלטן תמיד אַ שפיכת־דמים שפּריצער אין אייערע איידעלע ידים?

און אויף איינעם פון יענע גליקלעכע „טאָג״־וויזיטן האָט אונזער דיקטאַפּאָן־אויער אויך אויפגעכאַפּט, ווי אַזוי דער שעף־רעדאַקטאָר פון „טאָג״, דוד שאַפּירא, האָט אָן אויער אָנגעדרייט איינעם אַ גאַנצן פּירער, אַ רבין, אַ שולע באַגרינדער, אַ טעאָרעטיקער, אַ פּערמאַנענטן אָפּאָזיציאָנער, הלמאי ער האָט זיך דערלויבט נוצן אַ וואָרט אין זיין אַרטיקל, וואָס דזשאָו, דער בראָנזווילער בוטשער און היימי, דער בראָנקסער גראָסערימאַן פון פרימען עוועניו וועלן ניט פאַרשטיין. „אַז איך פאַרשטיי עס ניט, ווי וועלן זיי עס פאַרשטיין? פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען?״ און אונזער רבי, פירער, טעאָרעטיקער, אייביקער גרינדער, און פּערמאַנענטער אָפּאָזיציאָנער, האָט הכנעהדיק אַלץ אויסגעהערט און האָט פאַרשטאַנען! און האָט פאַרשטאַנען!

און אַזוי האָט דער „טאָג״ אָנגעהויבן זיין טאָג־טעגלעכע אַטאַקע אויף אַלע זיינע זייטן, קאַלומס און שורות. מען האָט געהרגעט די דערציילונג, דורך דרוקן וואָך־אין־וואָך געמאַטערטע דערציילונגען פון נאָר איין בעלעטריסט ביים אידישן פאָלק — יוסף אָפּאַטאָשו. מען האָט געהרגעט די פּאָעזיע דורך דרוקן וואָך־אין־וואָך אַ ליד פון איין־איינציקן פּאָעט ביים אידישן פאָלק — יואל סלאָנים. מען האָט דערהרגעט די פּובליציסטיק דורך פאַרוואַנדלען אַלע שרייבער אין „הענט״ פון אַ „קליפּינג״ ביוראָ.

דער־זעלבער איין־איינציקער דערציילער ביים אידישן פאָלק הייסט אין פאַרווערטס״ נומער 13 (מיטן אויסנאַם פון אברהם רייזענס דערציילונגען, אויף וועלכע מען קען ניט אָנהענגען קיין נומער). אויס מענטשן! נומערן! ווי אויף תפיסה - איינגעשפּאַרטע. פּאָעטן? דאָס פאָלק האָט ניט קיין פּאָעטן, וויל ניט קיין פּאָעזיע — איין פּאָעט איז „פּלענטי״ — מאַני לייב. נאָר ס׳איז געווען אַ קורצע צייט, — און וואונדער איבער וואונדער — אברהם רייזענס לידער האָבן זיך גענומען דרוקן, ווי לאַנג האָט עס, אָבער, אָנגעהאַלטן? ס׳טאָר מער ניט זיין ווי איין פּאָעט — אַזוי האָט געפּסקנט דער

איינציקער רעדאַקטאָר פון דער אידישער פרעסע אין ניו יאָרק, און ווער, אַ ווער, וועט וואַגן צו ווידערשפעניגן ?

דער נעמלעכער שטערן־דערציילער הערצער־דערקוויקער הייסט אין „מאָרגן־זשורנאַל" שאול סאַפיר. און דער הויף־פּאָעט — אברהם אייסען. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן. אין „מאָרגן־זשורנאַל" איז די „פאָרווערטס"־„טאָג" שנאה צו אידיש קיינמאָל אַזוי שאַרף ניט געווען. פּעטער ווערניק פלעגט צווישן זיינע דרוש־ספרים איבערבליקן אויך, אויף זיין אופן, אַריינוואַרפן אַ וואָרט וועגן כמעט אַלץ וואָס פלעגט דערשיינען אין אידיש. לעצטנס, האָט דר. א. מוקדוני יעדן מיטוואָך אַן אַרטיקל־איבערבליק איבער פראַגן פון אידישן בוך און זשורנאַל. און אַזוי באַקומט זיך, אַז דווקא דער קאָנסערוואַטיווער „מאָרגן זשורנאַל" זאָל אַרויסווייזן מער באַציאונג צו אידיש און צו אַ אידיש בוך צי זשורנאַל, ווי וועלכע עס איז אַנדערע אידישע צייטונג.

וואָס ס'אי שייך דער מאָרגן־פרייהייט" איז דאָ אַ צויבערמעסיקע לאַגע. פון איין זייט פאַרשפרייט דער „פרייהייט"־פאַרלאַג הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן פון ביכער און בראָשורן (170 טויזנט אי־דישע בראָשורן פאַרקויפט אין דריי (3) יאָר). די באַציאונג צו אידיש איז אַ בעסערע ווי ביי דער בירגערלעכער פרעסע. שוין דער אויס־לייג אַליין. דאָס דורכפירן קאָנטעסטן איבער דערציילונגען און לידער, און דערמיט דערמוטיקן נייע כוחות. דאָס אָפטע שרייבן וועגן איצ־טיקע מענטשן, און איצטיקע ווערק. קורץ, ס'פילט זיך אַ לעבעדיקער אינטערעס אין לעבן פון איצטיקן אידיש. נאָר, און נאָר — מיט די אַלע קאָנטעסטן, קריטיקן און אינטערעסן, ניי־צוגעקומענע שרייבער־פּנימער — וואו זיינען זיי? וואו איז איינער? און איידער מען האָט אויסגעכאַוועט אַפילו איין ילד — שוין מכריז־זיין אַ חרם אויף דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור אַזוי אַז מען זאָל ממש אַריינלייגן אין גרענעץ פון קרעציקע אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן און ווערט גע־שאַפן אין דער אידישער ליטעראַטור — דאָס איז אַ מאָרד־פאַרברעך וועלכן מיר הענגען אָן אויף דעם געוויסן פון דער „מאָרגן־פרייהייט", וועלכע טיילט איר מאָרד־ראָלע צו־גליך מיט דער גאַנצער אידישער פרעסע אין ניו יאָרק.

ג.

פאַר די וואָס ווילן גלויבן אין בוך תחית המתים איז דאָ איין וועג — דער וועג פון פאַרטייטשן דעם גלויבן אין מעשים. די יונגע

כוחות, וואָס האָבן ניט געהאַט די געלעגנהייט אויפצוגיין אויף דער טראַדיציע פון שרייבער־שנאה, פון בוך־שנאה, פון שנאת אידיש, אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן צו אָפּראַמען די חורבות פון פופציק יאָר חורבן־אַרבעט פון די שרייבאַריש־רעדאַקטיריש־באַלעגופישע ידים און נעמען בויען און בויען און שאַפן און געבוירן אַ — יש מאין

דער לאַנדסמאַן — דער משיח

.1

נאָך דעם ווי אונזער דור האָט זוכה געווען צו דער געט־לעכער התגלות פון מדינת ישראל, און נאָך דעם ווי עס זעען אונזערע אויגן בוכשטעבלעכן אַריינשטראָם אין ארץ פון כל תפוצות הגולה,— ד. ה. די אמתע און ענדלעכע פאַרווירקלעכונג פון שיבת ציון — איז איצט די העכסטע צייט זיך ענדלעך אַרומצוזקוקן אויף אונזער אייגן ביסל באַלעבאַטישקייט דאָ אין לאַנד וואָס איז, אין ריזיקער שותפות, פון גאַלע־אַלעמען אַזוי גרויזאָם פאַר׳הפקר׳ט געוואָרן.

און כאָטש די אידישע מדינה איז נאָך ווייט ניט פאַרפעסטיקט, וואָג איך פאָרצולייגן, אַז זי דאַרף שוין איבערנעמען די קהלשע זאָרגן פאַר אירע בירגער אונטערוועגנס, און, במילא, אויך אָנהויבן דעם תחית־המתים פראָצעס פון איינדאָרנדיקן אַמעריקאַנער אידנטום. נאָר אַזוי ווי אונזער יונגע רעפּובליק קען אונז אַרויסשטעלן אַ קעגן־טענה, אַז זי מוז איר געשעצטע ענערגיע דערווייל ריכטן אין בילכערע פונקטן, מוזן מיר, דעריבער, אַ וועגד־טאָן אונזערע נישטערנדיקע בליקן אין אונזערע היגע מחנות און אויפזוכן און ווי געהעריק אים באַזאַלבן, אים — דעם „האָום־מעיד״־משיח.

.2

אינם ערשט־געשלאָסענעם יובל פון אונזער מאָסן־אימי־גראַנטישן לעבן דאָ אין לאַנד האָבן כלערליי משיחים פּרובירט באַ־שטייגן דעם שטול פון פירערשאַפט: אוגאַנדיסטן, איזראַעליטן, אַנאַרכיסטן, אַסימילאַטאָרן, איפכא־מסתברא׳ניקעס, „באַיעס״, בונ־דישער שיריים, בטלנים, בירא־בידזשאַנער, גוטע אידן, גראַנד־גע־נערעלער, גראָשענע מעצענאַטן, „דזשואיש״־קאָמיטעניקעס, האָקום־פּאָקום־לייט, הורא־שרייער, „היברו״־אידן, וועלט־שמערץ־טרעגער, זייאָנים, זשאַרגאָניסטן, חובבי־שפת־„יענעמס״, טעריטאָריע־זוכער, יאַהודים, יודעי־הכול׳ס, כולם־צדיקים, לאַיער־לויערער, לולב־אידן,

מאַרשאַלס און פעלד־מאַרשאַלס, ניין־זאָגער, סאָציאַליסטן מכל האַ־פאַרבן, „סתם־שיינע" אידן, עם־עולמניקעס, עס־עס־אָוצעס, פאַפּי־רענע פילאַנטראָפּן, עקס־אָקס־פּרעזידענטן, „פּאַטייטאָ"־טעאָרעטיקער, „פּאָס"־אימיסטן, פּערמאַנענטע דעלעגאַטן, ציוניסטן מיט אַ וואָוו, ציו־ניסטן אָן אַ וואָוו, קאָנגרעסאָוצעס, קאַריערע־איסטן, קהלשע זיפּצער, רעוועריענטלעך, רררעוואָלוציאָנערן, שוך־פּראָפעסאָרן, שטעקל־דרייער, שאינו־יודע־לשאולס — אָן אַל־קאַליריקער געמיש, אַ געפּלאָנטער־ניט־צעפּלאָנטער פון אונזער אונטער־איבער־אונטער־וועלט היושב על כסא רם ונשא!

בלויז איינער האָט זיך איינגענורעט אין זיין ווינקל ראַליע פון רואה־ואינו־נראהדיווקייט, און איז געבליבן אַ פאַרלאָרענער אין זיין לאָקאַלן ניט־טשעפּע־מיך־מעסיקן אַרכיוו־שטויב — דער לאַנדסמאַן!

זיין אינלענדישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן און האָט זיך פאַרזיגלט מיטן זייער־זייער צאַפּלדיק־לעבעדיקן קראַנקן־בעגעפּיט פּונקט — קרקע. מיט זיין נאַציאָנאַלן הימן „שישו ושמחו בשמחת קרקע", אונטערטאַנצנדיק, האָט דער לאַנדסמאַן אַרומגעשמייעט אַ לעבן. זיין אויסלענדישע אַקציע האָט זיך אָנגעפּאַנגען און אויס־געלאָזן מיטן אָנטרעט אויף אונזער נאַציאָנאַלן היגער־אויג — פּאָגראָמען!

און מיט אָט־דעם קרקע־פּאָגראָם האַרמידער האָט אונזער עניו־דיקער לאַנדסמאַן אָפּגעשמייעט אַ צוויי־דריי דורות פון „אַלגעמיינע", גע„ספּעשעל"טע, געשטרייכט און געשטרייפּלטע לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָסייטי־מיטינגען.

.3

ווען מיר הויפּן דורך אָט־דעם ערשט אָוועקגעשוואומענעם האַלב־יאָרהונדערט אידישן מאַסן־לעבן אין אַמעריקע זעען מיר די כוחות וואָס האָבן געפורעמט דעם יונגן און מעכטיקן ישוב. פועלי ציון האָבן געוועקט חשיבות צום זשאַרגאָן און האָבן געגרונטיקט דעם בנין פון מאָדערנער אידישער קינדער־דערציאונג; די „געגנאָסן" האָבן פון „עצמות היבשות" יוניאָנס אויפגעבויט; די כלי קודש פון כל המינים — שולן, טעמפּלען, סענטערס, תלמוד תורות אויפגעטורעמט; די ליטווישע משכילים האָבן אַ פּרעסע געשאַפן. קען דער לאַנדסמאַן־קיבוץ אָנווייזן אויף עטוואָס בויענדיקס, דויערנדיקס, געשאַפן פון אַ קיבוץ פאַר אונזער אַמעריקאַנישן כלל?

ווי געזאָגט, זיינען ביז גאָר לעצטנס געווען אַנדערע אידן־כוחות וואָס האָבן דאָ געווירקט קאָנסטרוקטיוו. איצט זיינען זיי פאַרנומען מיט אַנדערע, וואָרשיינלעך — וויכטיקערע אַרבעטן. די פּועלי ציון באַוועגונג מיט אירע אַליאירטע איז איינגעשלונגען געוואָרן פון דער „הסתדרות", און איצט — מיט מדינת ישראל; די סאָציאַליסטישע גאַס פאַרווענדט איר ענערגיע אין דעם ברודערשן טשופּרינע קאַמף מיט די לינקע; די כלי־קודש פּעכטן אַ פאַרצווייפלטן געראַנגל מיט די כלערליי מאַרטגעדזשירער וואָס ווילן אַוועקנעמען די הייליקע ווענט־און דעכער, אין וועלכע די אָרטאָדאָקסיע האָט איר גאַנצן כוח כמעט אַריינגעצעמענטירט. די פּרעסע איז פאַרנומען מיט קעכלען דעם צעפּיעסטשעטן פינף־סענטיקן לעזער הגדול; אין די מיליאָן־דאָלאַרדיקע טעאַטער־פּאַלאַצן האָט מען אַנגעשטעלט גיגאַנטישע פאַרגרעסער־גלעזער אויפצוזוכן די מזומענע בילעטניקעס, ווען זיי האָבן בידים פאַרטריבן אויפן „ווייסן שליאַך"; שרייבער היטן זייערע היימען, אַז קאַלעגן זאָלן, חלילה, ניט אונטערוואָרפן איינער דעם אַנדערן זייערע ביכער, אַרויסגעגעבן פון געמיינזאַמען פאַרלאַג „אייגן קעשענע" — ווען אַ ממשותדיקן לעזער וואָגט מען גאָר ניט צו טראַכטן.

קען איצט, מעג איצט דער לאַנדסמאַן ווייטער פאַרזשמורען די אויגן, אַטראָפּירן די געהער־חושים און פאָרטזעצן זיין האָפקע־טענצל מיט דער קרקע־תורהלע? דער ליידיק־געוואָרענער שטול פון די שטולן מוז איצט פון אים פאַרנומען ווערן. לאַמעד־וואָווניקעס אין די לאַנדסמאַנשאַפטן דאַרפן זיך שטעלן אין פאָדערגרונט; יחידים דאַרפן לאָזן די אַרבעט אין באַוועגונג.

4.

אין ניו־יאָרק, אין דער איינער שטאָט, געפינען זיך צווישן דריי און פיר טויזנט לאַנדסמאַנשאַפטן, סאָסייטיס, חברות, פאַמיליע־קרייזן, וואָס האָבן ביז איצט קיין נאָגל ניט צוגעטראָגן צום געזעלשאַפטלעכן בנין. וועלן זיי אויך איצט ניט דערפילן די היסטאָרישע אַחריות, און זיך ניט צורוקן צום אויבנאָן? מיט עטלעכע ערנסטע טוער קען זיך אָנהויבן די אָרגאַניזיר־אַרבעט פון אָט־דעם אויסגערוטן מענטשן־מאַטעריאַל.

די היגע אידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט ביז איצט זיך אויס־געצייכנט אין איר „אָקזילערי"־ראָליע פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען,

וואָס איז מחוץ פון אונזער היגן לעבן. דער לאַנדסמאַנשאַפט־כוח דאַרף, בכן, קודם־כל געבן אַ נייע ווענדונג דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט. זיין לאָזונג דאַרף ווערן: מיטן פנים צו אַמעריקע! אַן אוניווערסיטעט אין ארץ ישראל, און פאַבריקן אין מדינת ישראל — ווי וויכטיק און דרינגענדיק זיי זאָלן ניט זיין — קענען ניט פאַררוקן אויפן צווייטן אָרט אונזערע היגע ראַנגלענדיקע נויטן און לייזונג־זוכנדיקע פראָבלעמען. דעם לאַנדסמאַנס „ראשית חכמה" דאַרף זיין: אַ דעקלאַראַציע צום אידישן וועלט־אידעם — „אויף אייגענע קעסט!" דיינו! משולחים פון אַלע לענדער, אין אַלע פאַרבן — אַ שאָד אייערע הוצאות! אויף אייער לעצטער נסיעה האָט איר ביי אונז שוין אויסגע־בייטלט די לעצטע פרוטות! עס האַלט שוין ביי שיקן אַ דעלעגאַציע פון דאַנען צו אייך! חזרט עס גוט איין: מיר קענען ניט בויען אייערע אוניווערסיטעטן — בעת ניט־וויניק פון אונזערע לערער האָבן שוין באַלד פאַרגעסן דעם טעם פון שכר־לימוד; מיר טאָרן נישט זאָרגן פאַר אייערע שלל וועלט־זשורנאַלן, ווען אונזערע איצטיקע לעבעדיקע בלעטער פון היגע לעבעדיקע שרייבער קענען ניט האָפן צו דערזען דעם ליכטיקן איינבאַנד.

און אַזוי שנעל ווי מיר באַוואָרענען זיך קעגן אַן אָנפאַל פון אַ משולחים־מגפה נעמט דער לאַנדסמאַן־קיבוץ איבער דעם „קי־ניגלעכן רוט". ער מוז זיך, אָבער, צוזאַמענשמעלצן אין אַ קיבוץ. די איבערנדערמאַנטע לאַמעדוואָוטניקעס דאַרפן געפינען דעם וועג צו אַן אַסיפה פון פאַרשטייער פון די אַנגעזעענע לאַנדסמאַנשאַפטן, סאָ־סייטיס און פאַראיינען, וואו עס זאָל פראָקלאַמירט ווערן די נייע ממשלה.

און גלייך נאָך דעם אַ ריי דרינגענדיקע אַרבעטן, וואָס גאָרן אויף דעם צוריר פון אַ באַלעבנדיקן כוח:

אין ערשטער ריי — אידישע דערציאונג פאַר קינדער און, שפעטער־צו, פאַר די עלטערן. אָט דער געביט איז, אפשר, דער פאַר־נאַכלעסיקסטער. מער ווי צוויי דריטל אידישע קינדער אין אַמעריקע ווייסן ניט פון קיין צורת אלף. לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן גענוג גע־זינדיקט ביז איצט קעגן זייער אייגן בלוט־און־פלייש. אָבער ווייי־טערדיקע הפקרות קען מער ניט געדולדעט ווערן. ס'איז אַ שפיל מיט פייער. ס'איז בידים איבערגעגעבן דעם יונגן דור — דעם קינפטיקן אידישן פאָלק — אין די הענט פון דעם טייוול!

די אידישע ליטעראַטור האָט אויפן היגן פּיאָנערישן באָדן איר

גואל נאָך ניט אָנגעטראָפן. אָן אַ מלוכה, אָן מעצענאַטן, אָן ממשדי־קע און פאַראַנטוואָרטלעכע ליטעראַטור־פאַראיינען, אָן פאַרלעגער — איז דאָס ביסל אידישע ביכער און צייטשריפטן וואָס איז דער־שינען דאָ אין לאַנד אויך מעשה נסים. אַ צענטראַלער לאַנדסמאַנ־שאַפט כוח, מיטן געהעריקן אינטערעס פון די מערסטע פאַראיינען און חברות וועט אויפלעבן די איינטריקנדיקע ביינער און וועט ברענ־גען אַזאַ ליטעראַטור־שפע, וואָס קיין אויג האָט נאָך אַזוינס ניט געזען.

און אַזוי פון געביט צו געביט. צו געבאָט! ס'איז דער גע־באָט פון דער שעה. ס'דאַרף נאָר קומען איינער, און אַ צווייטער און אַ דריטער. מיט אַ מנין נעמט מען בויען דעם בנין. אַ מוסר השכל זאָל מען לערנען פון די ביאַליסטאָקער אין ניו־יאָרק. אין קריזיס־צייט אויפגעטורעמט אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַרדיקן בנין. אַ מושב־זקנים פאַר היגע לאַנדסלייט. איין לאַנדסמאַנשאַפט בלויז. הײנט צען, הונדערט, און טויזנט. ס'איז אַן אומאָפּשעצבאַרער כוח. ס'בעט זיך נאָר אַן אָנהויב — אַ צוריר פון צען פינגער.

פון גיזעקינג, דורך פאָונד ביז צו דרייזער

די מעשה ווי אַזוי אַמעריקע האָט העפלעך משלח געווען פון לאַנד דעם נאַצי־פּיאַניסט גיזעקינג און די באַלד־נאָכלויפנדיקע מעשה פון דער אָקאָרשט־געקרוינטער־ באַלוינטער פּאָעזיע פון פאַשיסט־פּאָעט פאָונד דערמאָנט אָן דער וואַנזיניקער דרייזער־פּראָזע, וואָס האָט, מיט אַן ערך פון פופצן יאָר צוריק, אויפגעשטורעמט, צי געדאָרפט אויפשטורעמען, די ליבעראַלע און עכט־פריהייטלעכע אַמעריקאַנישע עפנטלעכקייט. און ווי עס האָט געטראָפן אין יעדן דור און דור פון אונזער אין פיין־און טרערן־דורכגעווייקטער געשיכטע, האָט אויך דעמאָלט דער באַקאַנטער און באַרימטער און גרויסער־גרעסטער (?!) ליבעראַל־ראַדיקאַל־סאָציאַליסט־קאָמוניסט־סטאַליניסט טעאָדאָר דרייזער, אַנטפּלעקט זיך אין זיין העל־געשטאַלט פון אַן אוהב ישראל, אַלס דאַנקבאַרקייט צו די אידן, וואָס זיי האָבן אים די ערשטע אַנערקענט — די ערשטע צו ווען דרוקן און אַרויסגעבן און קויפן און לייענען זיינע ווערק — אַן אַנערקענונג, וואָס האָט אים עשירות געבראַכט, כבוד אָן אַ מאָס צוגעטיילט און אַ וועלט־נאָמען געגעבן. אַלס אַנערקענונג פאַר דעם איז ער דאַן אַרויסגעקומען מיט אַ הילף־פּראָגראַם פאַר די אידן: 1) אָדער זיי זאָלן זיך איצט, טאַקע גלייך ערב פּסח, פּונקט ווי אין מעשה מצרים, אַרויספּעקלען פון אַמעריקע אין זייער פולער צאָל פון זיבן און דרייסיק מיליאָן (37,000,000) שטאַרק, אָדער 2) זיי זאָלן אָננעמען זיין קאָלעגע בערנאַרד שאָוס עצה „אַז יעדער אידישער יונגערמאַן זאָל מיט געוואַלט געצוואונגען ווערן צו הייראַטן אַ ניט־אידישע מיידל" — ד. ה. „אַ פּראָגראַם פון ראַסן־אָדער פעלקער־מישונג דאָ אין אַמעריקע".

אין זיין ערשטער הילפס־פּראָגראַם דעקלאַרירט ער זיך אַזש אַלס ציוניסט. ער זאָגט עס אויף זיין שטייגער:

„און כאָטש מען וועט מיך אָנרופן באַרבאַריש, אַנטיסעמיטיש און וואָס נאָך דאָרט, קום איך איצט און דערקלער, אַז נאָכדעם ווי זיי זיינען אויסגעוואַקסן אין רייכקייט און אין צאָל און אין פייאיקייט און אין כבוד איבער דער גאַנצער וועלט,

איז עס צייטמעסיק קלוג פאַר זיי צו באַגרייפן, אַז סוף כל סוף זיינען זיי אַ צעשפּרייט פאָלק, אַ פאָלק וואָס ווערט באַלעס־טיקט און באַפאַלן, און וויבאַלד די לאַגע איז אַזאַ — און ווען דער אַנטיסעמיטיזם איז דאָ, ניט געקוקט אויף קולטור און ליי־בעראַליזם — דאַרפן זיי איצט זיך צוזאַמענגעמען און באַ־טראַכטן זייער מצב און זייער צוקונפט. עס זיינען פאַראַן אי לענדער אי פעלקער — נעמענדיק אין באַטראַכט די אינטער־נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אין איצטיקן מאָמענט — וואָס דאַרפן וויליג זיין און זיינען אימשטאַנד צו באַזאָרגן זיי ניט נאָר מיט אַ פולשטענדיק פּאַסיקן לאַנד, נאָר אויך מיט די הלוואות און אויסשטאַטונג „וואָס זיינען נויטיק כדי זיי אַרויפצופירן אויף אַ וועג פון אַן אומאָפּהענגיקער, און איך בין זיכער, דערפאַלגרייכער און גלענצנדער קאַריערע אַלס אַ פאָלק. און דאָס גלויב איך — נעמענדיק די ציוניסטישע באַוועגונג אין באַטראַכט — דאַרפן זיי וועלן, און זאָגאָר שטאַרק וועלן".

און וואָס האָט אים אינספּירירט צו אָט דעם „נעאָ־משיחיזם"? דריי זאַכן: א) אַרכיטעקטורישע פּראַכט פון די אידישע בתי־מדרשים; ב) דער שבת, און ג) די אויסערגעוויינלעכע אידישע באַגאַבונג. אין איינעם פון זיינע בריוו צום ליבעראַלן אַמעריקאַנעם שריפטשטעלער האַטשינס העפּגוד, וואו דער לעצטער האָט עס פאַרעפנטלעכט אין דער ליבעראַלער וואָכנשריפט „די נעישאַן", דערקלערט עס דרייזער אַזוי:

„איך האָב געזען ווי עס וואַקסן אויס אַרכיטעקטוריש־שיינע אידישע שולן איבער גאַנץ אַמעריקע. איך הער דעם רוף צו באַנייען דעם אידישן שבת. איך באַמערק דעם אויסזען פון ניו־יאָרק און שיקאַגאָ אין יענע טעג, ווען אידן פראַוועון פּסח און ענלעכע רעליגיעזע טעג, און איך בין ניט גרייט צו גלויבן וואָס איר זאָגט. איך דענק, אַז איר פאַרקוקט דיווירקלעכקייט דער־פאַר, ווייל איר באַוואונדערט זייער און סימפּאַטיזירט שטאַרק מיט אַ גלענצנדן און באַגאַבטן פאָלק. מיין אייגענע באַאָבאַכ־טונג בנוגע די טענדענצן צווישן אידן אין דער דאָזיקער הינ־זיכט איז אַ גאַנץ אַנדערע".

און, איבערהויפּט, איז אונזער אַלט־נייער און נייעסטער פריינט און דערלייזער באַגייסטערט פון דער אידישער פריה־ורביהדיקייט. אַ קליינינקייט, כמעט אַ דריטל פון דער אַמעריקאַנישער באַפעלקערונג

— אַ אידישע! אין דעם נעמלעכן בריוו באַגרינדעט ער זיין ענטוזיאַזם, וואָס פירט אים אַזוי אוממיטלבאַר צו אידישער צוגעבונדנקייט:

„איר זאָגט, אַז איך שטעל צו הויך די צאָל פון אידן אין אַמעריקע. איך גלויב אַז ניט. עס איז אמת, אַז די פאָלקס־ציילונג פון 1927 ווייזט, אַז אין אַמעריקע זיינען דאָ פיר מיליאָן 288 טויזנט אידן, אַנטקעגן אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 118 מיליאָן, אָבער מען קען געוויס אָפּפרעגן די ריכטיקייט פון דער צאָל, ספּעציעל דערפאַר וואָס אַזוי פיל אידן גיבן זיך אָן בכיוון אַלס אַמעריקאַנער, באַנוצנדיק אַמעריקאַנישע נעמען, און אַפילו דאָס איז נאָך ניט אַלץ, ווארים עס זיינען דאָ האַלבע־אידן און פערטל־אידן, וועלכע האַלטן זיך פונדעסטוועגן מיט אידן דורך בלוט און רעליגיע. אין דעם „וואָירלד אַלמענעק" געפין איך, אַז די אידישע באַפעלקערונג אין ניו יאָרק סיטי פאַר 1927 איז אָנגעגעבן אַלס 1,765,000 און אין שיקאַגאָ — 325,000. יעדער איינער, וואָס האָט געזען, ניו יאָרק, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, לאָס אַנדזשעלעס אין אַ אידישן יום־טוב, ספּעציעל אין אַ יום־טוב פון פאַסטן אָדער סעודות, ווייס, אַז די דאָ־זיקע ציפער זיינען לעכערלעך. ניו יאָרק איז דעמאָלט פּאַק־טיש אַ פאַרלאָזענע שטאָט. איר וואָלט געקענט מיינען, אַז גאַנץ שטאָט, אויסער אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג, האָט זיך פאַר־מאַכט אין די הייזער, און אין שיקאַגאָ קריגט מען דעם איינ־דרוק, אַז אַ דריטל פון דעם לעבן, אויב ניט מער, איז אַוועק פון שטאָט, וואָס דאָס מיינט, אַז די אידישע באַפעלקערונג דאָרט באַטרעפט איבער אַ מיליאָן".

האָבן מיר דעמאָלט פּרובירט צו טין־טאָן פאַרזיכערן אונזער פריינט דרייזערן, אַז עס טוט אונז אויך היפּש הנאה סיי פון דער אידישער פּרוכ־פערדיקייט, סיי פון דער אידישער באַגאַבונג, סיי פון אידישער דער־פאַלגרייכקייט און אַפילו פון דער יום־כּפּור רו, וואָס דאָמינירט די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט. מיר זיינען דאָ אַנצוהאַלטן אונזער טומל און פאַרצווענצן אונזער רו. מיר זיינען דערוויל היפּש פאַרנומען מיט אונזערע יום־טוב־טעג און מיט אונזערע רו־טעג, אַזוי אַז מיר קענען ליידער, ניט נעמען איצט אין געהעריקן אָנבאַטראַכט וואָס אונזערע פריינט עצהנען אונז אַזוי גערן און אַזוי פריגיביק. מיט איין זאַך אָבער קענען מיר יע אָפּדאַנקען אונזערן אַן איבערגעגעבענעם זאַרגער, און

גרויסן אוהב ישראל — אַלס דאַנקבאַרקייט צו זיינע הילף־פּלענער, געגעבן אין אַזאַ יום־טוב טאָן ווען מיר, זאָלן מיר טאָן אונזער פליכט און אויך אויף זיינע ווערק דערקלערן „יום־טוב".

יע, ס׳איז פליכט־נומער־1 פון יעדן שטאָלצן איד און לייטישן ניט־איד צו קעגנשטעלן זיך ממשותדיק קעגן אָט־די און אַנדערע גייסטיקע מטורפים. וואָס הייסט ממשותדיק? אין פאַל פון גיזעקינג, געגומען העפלעך און לויט אַלע כללים פון דער עטיקעטע, פאַרן זיידענעם קאָל־נער, און — משלח געווען. און אין פאַל פון וואָרט־אָנפאַל דערקלערן „אַ יום־טוב" אויף יעדן בוך און אויף יעדעס בלעטל וואָס האָט די מינדעסטע אָנגעהעריקייט סיי צום צאַצקעדיקן נאָמען פון דעם וואָן־פּאָעט עזרא פּאָונד און סיי צו דעם זייער ציכטיקן נאָמען טעאָדאָר דרייזער.

הערצלס פאַרווירקלעכטער
„אידנשטאַט"־טרוים

א.

מיט דריי יאָר צוריק איז געפייערט געוואָרן דער 50־יאָריקער יובל פון ד"ר הערצלס עפּאָכע־שאַפנדיק ספרל—„אידנשטאַט" — וועמעס אידייע איז איבער גאָר דער וועלט כמעט אָנגענומען געוואָרן אַלס דער אלף־בית פון פּאָליטישן ציוניזם און וועלכעס ווערק האָט זוכה געווען צו שפּילן די גרעסטע רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָליע אין דעם פּאָליטישן דענקען פון אונזער פאָלק אין משך פון די פולע צוויי טויזנט יאָר פון אונזער לאַנגן וועג אין גלות.

ביים ערשטן יאָרטאָג פון דער אידישער מלוכה איז כדאַי זיך צו פאַרטיפן סיי אין דעם זין פון אָט־דעם ספרל און סיי אין דער עפּאָכע וועלכע האָט אַרויסגעגעבן דעם נביא־טרוימער פון דער אידישער גאולה.

ב.

פּונקט ווי דיכטער ווערן אָפט איינצייטיק אינספּירירט פון איין און דעם זעלבן מאָטיוו און נוצן גלייכצייטיק אַפילו די זעלבע, צי גאָר ענלעכע, אימאַזשן אויף צו געשטאַלטן זייער מאָטיוו — אַזוי איז ד"ר הערצל אומגעגאַנגען וואָכן לאַנג אַן אינספּירירטער מיט דער „אידנשטאַט"־אידייע, ניט האָבנדיק קיין אַנונג פון משה העס'עס „רוים און ירושלים", פון לעאָ פינסקער'ס „אויטאָעמאַנסי־פּאַציע", צי פון ליליענבלום'ס בראָשור אין רוסיש וועגן אַ אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, אַ בראָשור וואָס איז אין די פאַר־הערצל־טעג גוט פאַרשפּרייט געוואָרן אין דעם וואָלינער געגנט פון רוסלאַנד. און פּונקט אַזוי האָט ער ניט געוואוסט פון דעם ציוניזם בעל־פּה, וואָס איז געפּריידיקט געוואָרן פון די דיכטער פרוג און ביאַליק אין רוסלאַנד און פון אַנדערע חובבים און פאָרלויפער פון דער שיבת־ציון אידייע.

ג.

צו פאַרשטיין ווי געהעריק דעם מהות פון ד״ר הערצלס „אידנשטאַט״ דאַרף מען געדענקען זיין פאָלגנדיקן זאָג: „דער ציוניזם איז דער צוריקקער צו אידן פריער ווי דער צוריקקער צו ארץ־ישראל״. ווייל דער הערצליאַניזם, פונקט ווי זיין באַשאַפער און טרעגער, האָט דורכגעמאַכט די פאָלגנדיקע דריי שטופעס פון אַנטוויקלונג: 1) דער וועג צו זיך (ד. ה., די ענגערע און אַלץ־ענגערע באַהעפטונג מיט אידן און אידישקייט); 2) די אויס־קריסטאַליזירונג און אַקצעפּטירונג פון דער אידנשטאַט־אידייע (ד. ה., פון טעריטאָריאַליזם אַלס באַדינג פאַר דער נאָרמאַליזירונג און ווידעראויפשטעל פון אַ באַדנלאָז פאָלק); און 3) פון ארץ־ישראליזם (ד. ה., פון דער טעריטאָריע, וועלכע איז, בהסכם כללי, אָנגענומען געוואָרן פון אַלע נאַציאָנאַל־שאַפערישע און אָרגאַני־זירט־אַקטיווע אידישע כוחות און וועלכע אַרבעטן און ווירקן לטובת דער רעאַליזירונג פון אָט־דער אידייע אין די ראַמען און אין די גרע־נעצן פון היסטאָרישן אור־אידישן ארץ־ישראל).

ד.

פופצן יאָר איז אָנגעגאַנגען דער געראַנגל אין הערצלען אויפן וועג צו זיך. ווייל מען דאַרף אין זינען האָבן, אַז וואָלף טעאָדאָר הערצל איז ניט אויסגעוואקסן אין אַ פול־קוואַליקער אידישער היים. זיינע אידיש־אונגאַרישע עלטערן זיינען אַליין געווען היפּש אַסימילירט. און ווי ווינציק־לייכט ס׳איז געווען דער עול פון יהדות אויף די שול־טערן פון זיינע עלטערן האָבן זיי אויף וואָלף טעאָדאָרן אַרויפגעלייגט אַ נאָך־לייכטערע „משא״ פון אידישקייט. ד. ה., מען האָט גאָר ווייניק אידישע ידיעות און למודים אין אים אַריינגעלערנט ביז זיין אָנקום אין דעם יורידישן פאַקולטעט פון ווינער אוניווערזיטעט. אויב, אָבער, זיינע עלטערן האָבן גאָר אַ קנאַפּע שייכות געהאַט מיט הערצלס געפינען זיך אַליין, האָט די ניט־אידישע וועלט שוין גאָר אַ היפּשן חלק אין וואָלף טעאָדאָרס צוריקקערן זיך צו זיך, צו אידן און צו אידישקייט. ער האָט נאָך געמוזט אין די קינדהייט־טעג באַמערקן די צוימען און פּלויטן וואָס די ניט־אידישע וועלט שטעלט קעגן אים — דעם אידן — אַרויס. נאָר שאַרף און בולט האָט ער עס דערזען אין

אַ געוויסן טאָג ווען ער איז אַריינגעטראָטן אין אַ סטודענטן־נעזעל־שאַפט פון דעם ווינער אוניווערזיטעט. נעמלעך, אָט־דער קלוב האָט אין זעלביקן טאָג געפּאַסט אַ באַשלוס מער ניט אַריינצונעמען קיין אידן אַלס מיטגלידער. דער שטאָלצער הערצל פאַרלאָזט, נאַטירלע־כערוויז, דעם נאַז־פאַרריסענעם קלוב און ער וויל שוין, מהאי טעמא, ניט אַריינשמעקן מער אין דעם און אין ענלעכע „עקסקלוזיווע" גע־זעלשאַפטן. און פונקט אַזוי שטאַרק דערפילט ער זיין אַנדערשקייט, אין 1894, ביים ענדיקן אַדוואָקאַטור און זיך ריכטן אין דער ריכטונג פון ווערן אַ ריכטער. אויך דאָ זעט ער, אין גאַנצער שאַרפקייט, דעם בולטן דעטור צו אים, צו דעם אידן. 15 יאָר, בכן, האָבן געיויערט אין הערצלס מוח די רעוואָלט־פאַרזוכן קעגן דער שפלות־פּאָזיציע, צו וועלכער די ניט־אידישע וועלט האָט אים געוואָלט אַרונטערזעצן, דערנידעריקן — 15 יאָר פון גוטער צוגרייטונג פאַר איינעם וואָס איז באַרופן געוואָרן צו נעמען גאָטס פעדער אין האַנט אַריין.

ה.

אין 1895 איז שוין ד"ר הערצל געווען אַ חשובער מיט־גליד אין דער שרייבער־משפּחה פון דער ווינער צייטונג „נייע פרייע פּרעסע", איינע פון די וויכטיקסטע צייטונגען אין איראָפּע און דער האַלב - אָפיציעלער אָרגאַן פון דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע. „זיין" אייגענע צייטונג איז געווען קעגן דעם ציוניזם און האָט אים באַ־קעמפט דורך דעם מעטאָד פון פאַרשוויגן און איגנאָרירן — אַ באַוואוס־טער מעטאָד וואָס איז אויך ניט פרעמד אונז אין אַמעריקע. די „ניו־יאָרק טיימס" איז אַ גוטער ביישפּיל. און אָט־די צייטונג איז אינסטרו־מענטאַל געווען אין דערפירן הערצלען צום צווייטן שטאַפּל פון זיין לעבן־ווערק — צו דער אידנשטאַט־אידיי. אין זעלביקן יאָר, אין 1895, האָט אים די „נייע פרייע פּרעסע" געשיקט אַלס איר קאָרעס־פּאָנדענט אין פּאַריז צו דעם דרייפוס־פּראָצעס. און ביי אָט־דעם פּראָ־צעס, דורך אומרואיקע טעג און שלאָפלאָזע נעכט, איז אים געבוירן געוואָרן זיין אידנשטאַט־ווערק. זיין באַהאַוונטקייט אין די געפּלאָנ־טערטע דרכים פון געזעץ־אויסטייטש און געזעץ־פאָרמולירונג איז אים, בשום אופן, ניט געגאַנגען לאיבוד. עס איז אים גוט צו־נוץ געקומען אין זיין סאָציאַלער דיאַגנאָזע פון דער אידישער קראַנקהייט, אין דער פּרעזענטירונג פון דער אידישער „קעיס", אין דעם קלאָרן אַוועקשטעל

פון אידישן פראָבלעם און אין דער געזונטער לייזונג פון אָט־דעם פראָבלעם.

ו.

די סאָציאַלע שיכטן אין אידישן לעבן מיט איבער 50 יאָר צוריק זיינען, אין עצם, ניט פיל אַנדערש געווען ווי היינט. פונקט ווי דער „קאָנסיל אָוו דזשודאַאיזם״ איצט און די „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע״ ביז ניט לאַנג צוריק, אַזוי איז דאַן די „איזראַעליטישע אוניאָן״ געווען שאַרף קעגן אַקצענטירטע נאַציאָנאַלע אידישע פאָדערונגען — וואָס קענען נאָך, חלילה, פאַרשוואַרצן דעם לויטערן פנים פון זייער הוררא־פּאַטריאָטיזם.

און די ערשט־דערוואַכטע נאַציאָנאַלע טוער און פּאָליטיקער ביז הערצלען? זיי האָבן, מערסטנס, געשטאַמט פון דער „חברה אַנשי לעזשאַנקע״. ביי די רייכע פון מערב־אייראָפּע האָט געבושעוועט, אין פולער קראַפט, דער שטורם פון דער צעפרעסערישער אַסימילאַציע און ביי די אָרימע מזרח־אייראָפּעאישע אידישע מאַסן אין די געטאָס האָט געדריקט דער שפלות־קאָמפּלעקס — דער „קראָמע יעווריעיוו״ האָט די מערסטע אידישע אידן פון יענע טעג געפּענטעט זייערע טריט און פאַרפינצטערט זייער געמיט. און דאָ דערשיינט אַ פּרינץ אויף דעם ברייטן טראַקט פון דער וועלט־אַרענע און הויבט אַ שטאָלצער אויף די אידישע פאָן מיט „זיבן שטערן״ און פּראָקלאַמירט דערמיט דעם נאַציאָנאַלן אידישן ווידערגעבורט, דעם פּאָליטישן אידישן תחית המתים — אַ אידישן שטאַט!

ז.

פון סתם־שטאַט ביז ארץ־ישראל איז פאַר הערצלען ניט געווען קיין שווערער גרענעץ אויף אַריבערצושפּרייזן. ווי אַ געניאַלער אָרגאַניזאַטאָר האָט ער געוואוסט דעם כוח פון צוויי־טויזנט־יעריקער בענקשאַפט צו אַ באַשטימטן שטח לאַנד און דער סוד פון אָט־דעם כוח האָט אים ענדלעך דערפירט צו דעם דריטן עטאַפּ פון זיין לעבנס־ווערק—צום ארץ־ישראליזם. אין איין יאָר צייט נאָכן „אידנשטאַט״ איז שוין אויסגעשמידט געוואָרן הערצלס פּאָליטישער אינסטרומענט — דער ציוניסטישער קאָנגרעס — אַ טריבונע פון פאָלק־פאַרטרעטערשאַפט וועלכע האָט געצונדן די פאַנטאַזיע פון פאָלק, אַ טריי־

בונע פון וועלכער דער מאַגנעטישער ד״ר הערצל איז די צענטראַלע פיגור געווען. און גאַר־שנעל, נאָך ביי זיין לעבן, איז שוין ד״ר הערצל געוואָרן אַ באַצויבערנדיקע לעגענדע.

ח.

נאָך דעם ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל האָט הערצל וואָר־ווענען געזאָגט: „מען וועט נאָך אפשר לאַכן וועגן דעם אין פינף יאָר אַרום אָבער אין פופציק יאָר אַרום וועט עס יעדער איינער מודה זיין״. יאָ, איצט זיינען כמעט אַלע מודה — לכל הפחות 80—90 פּראָצענט פון פאָלק. כמעט אַלע שיכטן פון פאָלק האָבן אַקצעפּטירט דעם הערצ־ליאַניזם און אין אַלעמענס הערצער לעבט און פרישט די וואונדער־לעכע געשטאַלט פון דעם אידנשטאַט־מחבר.

און — מיט געציילטע טעג צוריק — ווען ישראל איז פייערלעך אַריינגענומען געוואָרן אַלס דער 59־טער מיטגליד פון די „פאַראיי־ניקטע פעלקער״, האָט די „יו־ען״ זיך אויך אָנגעשלאָסן אין די גע־שלאָסענע רייען פון אידישן פאָלק פאַר שטאַטלעכער אָנערקענונג און האָט, מעשה־ציונים, זיך איינגעקלאַמערט אין דער כוואַליענדיקער פאָן „מיט זיבן שטערן״ — אין דער אויסגעטרוימטער פאָן פון ד״ר הערצל.

ט.

אין דער ציוניסטישער וועלט זיינען, אין משך פון די לעצטע 50 יאָר, דערשינען גרויסע ציוניסטישע מנהיגים. מאַקס נאָר־דויס נאָמען אַלס שריפטשטעלער און פילאָזאָף איז ניט אין ערך געווען גרעסער ווי הערצלס; אחד־העם איז זיכער געווען אַ גרונטיקערער אידישער דענקער ווי ד״ר הערצל; לואי ד. בראַנדייס איז, אָן ספק, געווען מער באַדייטנדיקער יוריסט ווי הערצל און זשאַבאָטינסקי האָט זיך זיכער, משכמו ומעלה, אויפגעהויבן איבער הערצלען אַלס אָראַ־טאָר. דאָך, אין ציוניסטישער הנהגה, אין פּאָליטיש־טעאָרעטישער אויטאָריטעט בלייבט הערצל ניט נאָר דער ערשט־ראַנגיקער אידישער שטאַטסמאַן פון דער מאָדערנער געשיכטע, נאָר אויך דער ערשטער קלאָר־דענקענדיקער פּאָליטיקער און ווירדיקער עמאַנציפּאַטאָר ביי אידן אין דער צוויי־טויזנט־יעריקער גלות־געשיכטע. זיין „אידנ־שטאַט״־לאָזונג מיט איבער 50 יאָר צוריק איז איצט דער זכיה־

דערוואָרבענער פֿאַקט פון רוב מנין און רוב מנין פון אונזער פֿאָלק און אונטער זיין פֿאָן „מיט זיבן שטערן״ וואָס ער האָט דאַן, אין היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערן זשעסט, אויפגעהויבן, זעגלען איצט יונג און אַלט, טוליען זיך צו איר קינדער פון אַלע לאַגערן, אין גרייטקייט צו קעמפן און פריידיק אַפילו דאָס לעבן אַוועקגעבן פֿאַר דער פֿאַרפעס־טיקונג פון „אידנשטאַט״ — דאָס לאַנד פון רעאַליזירטער משיחישער האָפענונג, דאָס אַלט־נייע לאַנד פון אונזערע אָבות.

פנים אל פנים — מיט היגע זייאָנים

א.

דער אַזוי־געראופענער בירגערלעכער ציוניזם אין אַמעריקע האָט דאָך זיכער זיינע באַשטימטע פאַרדינסטן פאַר ארץ ישראל. און זיכער האָט דאָך דער סתם־ציוניזם אין אַמעריקע געשפּילט און גוט געשפּילט פּאָליטישע פידל אין טובה־וועגן פון מדינת ישראל, דאָך וויל איך דאָ רעגיסטרירן דעם ניט־פריילעכן פאַקט אז ווען אַן אַנשי שלומינוניק קומט אויס צו טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט די רודערער פון דעם היגן בירגערלעכן ציוניסטישן מעכאַניזם, בלייבט אַזאַ איינעם אַ זויערקייט אויף דער אַזוי־אויך־היפּש־דערשלאָגענער אידישער נשמה פאַר לאַנגע, לאַנגע טעג.

און ווען קען מען אַנטרעפן די כל־הגראַדן רודערער פון היגן „זייאָניזם" אויב ניט אויף די יערלעכע אַסיפות, צי, ווי זיי הייסן, קאָנווענשאַנס?

בין איך טאַקע אַ מן־הצד באַטייליקטער אין כמעט יעדער יערלעכער ציוניסטישער אַסיפה, כאָטש איך גיי אַהין אַן צו־פיל דערוואַרטונגען, און גיי פון דאָרט מיט צו־פיל אַנטוישונגען.

און אָט־די ציוניסטישע נסיעות מיינע האַלטן שוין אַן באַלד דרייסיק יאָר. אויף יעדער יאָזדע טרעף איך זיך אַן מיט כמעט די־זעלביקע פּנימער — פּנימער פון וועלכע דער אידישער צלם־אלוהים ווערט אָפּגעבליאַקעוועט אַלץ מער און מער מיטן גאַנג פון די קאָנווענשאַנס. און פּונקט ווי די דעלעגאַטן פאַרלירן אַלץ מער און מער דעם אידישן קלסתר־פּנים זייערן, אַזוי נעמען זייערע שטימען אַן אַלץ מער און מער דעם ענגלישן אַקצענט, אַזוי אַז עס איז אָפּט אומגלויבלעך כמעט פאַר אַן אונזעריקן אָנצונעמען אָט־די אידישע שתדלנים פאַר אחינו בני ישראל. און אָט־די שטיפּברודערישע אומהיימלעכקייט שטייגט, מיט גולמעוואַטע טריט, פון איין קאָנווענשאַן צו דער אַנדערער.

כדי צו אילוסטרירן מיין טעזיס, וועל איך דאָ נאָטירן אַ פאַר

איינדרוקן פון אַ ציוניסטישער אַסיפה מיט 18 יאָר צוריק אין אַטלאַנ־טיק סיטי, און וועל שליסן מיט עטלעכע נאָטיצן פון דער היי־יאָריקער ציוניסטישער קאָנווענשאָן אין סטאַטלער האָטעל, פון ניו־יאָרק, — די היפש־רעקלאַמירטע „קאָנווענשאָן אָוו טשאַלענדזש“, פון יאָר 1949.

ב.

מיט 18 יאָר צוריק האָט מיין באַשיידענע פעדער אַזוי פאַרנאָטירט אירע איינדרוקן פון דער אַסיפת הזייאָנים: זונטיק — בולבע, מאָנטיק — בולבע, דינסטיק און מיטוואָך — דריי טעג האָט אַ קאָנווענשאָן געבולבעט. דריי לאַנגע טעג איז מען שיר פון לאַנגוויל ניט אויסגעגאַנגען, ביז די ריכטיקע מוזיקע האָט אויפגעשפילט:

S-e-v-e-n E-l-e-v-e-n
S-e-v-e-n E-l-e-v-e-n

האָט מען אַזש געגומען אונטערטאַנצן. און פויסטן האָבן זיך גע־נומען ביילן. היסטעריקע האָט דעם קאָנטראָל געקראָגן. איז אַ קאָנ־ווענשאָן ביי אַ האַלבע שעה געבליבן כצאן בלי רועה. נעלסאָן רוטענ־בערג, אַפילו, האָט דאָ געשיינט און געגלאַנצט אין זיין פולער אַלמעכ־טיקער מאַכטלאָזיקייט. די גענעראַלן, די ערשט־און־העכסט־ראַנגיקע, האָבן זיך נאָך געהאַט אָפּגעטראָגן פאַרן „שטורעם“. און קולות, דונער־דיקע קולות, האָבן ביז די הימלען זיך געטראָגן:

S-e-v-e-n E-l-e-v-e-n
S-e-v-e-n E-l-e-v-e-n

***

פון געווינסן איז ניטאָ וואָס צו ריידן. דער אָרגאַניזירטער אַמע־ריקאַנער ציוניזם האָט אויף דער אַטלאַנטיק סיטיער קאָנווענשאָן פאַר־לאָרן. פאַרלאָרן אויפן גאַנצן פראָנט: צייט, ענערגיע, געלט און ווירדע. זאָלד און שפּייזהענדלער וואָלטן געקענט פונקט אַזוי פאַבריצירן אַט־אַ־דעם צונויפגעסטריגעוועטן שלום אין אַ ניו־יאָרקער קאַפע־הויז.

און די פון־פריער־צוגעגרייטע רעפאָרטן וואָלט מען גאַנץ באַ־קוועם געקענט צעשיקן אין די היימען פון די איינגעפאָרענע, איינ־געשוואָרענע און אומפאַרמיידלעכע דעלעגאַטן.

און די מעלאָדעקלאַמאַטאָרישע, פסעוודאָ־לירישע מליצות און

סטאַנדאַריזירטע השתפכות־הנפשדיקייטן פון אונזער יונ־און־אַלט ראַ־בינערטום, לאָיערטום, ליידיטום און לידערטום הערט מען שוין יאָר־איין, יאָר־אויס, אַזש מען קען שוין אויסווייניק זייערע חכמות.

— ווער האָט פאַרשפּילט?
— ווער האָט געוואונען?
— אַלע האָבן פאַרשפּילט.
— קיינער האָט ניט געוואונען.

און געשפּאָרט וואָלט מען מאָסן געלדער, וואָס וואָלטן, מסתמא, געקענט פאַרנוצט ווערן פאַר קאָנסטרוקטיווע פאַרוועגדונגען. און צייט, און ענערגיע וואָלטן אויך ניט געגאַנגען לאיבוד. און איינער דעם אַנ־דערן וואָלט זיך אויך אַזוי ניט פאַרמיאוסט. עס וואָלט אַזויפיל בייז בלוט ניט געווען אַרויסגערופן געוואָרן. אַזוי פיל אומבאַגרייפלעכע שנאה. און די יונגע נאָך־נאַאיווע און נאָך ניט־ציניזירטע הדסה־טוער וואָלטן ניט געווען אַריינגעשלעפט געוואָרן אין ביליקן שפּיל. ווען, ווען — די הדסה האָט מען געדאַרפט האַלטן ווייט און ריין פון מאַ־נעווורע־און־קאָקוס־ציוניזם. אַזאַ נייעם מענטשן־מאַטעריאַל צו דעמאַ־ראַליזירן איז סקאַנדאַליעז, איז אַ הימלשרייענדיקער חטא.

***

נאָר, בדיעבד, אַז אַ קאָנוועגשאַן איז פאָרגעקומען, איז — גם זו לטובה. אַז קיין זכר פון אויפטואונגען איז ניטאָ, האָבן מיר, אָבער, געזען נאָך אַמאָל דעם פּנים פון היגן אָרגאַניזירטן ציוניזם. אַפילו דער נאָמען פּאַסט דאָ ניט. קליידט ניט. אַז „זייאָניזם" איז אַ קאַריקאַטור פון ציוניזם האָט עס בולט דעמאָנסטרירט די אַטלאַנטיק־סיטיער קאָנ־ווענשאָן. און ס׳איז נאָר געווען קשה אויף די עטלעכע אידישע אידן, די וועמען דער ציוניזם קליידט באמת, וואָס האָבן דאָרט, דאַכט זיך, זיך געדאַרפט פילן קאַלטלעך, פרעמדלעך.

ווייל אויב דאָס וואָס איז גערעדט, „געטאָן", פאַרהאַנדלט און געטומלט געוואָרן אין אַטלאַנטיק סיטי הייסט ציוניזם, דאַן איז קלאָר, אַז ציוניסטן האָבן דאָרט ניט וואָס צו טאָן.

אידישע אידן, וואָס האָבן אַן אמתן אינטערעס אין דעם אויפבוי פון אַ אידישער ארץ ישראל ווען, הפּנים, מוזן געפינען אַנדערע חברים און זיך אָנשליסן אַן אַנדערע חברות. וועלן, אפשר, דאַרפן

שאַפן אַ נייע חברה. איינס דאַרף, אָבער, איצט קלאָר זיין: זעגלען אונטער דער פאָן פון „זייאָניזם" איז אַן ענין פאַר די האַלב־גויאישע רעווערענטן, ראַבינער, ריכטער, „סאָסייעטי לײדיס", און „לידערס אָוו דזשודאַאיזם". עמך האָט קיין שום שייכות ניט מיט אַ „לאָג־ראָלינג־זייאָניזם", ביי וועמען ס'איז קיין שמץ ניט געבליבן, אויב ס'איז ווען געווען, פון ווירדיקן אידישן ציוניזם און וועמעס תמצית ס'איז איצט מאַנעוורע, קאָקוס און פילאַנטראָפּיע.

ג.

און — 18 יאָר שפּעטער, מיט דעם גלות הינטער זיך — בין איך מיט די זעלביקע געפילן פון דערוואַרטעטער אַנטוישונג געגאַנגען צו דער 52־טער קאָנווענשאַן, צו טרעפן זיך

פנים אל פנים
מיט היגע זייאָנים.

ווי נאָטירט ביים אָנהויב פון דעם היי־וואָכיקן קאַפּיטל, ווייס איך גאַנץ גוט דעם פולן ווערט פון דעם פינאַנציעלן צוטראָג צו די ציוניסטישע הויפּט־פאָנדן מצד דעם אַמעריקאַנישן סתם־ציוניסטישן קאָלעקטיוו; און איך שאַץ ווי געהעריק אָפּ די פּאָליטישע ראָלע וואָס דער היגער בירגערלעכער ציוניזם האָט געשפּילט, אין כאָר פון אַלע אַנדערע ציוניסטישע גרופּירונגען, אין דער אויסקעמפונג און דער־ווערבונג פון מדינת ישראל. אָבער די גראַדן פון קאָלעקטיווע קרעדיטן פאַר דער אָדער יענער גרופּע אין היגן ציוניזם, דאָס איז שוין אַן ענין פאַרן היסטאָריקער. קיום היהדות אין אַמעריקע האָט אָבער באַלדיקע זאָרגן. קיום היהדות איז באַזאָרגט, וואָס ציוניסטישע פּאָליטיקער און יוצר־פּאָליטיקער פאַרלירן אַלץ מער און מער דעם אידישן צלם־אלוהים, און ווערן־אַן אַלץ מער און מער די יעקבשע שטימע, — ווי די 52־טע קאָנווענשאַן האָט עס ווידער גלענצנדיק מאַניפעסטירט.

חוץ דעם אויפגעבלאָזענעם באַלון „אויטאָנאָמיע", איז דער הויך־פּונקט פון היי־יאָריקער ציוניסטישער אַסיפה געווען די עקסטרעמע עבודה־זרה פון „פירער"־קולט. די קעלבערנע התפעלות פון די זייאָניסטישע צאַן־קדשים פאַר דעם פּרעזידענט (דר. ניומאַן) און פאַר דעם עקס־פּרעזידענט (דר. סילווער) האָט, אין לויף פון די קאָנווענשאַן־סעסיעס, אָנגענומען, מילד געזאָגט, פאַרשוועכערישע פאָרמען. דעם

סילווער־ניומאַן „טים" איז געלונגען צו פאַרוואַנדלען די היי־יאַריקע „סטרימלאַינד־קאַנווענשאַן" אין אַן אָפענער קריגס־אַרענע קעגן דער נשיאות פון מדינת ישראל און קעגן אַלע העכערע ציוניסטישע אינ־סטאַנצן וואָס זיינען סאָלידאַריש מיט ממשלת ישראל.

אַלס אילוסטראַציע פון אָט־דער סילווערשער רעפּובליקאַניש־רעאַקציאָנערער העצע קעגן דער אַרבעטער רעפּובליק פון ישראל איז כדאַי דאָ וואַרפן כאָטש עטוואָס ליכט ווי אַזוי די תינוקות של בית רבן סילווער האָבן אויפגענומען דעם שליח פון דער העכסטער ציוי־ניסטישער אויטאָריטעט, פון דער אידישער אַגענטור, דר. נחום גאָלד־מאַן, וועלכער איז דעלעגירט געוואָרן צו אַדרעסירן און אין באַלאַנס האַלטן די קאַנווענשאַן פון ציוניסטישע מורדים.

און — זיין ערשטער וואָרט פון „שאַלאָם" איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שטאַרקן און דויערנדיקן „בו", און קיינער פון די עקס־איקס מושלים, „טשערלייט", „טשעירמען" האָט ניט געפונען פאַר נויטיק צו וואַרפן אין דער פאַרזאַמלונג דעם מינדסטן וואָרט פון טאַדל. און טאָמער איז אָט־די כמו־טעמעני האַנדלונג נאָך ניט גענוג פאַרשווע־כעריש געווען, האָט דר. סילווער בכבודו ובעצמו געפונען פאַר פּאַסיק — מען מעג זאָגן פאַר פּלאַנמעסיק — אַריינצומאַרשירן אין זאַל אין סאַמע מיטן פון אַ צוואַרעמטן טייל פון גאָלדמאַנס רעדע, זי איבער־רייסן און דערמיט, „נוסח־סטרימלאַינד", דערמוטיקן זיינע מענטשן אויפצושפּילן פאַר אים די פון זיי שוין־פאַרוואָכעדיקטע „התקוה", — אַ נאַבעלע „שאָד", וואָס איז פינף מינוט שפּעטער ווידערהאָלט געוואָרן מיט אַן ענלעכן ניומאַן־אַריינמאַרש, — ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

נאַטירלעך, דער גאָלדמאַן־טיפּ פירער איז ניט פון קיין פיל הע־כערן סאָרט מאַטעריאַל, ווי די אַמעריקאַנער פּאָליטישנס. האָט ער פּרובירט פאַרווישן אָט־די „אינצידענטן" מיט חכמהלעך און מיט מעשהלעך. אָבער דאָס מינערט ניט אויף אַ האָר די סקאַנדאַליעזע הנהגה פון כלומרשטע פאַרשטייער — דעלעגאַטן בלע"ז — פון היגן הורא־ציוניזם.

די היי־יאַריקע קאַנווענשאַן, אין צוגאָב צו איר אויסגעשפּראָ־כענער אַסימילאַטאָרישקייט, אָדער ווי מען רופט עס „שלילת הגלות", איז צו דעם נאָך געוואָרן אַ קאַמף־אַרענע קעגן דער ליכטיקער זייט פון מדינת ישראל.

זיי זיינען טאַקע אַסימילאַטאָרן, זיי נעגירן טאַקע דעם גלות, אָבער אַריבערפּעקלען אים — דעם גלות — מיט האַק־און־פּאַק, מיט

אַלע חנעץ וואָס מנחם־מענדעליזם שטעלט מיט זיך פאָר — פאַר דעם זיינעץ זיי גרייט צו קעמפן.

די פריינט פון „ישראל" און די בויער פון געזונטן אידישן המשך אין אַמעריקע און בכל מקום שהוא מוזן, מהיום והלאה, זיין „על המשמר" — אויף דער וואַך — ניט נאָר קעגן די אַל־פאַרביקע און פיל־צאָליקע דרויסנדיקע שונאים אונזערע, נאָר ניט ווייניקער קעגן די פילע פיינט פון בפנים, פון די „נטורי קרתא" אין ירושלים ביז די היגע געצנדינע־רישע מחנות פון די סילווערשע זייאָנים.

פון רעאַקציע צו פאַשיזם איז אַ קורצער שפּרונג

א.

ביז היינט, מאָנטיק פרי, 20־טן יוני, 1949, בעת איך גיב איבער צום דרוק דעם איצטיקן „קאַפּיטל פון דער וואָך", איז נישט אַוועק קיין איין באַדייטנדיקער טייל פון טאָג, אַז איך זאָל נישט נאָכ־דענקען וועגן די אינעווייניקסטע סכנות פון פאָלק און שטאַט ישראל — סכנות וועלכע הויערן ביי פאַרשיידענע שוועלן און ווינקלען און ברעג־טיילן און באַרג־שפּאַלטן און וועלכע דראָען צו צעשפּאַלטן און צו צעשפּליטערן דעם יונגינקן און ווייט־נאָך־נישט איינגעהאַרטעוועטן אָרגאַניזם פון דער אידישער מדינה.

און פּונקט ווי אין פאַריקן קאַפּיטל האָב איך אָנגעוויזן, אַז די סילווער־ניומאַן אַדמיניסטראַציעס האָבן פאַרוואַנדלט דעם היגן ביר־גערלעכן ציוניזם אין אַ קאַמף־אַרענע קעגן דער ממשלה פון מדינת ישראל, און האָב, מהאי טעמא, גערופן די „פּריינט פון אַרבעטנדיקן ישראל" צו שטיין אויף דער וואַך קעגן די פיינט פון בפנים, אַזוי וועל איך אין היי־וואָכיקן קאַפּיטל פּרובירן אָנשטעלן מיין באַשיידענעם פּראָזשעקטאָר אויף אַן אַנדער פיינטלעכער גרופּע פון בפנים, אַ מער געפערלעכע ווי די היגע קאָנסערוואַטיוו־רעאַקציאָנערע גרופּע, — די לייט פון מחנה „אירגון".

די טעג דאַרף ווערן אַ יאָר זינט דער „אירגון" האָט, מיט זיין אויפשפּיל פון דער אַלטאַלענאַ־שיף, זיך פאַרמאָסטן אויף דער סאַמע האַרץ פון דער יונגינקער אידישער רעפּובליק, און האָט, נעמלעך, געוואָלט בדם ואש, אין עכטן סטיל פון פאַשיסטישן פּוטשיזם, זיך באַווייזן אויף דער סצענע.

אָנגעהויבן ביי זיי האָט זיך ווי ביי די היגע ציוניסטן. זיי האָבן געפאָדערט אויטאָנאָמיע אין דער אַרמיי, פּונקט ווי דאָס פאָדערט איצט די היגע „זי־אָ־עי".

וויל איך דאָ נישט אַריינגיין אין די דרדקי־טייטשן פון מילי־טערישן קאָדעקס וועגן דער דערלאָזבאַרקייט פון באַזונדערע אַר־

מייען, וואָס זאָלן, הייסט עס, ברענגען צום מיליטערישן אויסדרוק ספּעציפישע אידעאָלאָגיעס, און אידעאָלאָגיעס וועלכע זיינען דער אויסדרוק פון באַשטימטע עקאָנאָמישע שיכטן, פון געגנוג־בולטע קלאַסן־אינטערעסן, ווי דער פּאַרטיי־זשאַרגאָן פלעגט זיי אַמאָל דע־פינירן.

עס איז איצט — אַ יאָר דיסטאַנץ זינט אָט־יענער טראַגישער געשעעניש — קלאָר, צי עס דאַרף זיין קלאָר, אַז דער ערשטער פּוטש האָט זיך נישט נאָר פאַרמאָסטן אויף איבערנעמען די מיליטערישע קאָ־מאַנדע איבער דער אידישער אַרמיי, און נישט נאָר — אין רעזולטאַט — דעם נייעם אַדמיניסטראַטיוון צוזאַמענשטעל איבער דער אידי־שער מדינה, נאָר אויך אַ נייעם סאָציאַל־פּאָליטישן איינשטעל אויף וועלכן עס זאָל באַזירן דער אידישער שטאַט — אַ באַזע וועלכע וואָלט, סוף־כל־סוף, אַריינגעוואָרפן אין טיפסטן כף־הקלע, אַלע אונזע־רע האָפענונגען פון צוריקגעבן דער אידישער אומה, דורכן שטאַט, איר באַרופענע פּירערשאַפט אין דער משפחה פון פעלקער און איר צו־ריקשטאַלטן ווי אַ נס לעמים.

ב.

כדי צו פאַרשטיין דעם ברייטערן אַספּעקט פון דעם ערשטן פּוטש קעגן דעם אידישן שטאַט, מוז איך דאָ ציטירן די לעצטע צוויי קאַפּיטלען פון מיין פאַר־צוויי־יאָריקן ערב ראש־השנהדיקן אי־בערבליק, א. נ. „ביים אויסשמיד פון אידישן שטאַט״:

„די נייע אידישע גבורים פון יציאת 1947 האָבן מיט זייער ספּעק־טאַקולאַר הערןאָאישן אַרויסמאַרש פון גלות אייראָפּע ניט נאָר מרמז געווען אויף דעם פאַרזיגלטן היסטאָרישן אורטייל פון אייראָפּעס בהדרגהדיק פאַרשווינדן פון דער מאַפּע פון דער ערד, נאָר זיי האָבן אויך געהעריקע וואָרנונג געגעבן דעם משיחישן יענקי־דודל, אַז ער וועט מיט זיין אַל־הייליגדיקן דאָלער ווייט ניט קענען באַלעבן די אויס־לעשנדיקע אויגן און די פאַרחלשטע געמיטער פון די צעקאַרבטע סי־לועטן פון אַן אונטערגייענדיקן קאָנטינענט. „דו האָסט געהאַט״ — וועלן זיי אים ווייטער זאָגן — „300 ביליאָנען פון אָט־דעם זעלטע־נעם אַרטיקל אויף צו צעזייען די מלאכי־חבלה איבער אַלע ימים און איבער אַלע יבשות, האָסט, אָבער, אין יענע מוראדיקע טעג פון קריג און חורבן קיין איינציק אונץ פון מענטשלעכקייט ניט באַזעסן

אויף צו ווייזן איין־איינציקן וואָגלענדיקן שיף פון היימלאָזע אידן דעם איינלאַדנדיקן וועג צו איינעם פון דיינע ברעגן.״

„און פונקט ווי אברהם אבינו האָט געזייט מיט רענדלעך, כדי מיט דעם אויפרייסן די געצנדינערישע אויגן צו דער התגלות פון אל אחד, אַזוי רייסן איצט די עולים פון יציאת 1947 און פון אַנדערע ברודערשע יציאה־שיפן די געצן־מאַסקע פון דעם דאָלער מענטש און אויפן אָרט פון אָט דער גולמעוואַטער סטאַטוע — דעם ווידערשאַף פון מענטש כדמותו וכצלמו.

„די לויטערע אידישע רעוואָלוציאָנערן אויף די וואָגלענדיקע שיפן האָבן ניט נאָר אויף אייביק פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר פון אַ גרויסן שטיק יבשה, נאָר זיי האָבן אויך פאַרהאַקט די טיר פון אַ שקלאַפן־עפּאָכע אין דער מאָדערנער אַל־גלאָבאַלער מענטשהייט. די עפּאָכע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, און אַ רעוואָלוציע וואָס האָט געבוירן די אומגעלומפּערטע גרויס־שטעט, און שטעט אין וועמעס ווינקלען עס האָבן זיך גענומען טוליען פנימלאָזע און בושהלאָזע און גאָטלאָזע מאַסן־מענטשן — פאַרשוינען מיט צעלוסטיקטע הערצער צו זינד און — ועל כולם — צו געלט „וואָס איז דער צויבער־שליסל וואָס עפנט אויף אַלע טיר־און־טויערן פאַר מאַכט, פאַר אַנזען, פאַר פרעס־און־זויף און פאַר כלערליי מעגלעכע און צוגעטראַכטע תאוות און פאַרברעכנס״.

„די איבער־צוויי־חדשימדיקע אַרויסוואַנדערער אויף יציאת 1947 האָבן ניט נאָר מיטן עצם פאַקט פון זייער וואָגלען רעגיסטרירט דעם אַל־זייטיקן באַנקראָט פון אַ קאָנטינענט, מיט זיינע ציוויליזאַציעס, קולטורן, גליקן, נאָר האָבן אויך געמאַכט אַ דראָענדיקן פאַרמעסט אויף דער גולמעוואַטער דאָלער־סטאַטוע און האָבן קעגן דעם גולם גע־וואַגט אַרויסצושטעלן דעם — מענטש.

„דער מענטש. די קדושה פון דעם איינעם מענטש. די חשיבות פון דעם מענטש. דאָ מעג די גאַנצע וועלט אָנשטעלן דעם פּראָזשעק־טאָר אויף דעם ישוב און נעמען ביי אים אַ שיעור־לדוגמא, אַ מוסטער־לעקציע אין הלכות מענטש.

„הכל יודעים מיט וויפיל תחנונים, הויך־דיפּלאָמאַטישע אינטער־ווענציע, שתדלנות עס קומט אָן אַריינצולאָזן אַ היימלאָזן מענטשן־קינד אין וועלכע ס׳איז פון די לענדער אויף גאָטס ערד. ס׳פּוסטע־ווען גרויסע לענדער. ס׳בעט זיך זייער פאַרוויסט לאַנד: קום, דו עלנטער מענטש און באַאַרבעט מיך, און באַלעב מיך. נאָר די

מושלים הערן ניט דעם קול פון דער ערד, פונקט ווי זיי הערן ניט דעם פאַרשטיקטן קול פון דעם עלנטן וואַנדערער. נאָר איין מענטשן־גרופּע הערט ניט אויף צו שפּאַלטן די הימלען מיט זייערע קולות: ברידער, שוועסטער פון דער גאָרער אידישער צעאײנזאַמקייט! קומט, קומט — צו טיילן זיך מיט אונזער ברויט, צו שוכן זיך אין אונזער שוך, צו נעכטיקן אונטער אונזער דאַך און צו קושן אונזער ערד, אייער ערד, דאָס אויסגעבענקטע ערד פון אונזערע אבות. שטייט זיך וואו אַ קרעמער, אַ אידישער, אין ירושלים אין אַ קרעמל דאַלעד אויף דאַלעד; דאַרף ער פון דעם מפרנס זיין אַ פרוי מיט דריי קינדער און אַן ערשט אַריבערגעבראַכטן פאָטער. איז ער דערצו אַ באַשטייערטער פון קאָפּ ביז די פיס מיט כלערליי מלוכהשע שטייערן. האָט ער נאָך אַ ווייטן קרוב אין די לאַגערן, — זיינע אַלע חושים זיינע קאָנצענטרירט נאָר אויף איין איינציקער הויפּט־עובדא — אויף ברענגען זיין ווייטן קרוב, און ער וועט זיין פונקט אַזוי גליקלעך אַז מען וועט אים מזכה זיין מיט אַן אַנדער עולה — אַבי אויסלייזן נאָך אַ אידן פון ארץ הדמים.

„היינט אויב אַ קרעמער טראַכט נאָר פון זיין קרעמל אויף וויפיל עס קען דינען זיין מיטמענטש, זיין שכן, זיין פאָלק — על אחת כמה וכמה דער אַרבעטער־מענטש, דער מיטגליד פון קיבוץ, פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, דער אָנגעשטעלטער, דער לערער, דער שריפטשטעלער. יעדער מענטש איז אַן עולם בפני עצמו, און מיט יעדן איינעם יום־טובט מען זיך. יעדער איינער איז אָנגעזען, איז אָנגעלייגט. אויב סאָציאַליזם האָט וואו אַ זין און אַ ממשות איז עס אין ארץ ישראל. ס׳איז אַ סאָציאַליזם וואָס ווערט דיקטירט פון האַרצן. ער ווערט ניט פאַר־טייטשט אין לעבן לויט „אוקאַזן״, און ער ווערט ניט געבויט לויט פּשטלעך און לויט אויסגעזוברעוועטער מליצה. דאָס פּשטלען מוז באַגלייט ווערן מיט געזאַנג פון האַרצן, מיט דעם פרייוויליקן ריטם־טראַט פון יעדן מענטש און מענטש. אַט־דאָס הייסט געזעלשאַפט. אַט־דאָס הייסט עקסטאַז פון אַרבעט. און אַט־דאָס הייסט חשיבות פון מין מענטש.

„דער מין מענטש, וואָס האָט אין אַט־די איצטיקע יאָרן פון דער געמיינסטער ברוטאַליטעט אין דעם מענטשנס פאַרשריבענער כראָניק געפונען זיין שענסטע ענלעכקייט נאָר אויף איין־איינציקן שמאָלינקן פּאַס לאַנד ביים מיטללענדישן ים — דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל — האָט מיט זיין טאָג־טעגלעכער הנהגה אין די ערב־שטאָטלע־

כע יאָרן געוויזן גענוג געזונטע סימנים פון פאַרשטייַן דעם עיקר היהדות — מענטשן־ליבע און פון גרייט־זיין צו פאַרטייטשן אין לעבן אָט־די פאַרשטענדעניש פון דעם אידנס שליחות אויף דער צווישנ־פעלקערלעכער געטלעכער ערד.

„אויב מיר טרעפן אידן — און מיר טרעפן זיי לרוב — אין די גלות־לענדער, וועלכע זיינען, פונקט ווי די גויים, מיאוס פאַרקנעכטעט צום דאָלער־געץ, זיינען זיי אַ קרבן פון גלות, אויף וויפל אַ פּער־מאַנענט פאַראורטיילטע מינאָריטעט מוז נאָכטאַנצן דעם שקלאַפישן עגל־טאַנץ כמנהג המדינה. אָבער די אידן וואָס געפינען שטאַרקייט אין אייגענעם האַרצן „לבנות ולהבנות״ — צו פאָרן בויען דאָס אידישע היימלאַנד און אין פּראַצעס פון אָט־דער בוי־אַרבעט זיך אַליין איבער־בויען — זיי דאַרפן זיך גוט־גוט באַרעכענען איידער זיי כאַפּן זיך אַרויס מיט זייער פינאַלן שאַלאָם צום גלות זייערן. זיי קענען זיך נאָך אַמאָל פאַרוועלן מיטצונעמען געוויסע מטלטלים פון זייער איינגעהיימישטן גלות־לעבן. דער אומשולדיקער שטעקן, צ. ב. קען זיך נאָך אַמאָל פאַר־וואַנדלען אין אַ שטעקעלע, אין אַ דריי־שטעקעלע, וועלכער קאָן נאָך אַמאָל אויפוועקן אין אים, אין דעם נייעם חלוץ, מנחם־מענדלשע חלומות... די נייע עולים: איבערהויפּט די פון די אַזוי־גערופענע פריד־לעכע לענדער — דאָרט וואו דאָלערדיקער יצר־הרע האָט זיך אָם־מעכ־טיקסטן פאַרפעסטיקט — זיי זאָלן גוט־גוט דיזינפעקטירן די אינער־לעכע און די אויסערלעכע לבושים אויפן שווערן וועג פון בוי און אויפן נאָך־שווערערן וועג פון איבערבוי.

„אָט־דאָס, ביים בראשית פון אויסלייז־יאָר תש״ח דאַרפן גוט, גוט געדענקען די פול־בלוטיקע אידישע פּאַטריאָטן — די אויסשמי־דער פון אידישן שטאַט״.

ג.

ס׳איז ביי מיר קיין שום ספק ניט, אַז די אַלע ספּעקטאַקולערע מעשים פון דעם „אירגון״ זיינען מיט אָט־די גלותיסטישע דריי־שטע־קעלעך פאַכמענעריש רעזשיסירט געוואָרן פון באַשטימטע עקאָנאָמישע שיכטן וועלכע ווילן פאַרוואַנדלען די נייע מדינה אין אַן אָרענע וואו עס זאָל אויפגעשפּילט ווערן דער שקלאַפערישער עגל־טאַנץ צו דעם נאָך־אַלץ־מעכטיקן דאָלער־געץ.

און אויב אידישע פּאַטריאָטן זאָלן ניט זיין וואַכזאַם גענוג און ניט שטרענג גענוג מיט אָט־די פּוטשיסטן—כאָטש זיי און טיילן פון

זייערע מחנות זײַנען איצט, פֿאָרמעל, איינגעגלידערט אין דער אידי־שער אַרמיי — וועט דער שטאַט אונזערער ענדלעך אַרײַנפֿאַלן — מיט דער שטיצע פֿון רעאַקציאָנערן פֿליגל פֿון בירגערלעכן ציוניזם בכל מקום שהוא — אין הענט פֿון אַוואַנטוריסטן און — היינט מעג מען שוין זיי אָנרופֿן ביים נאָמען — פֿאַשיסטן. און ווען דאָס זאָל, חלילה, זײַן דער גורל פֿון אונזער מדינה וואָג איך צו זאָגן, אַז אַזאַ חוזק־מדינה וואָלט בעסער ניט אויפֿגעקומען, איידער זי זאָל שפּעטער, נאָך אַזוי־פֿיל קרבנות, דאַרפֿן אַזוי שאַנדפֿול געשטירצט ווערן פֿון אייגענע הענט.

אידיש־קודש וישראל חד הוא

א.

עס איז געווען אין איינעם פון די געוויינלעכע שבת־צו־נאַכטן אין ניו יאָרק. אונזער פּעאיקער פּסיכיאַטאָר *) האָט געוואוסט ווי אויסצונוצן די דעמער־צייט פון טאָג, אין וועלכער אַ מענטשיש האַרץ פאַלט אָפט אַריין אין שטימונג פון השתפכות הנפש, און זיין וויזיט צו דער סענטימענטאַלער פּריילין „אידישע קולטור" וועט אים עפעקטיוו אַריינשפּילן אין זיין וויכטיקער שטודיע פון נאַציאָנאַלער פּסיכיק. און — כך הוה. נאָך זיין פאָרמעלער באַגריסונג, האָט אונזער פּסיכיאַטאָר זיך אַליין טראַקטירט מיטן ערשטן בעסטן בענקל, אים צוגערוקט צו אַ פענצטער, און האָט אָנגעפאַנגען אונטערברומען אַ ניגון:

— מי יבנה הגליל?
— מי יבנה הגליל?
— ישראל יבנה הגליל!
— ישראל יבנה הגליל!

און אָט דאָס ניגעלע האָט געווירקט עקספּלאָזיוו אויף דעם אַזוי־גערופענעם חולה.

— איר זעט, מיין פריינט, אין אָט־דעם ניגנדל ליגט די געזונט־התחלה פון מיין חולאת. ניט פון די מעכאַניש־צוזאַמענגעשרויפטע קאָנ־גרעסן וועט אָנהויבן אַרויסצושפּראָצן דער באַלעבנדיקער גייסט פון אונזער פאָלק און פון זיין אידישער קולטור, נאָר פון אָט־אַזעלכענע ניגונימלעך. דער זעלבער חלוצישער גייסט וואָס האָט אינספּירירט דאָס בליען פון גליל, דאָס דערוועקן פון דעם נגב און דעם נסימהאָפ־

---

*) אין די יאָרן 1945, 1946, 1947 און 1948 האָט דער שרייבער פון די שורות פאַרעפנטלעכט אַ ריי קריטישע און אויפוועקערישע אַרטיק־לען אין „וואָכנבלאַט" וועגן אונזער אייגנאַרטיקן חולה פריילין-אידיש. אין אַ צאָל פון יענע אַרטיקלען איז דער טערמין „פּסיכיאַטאָר" אָפט גע־נומען געוואָרן אין שפּיל, כדי העלפן אויפשפּילן, אין פולסטן ערנסט, דאָ אין לאַנד דעם נאַציאָנאַל-דרינגענדיקן אימפּעראַטיוו פון אידיש־קאַמף — רעדאַקציע.

טיקן אויפשטעל פון מדינת ישראל, וועט דאַרפן באַווייזן זיין שעפע־רישקייט אויך אין די אַמעריקעס און בכל מקום שהוא. אויך אין די אַזוי גערופענע גלות־לענדער — צי דאַרף מען, אפשר, איצט רופן זיי „חוץ לארצן״, — הויבן מיר אָן דעם רענעסאַנס פון אונזער פאָלקס־קולטור ניט פון דרויסן, ניט פון פּלאַטפאָרמעס, נאָר פון אונטן, ביי די שוועלן, אין די היימען. און ביי דעם סאַמע פּשוטסטן שוועל פון דער סאַמע ערשטער היים הויבן מיר אָן, מיט פאַרציען דעם ניגון:

— מי יבנה הקולטור?
— מי יבנה הקולטור?
— ישראל יבנה הקולטור!
— ישראל יבנה הקולטור!

און דאָ, דערלויבט מיר, מיין פריינט, צו טראַקטירן אייך מיט אַ ביסל עמך־טעאָריע, אָנשטאָט מיט אַ ביסל כיבוד, פון וועלכער איך, אַ חולה, בין, לויט אַלע העפלעכקייט־כללים, באַפרייט.

ב.

אין דעם קערפּער פון אַ פאָלק, ווי אין דעם גוף פון אַ יחיד, דרעמלען תמיד טענדענצן צו סטאַגנאַציע, צו פאַרגליווערונג, וועלכע ווערן מער און מער קענטיק מיט דער אָפּשוואַכונג פון איין אָדער מער גלידער פון דעם גוף און, במילא, פון דעם גאַנצן קערפּער. דער רוח־חיים פון דעם פאָלק, ווי פון דעם יחיד, וואָס מאַניפעסטירט זיך דורך דעם קהלס טעטיקייטן ווי דורך דעם איינצלנעמס עסקים איז, בכן, אַ דאַנק אָט־די סטאַגנאַציע־טענדענצן, אין שטענדיקער געפאַר אָפּגע־שוואַכט צו ווערן, אויב ניט אין גאַנצן אָפּגעטויט צו ווערן. מהאי טעמא — די פאַרשווינדונג פון די געשיכטע־בלעטער און פון דער וועלט־מאַפּע פון אַ ריי פעלקער. די פעלקער, אָבער, וואָס האָבן זוכה געווען צו האָבן אָנגעהויפּט טויזנטער יאָרן פון געשיכטע, ווייל זיי האָבן באַוויזן בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען אויפן וועג פון נאַ־ציאָנאַלן קיום, זיינען, הפנים, באַוואוסטזיניק געווען, צי אינטואיציע האָט זיי פון צייט־צו־צייט אַ וואָרן־געטאָן, וועגן אָט די לויערנדיקע אינערלעכע שונאים. און אין ליכט פון אָט־דעם באַוואוסטזיין, צי אין שיין פון דעם געטלעכן אויג — די אינטואיציע — זיינען זיי שטענ־דיק אויף דער וואַך געשטאַנען צו ווערן זיך קעגן די קיינמאָל־ניט־פאַרשלאָפנדיקע אינערלעכע שונאים.

דער קאַמף קעגן אַט דער אינערלעכער צעפּרעסונג איז ביי די מיט־יאָרן־אָנגעזעטיקטע פעלקער געפירט געוואָרן אויף דריי הויפּט־פראָנטן: א) דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער פראָנט; ב) דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פראָנט און ג) דער גייסטיק־קולטורעלער. עס איז אמת, אַז דאָרט־און־דאָ באַגעגענען זיך אַט־די פראָנטן. אָפט ווערט דער פּאָליטישער פראָנט פאַרוואַנדלט אין אַן אַרענע לטובת עקאָנאָמישע פריוויליגיעס פון געגעבענע פעלקער, פּונקט ווי געוויסע קולטור־פיילן ווערן נישט־זעלטן געצילט, כדי אַ בעסערע פּאָליטישע מערכה זאָל אויסגעקעמפט ווערן פאַר דער אָדער יענער נאַציע. אָבער בכלל גענומען זיינען אַט־די־אויבן־אָנגעצייכנטע דריי פראָנטן באַזונדערע, ווירקן מער־ווייניקער זעלבסטשטענדיק און זיי פירן אַן זייערע געפעכטן קעגן דעם שונא, "וואָס בויערט פון אינעווייניק" פון דריי אויטאָנאָמע אָפּווער־פּאָזיציעס.

(זאָל דאָ קלאָר זיין, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן די קאַמפן אין דעם און יענעם פאָלק גופא, וועגן די געגנגעזעצטע קלאַסן־אינטערעסן, א. אַז. וו.; דאָ רעדט זיך נאָר וועגן דער איינגלידערונג פון אַ פאָלק, ווי אַ געזונט־פונקציאָנירנדיקער גליד אין דעם פעלקער־גוף פון דער וועלט).

ג.

פעלקער, וועלכע וואוינען אויף זייערע לענדער האָבן דריי הויפּט־אינטערעסן: 1) זען צו שיצן זיך, עפעקטיוו, קעגן אַ מעגלעכן איבערפאַל פון אַ טעריטאָריע־הונגעריקן שכן; 2) אין זינען האָבן, אַז די נאַטירלעכע רעסורסן פון לאַנד זאָלן אַזוי קולטיווירט ווערן, אַז זיי זאָלן געבן גענוג חיונה דער באַפעלקערונג און 3) צו זיין וואַכזאַם, אַז די בירגער זאָלן קענען, אומגעשטערט, דינען זייער גאָט און זיך פריי אַנטוויקלען אין די ראַמען פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור.

ד.

ווען די אַמאָליקע אידן זיינען אויף זייער אייגן לאַנד געוועזן, זיינען זיי ניט קיין סך אַנדערש געווען, ווי די אַנדערע פעלקער. די אתה־בחרתנו־ניקעס, קען מען זאָגן, האָבן זיך אויפגעפירט „ככל העמים". זיי האָבן, אין קאַמף פאַר זעלבסטדערהאַלטונג, מלחמות געפירט און אין פייער פון שטרייט האָבן זיי אויסגעשטאַלט זייער נאַ־

ציאָנאַלן רוקנביין. דער פייער פון אָט־יענע קאַמפן וואַרעמט אונז נאָך עד־היום. די אייביקע שנאה צו עמלקן גייט אונז נאָך ביז די איצטיקע טעג און איז נאָך היינט געזונטע נאַרונג פאַר אונזערע נאַציאָנאַלע גאַר־ניט־יונגע ביינער. אונזערע העראָאישע געפעכטן מיט די רוימער און מיט די גריכן פילן נאָך היינט אָן מיט שטאָלץ אונזערע הערצער. זיי זיינען נאָך היינט די וואונדערלעכסטע לעגענדעס פאַר אונזערע קינדער און קינדס־קינדער צו דערציילן.

ווען מיר, די אַמאָליקע עברים, זיינען אין ארץ־ישראל געווען, האָבן מיר ניט נאָר פּאָליטיש דערוואָרבן אַ פרייען בלויען הימל איבער אונזער קאָפּ, נאָר מיר האָבן מיט דער ערדישער ליבע געאַקערט אונזע־רע פעלדער און מיט מוטערלעכער טרייקייט געפלאַנצט אונזערע וויינ־גערטנער. מיט פריידיקע פּנימער האָבן מיר, אידן, געטראָגן די פּרוכט פון אונזערע מיאיקע הענט צו גאָט און צו מענטש, צו די כוהנים און די לויים. מיר זיינען געווען אַ ברכה פאַר גאָט און אַ בענ־טשונג פאַר אונזערע מיט־מענטשן.

ה.

די לאָגלען וואָס די אידן האָבן אָנגעפילט אויפן לאַנגן וועג פון גלות זיינען נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעשעפּט. די ליבע צו דער ערד יויערט נאָך אין זייערע הערצער און די בענקעניש נאָך די שוין־איצט־באַפרייטע און צעהעלטע ארץ־ישראלדיקע הימלען איז נאָך ווייט ניט אויסגעלאָשן פון זייערע אויגן.

די מעשים פון אונזערע ברידער אין ארץ־ישראל, פאַר די לעצטע דריי דורות, זיינען אַזעלכע הערלעכע, אַזש זיי פאַרוועבן זיך צוויבער־האַפט אין דער גאָלדענער קייט פון די מאַקאַבייאישע רינגען. זיי פאַר־גלייכן זיך אין הויך מיט די אַנדערע גרויסע און אייגנאַרטיקע שאַפונגען וואָס מיר האָבן דער וועלט געגעבן. ווי דעם אל אחד. ווי דעם שבת. ווי דעם תנ״ך. ווי דעם באַגריף פון קידוש־השם.

יע, אויך דאָס איצטיקע אידישע ארץ־ישראל, אין ליכט פון צוויי טויזנט יאָר גלות, מיט אַלע זיינע אימפּליקאַציעס, איז אַ ווערק, פאַר וועלכער די פעלקער פון דער וועלט דאַרפן שטיין אין עכטער הכנעה, מיט דער גרעסטער באַוואונדערונג, ווי פאַר אַ געטלעכער התגלות, ווי פאַר אַן אַנטפּלעקונג.

ו.

[אַר פּונקט ווי פּאַראַלעל מיט דעם תלמוד ירושלמי האָבן אידן געשאַפן דעם תלמוד בבלי, אַזוי הערט זיך דער אידישער געניוס נישט אויף צו מאַניפעסטירן בכל דור ודור און בכל מקום שהוא.

דער קיום פון אידישן פאָלק אין זיין גאָרער צעשפּרייטקייט איז, בכן, נישט ווייניקער הערא‌איש, ווייל נישט ווייניקער אָנגעלאָדן מיט די אַלע קוואַליקע נאַציאָנאַלע זאַפטן וואָס האָבן אונז דורכגעטראָגן דורך די יאָר־טויזנטער.

לויפנדיק אין 1492 פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, האָט איינער פון די אַנוסים, קאָלאָמבוס, אַזש אַ נייע וועלט אַנטדעקט — אַבי אַ נייעם מקום מקלט צו שאַפן פאַר דעם אייביקן אידן, וואו צו לעבן און וואו צו שאַפן.

און אידן האָבן דאָ, ברוך השם, גענוג געשאַפן. מיט זייער מסירת נפש. מיט זייער אידעאַליזם. מיט זייערע מוחות. מיט זייער חכמה. בכל לבבם ובכל נפשם. דאָ גלייך מוז, אָבער, אונטער־געשטראָכן ווערן מיט גענוג־דיקער שריפט, אַז אין אונזער גייסטיקן לעבן אין קאָלאָמבוסעס מדינה פילט זיך אין די לעצטע דריי דעקאָדן אַ באַשטימטע מידקייט. עס מערקט זיך די נאַטירלעכע טענדענץ פון סטאַגנאַציע, פון פאַרשלעפּערונג, פון פאַרגליווערונג. און די ערשטע צו דערפילן אָט די געפאַר זיינען די במקום־נביאים, די קינסטלער. ווען דאָס פאָלק איז געזונט, ווען זיין גוף איז אין בליאיקן צושטאַנד זיצט דער קינסטלער פעסט און זיכער אויף זיין טראָן. זיין וואָרט איז געזאַנג און זיין שאַף איז בענטשונג פאַר יונג און פאַר אַלט. ווען דער גייסטיקער חוט־השדרה פון אַ פאָלק ווערט, אָבער, שוואַך, טרעפט עס גלייך, און צום ערשט, דעם קינסטלער. זיין שטול גיט זיך גלייך אַ וואַקל. זיין וואָרט פאַרלירט די וואָג. די חשיבות פון זיין פערזענ־לעכקייט פאַלט. און אַזוי הויבט אַ פאָלק אָן פאַלן.

איז דער אידישער קינסטלער אין אַמעריקע, דער אידישער שריפטשטעלער איבערהויפּט, זייער אומרואיק. ער זעט ווי דער רוב מנין און רוב בנין פון פאָלק ישראל אין אַמעריקע איז גלייכגילטיק צום גאָלדענעם המשך זייערן, אַפּאַטיש אַפילו צו זייער אייגענער צו־קונפט דאָ אין לאַנד. ער זעט ווי דער גלאַנץ פון דער גאָלדענער מטבעה האָט צעעפנט פאַר זיי אַלע טירן פון צעלוסטיקטער עולם־הזה, און עס

וויינט אין אים דאָס האַרץ. און עס פלאַמט זיין פּנים אין שאַנד פאַר אונזערע אָבות וואָס האָבן זייערע לעבנס אויף קידוש־השם פריי־גיביק אַוועקגעבערענט, כדי זייערע אור־אור־אייניקלעך זאָלן מיט אַזאַ התמדה צום עגל־הזהב זיך פאַרקויפן.

און מער פאַר אַלץ וויינט דאָס האַרץ פון דעם אידישן קינסטלער אויף דעם גורל פון דעם אידישן לשון — וואָס די קינדער פון קלאַ־סישן גלות האָבן אַליין אין גלות פאַרטריבן זייער אויג־אין־קאָפּ — זייער מוטער־שפּראַך. דער היגער איד איז אין באַזיץ פון אַן אוצר און ווייסט ניט ווי אים צו שעצן און ווי אים צו שיצן. אַט האָט מען ניט לאַנג צוריק, ביי אונזערן אַ שכן, אין בראַזיל, פאַרבאָטן צו שרייבן אידיש, צו דרוקן אידיש. איינע פון פינצטערע גזירות וואָס באַ־וויליקן אונז געבן־אַרטיק וויזיטן... ווי אומגליקלעך די אידן פון לאַנד בראַזיל האָבן זיך געפילט! ערשט אין דעם „לא תעשה“, אין דעם פאַר־באָט האָט זיך אידיש צעבליט אין דמיון פון בראַזילער אידן מיט אַלע זיינע צויבערן, מיט אַלע זיינע חנען. עס האָט פלוצלונג זיי געצומען ציען צו אַ אידיש וואָרט. אידיש האָט זיי געצומען מאַניען כישוף־אַרטיק און אידיש איז ביי זיי געוואָרן דער סימבאַל און דער אינהאַלט פון יהדות. און ווען די בראַזילער רעגירונג האָט אַראָפּגענומען דעם חרם אויף אידיש איז טאַקע ביי די דאָרטיקע אידן געוואָרן „ליהודים“. ערשט דאַן האָבן זיי איינגעזען דעם ווערט און די גרויס פון זייער אוצר.

אַט דער אַלאַרמירנדיקער צושטאַנד אין היגן אידישן לעבן דאַרף דעריבער אַרויסרופן אויף אונזער געזעלשאַפטלעכער אַרענע אַ נייע גרופּע טוער. און — אויף אַ גאַנץ נייעם דרך דאַרף זיך פאַרנעמען אַט־די גרופּע; מיט אַ נייעם נוסח דאַרף זי מאַכן איר געזעלשאַפטלעכן דעביו; אין אַ חלוצישער לינען־העמד, מיט פאַרקאַשערטע אַרבל לאָזט זי זיך, אימפּעטיק, צו דער מלאכת הקודש.

מיט וועמען הויבט זי אָן? מי ומי ההולכים?

זי הויבט אָן מיט דעם סאַמע ערשטן אידן אויף דער סאַמע ערשטער גאַס, אין דער סאַמע ערשטער שטאָט.

אין דער אַלגעמיינער ניט־אידישער וועלט איז איצט פרידן. ביי אונז — מלחמה. מיר דערקלערן קריג דער אַסימילאַציע, דער דרויסנדיקער און דער אינעווייניקסטער. און מיר הויבן אויף די פלאַקערדיקע קאַמף־פאָן קעגן דעם גאַלאָפּירנדיקן עם־הארץ, וועלכער

האָט זיך פרעך צעלייגט אינם אויבנאָן פון אונזער קהלשער באַלע־באַטישקייט.

מיר ווילן פאַרוואַנדלען יעדן אידישן אידן אין אַ זעלנער. יעדעס אידיש הויז — אַ פעסטונג. יעדער מנין אידן — אַ קרייז.

מיר זיינען נישט קיין רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיקער און ניט קיין סאָציאַל־רעפאָרמערישע עקאָנאָמיסטן. מיר זיינען קולטור־אַרכיטעקטן, און מיר פאַרנעמען זיך אויף איבערצובויען דעם נאַציאָנאַלן בנין פון היגן אידנטום. מיט דאָס ביסל זעלנער־שטאָף וואָס מיר האָבן, הויבן מיר אָן דעם מאַרש אויף אַמעריקע, מיט דער האָפענונג אַז אידישע אידן פון כל־ערליי לאַגערן און גרופּירונגען וועלן אַלץ מער און מער דיקער מאַכן די רייען פון די מאַרשירנדיקע אידישע זעלנער אויפן וועג פון דערגיין, דערוווערבן און אָנהאַלטן די גרעסטע נאַציאָנאַלע אידישע קונסט — די קונסט פון שטענדיקן ווערן.

דער געביידלטער סדר־העולם

א

דער גרויסער פילאָזאָפישער זין פון יום־טוב סוכות טאָר נישט פאַרשווינדן פון אונזער רעיון, פון אונזער וואַכזאַמקייט מיטן קאַלענדאַרישן אַוועקדריי פון דעם יום־טוב. די רייד פון אונזערע אָבות וועגן דער גוואַלדיקער באַדייט פון אונזערע יום־טובים זאָל נישט אויפהערן רעגן אונזער אויער.

אונזערע קלוגע אָבות האָבן אונז, אין זייער וועלט־זעעוודיקייט און נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישער אידישער טרייקייט, אָנגעזאָגט, אַז אין סוכות, אין ביידלעך, „זאָלט איר וואוינען זיבן טעג". דערמיט איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון קאָלעקטיוו־אידישן איבערלעב איבער פילע אַמאָליקע שכנים־פעלקער אונזערע, פון וועלכע עס איז שוין קיין שריד ופליט ניט געבליבן, און דערמיט איז אויך פאַרזיגלט געוואָרן די גאַראַנטיע פון אונזער אויסצייכענונג־ראָליע — אין עטישן זין — צווישן די ניט־אידישע מענטשן־גרופּן פון דער וועלט — אונזער וויזיאָנערישער באַרוף פון זיין אַ נס לעמים.

פונקט ווי אין דעם לעבן פון אַ יחיד איז אַ טאָג די צייט־מאָס, אין וועלכער אַלע מענטשנס פונקציעס און עמאָציעס, די חלומות זיינע און אַנטוישונגען, אַלע זיינע דראַנגען און רעזיגנאַציעס קומען צום פולן אויסלעב און צום פונקט־אַזוי־פולן אויסלעש, אַזוי אַז דער סאַמע נעקסטער טאָג איז כמעט ניט מער ווי אַ לעבנס־פּאַראַפראַזע פון דעם ערשט־פאַרגאַנגענעם טאָג, — פונקט אַזוי איז זיבן טעג די צייט־מאָס, אין וועלכער אַ פאָלק, אַ כלל, אַ באַשטימטער קאָלעקטיווער אָרגאַניזם לעבט דורך און פירט דורך אַלע זיינע פונקציעס און עמאָציעס, די חלומות זיינע און אַנטוישונגען, אַלע זיינע דראַנגען און רעזיגנאַציעס.

אין אַט־די זיבן טעג, אין דעם זיבן־טאָגיקן מאַסשטאַב פון צייט־מאָס, האָט די אידישע גרופּע אַריינגעלייגט אַ ביידלדיקן אינהאַלט אין איר מעטאַפיזישן וועלט־באַנעם, און, במילא, אין איר פיזישן וועלט־געבוי. גאָטס ליכט דרינגט אַריין אין דעם אימפּראָוויזירטן סוכה־

שטיבל פונקט אַזוי העל — און אפשר נאָך העלער — ווי אין דעם ביז־הימל געטורמטן און לעולמי־עד־פּאַרפּעסטיקטן גראַנד־בנין פון פּתום און רעמסס. פון אָט־דער גרינג־פּיסיקער ביידל־קולטור איז דאָס אויס־געוואַקסן דער פּאַסטוך־קעניג דוד וואָס האָט, אין לייוונטענעם קלייד, מיט איינפאַכן שטיינדל באַזיגט דעם מוראדיק־שווער־באַפּאַנצערטן ריז גלית הפלשתי. און דאָס איז אויך דער סוד פון אונזער צוויי טויזנט יעריקן קיום ווי אַ מיעוט צווישן אַלע געצנדינערישע פעלקער פון דער וועלט. מען האָט חרוב געמאַכט אונזערע סוכות אין איין אָרט, האָבן מיר, אָן שוועריקייטן, אויפגעשלאָגן יעקבס געצעלטן אין אַן אַנדער אָרט. האָט מען אונז, פאַר דער אמונה אין אל אחד, אַרויס־געטריבן פון לענדער גאַנצענע, האָט עס אונזער מוט ניט אָפּגעשוואַכט, אונזערע פיס ניט מיד געמאַכט און מיר זיינען, בקומה זקופה, ווי משיחים, ווי נביאים אָנגעקומען אין נייע לענדער מיט גאָטס וואָרט אין מויל און מיט דרייסטער וואָרנונג צו די לעסטערער פון אמת און צו די שענדער פון צדק. און אַזוי, בין יום־ובין לילה, צווישן טאָג און צווישן נאַכט, זיינען שוין אונזערע געצעלטן, די געביידלטע, געווען אויפגעשטעלט, אויפן כלומרשטן נייעם באָדן, אויף וועלכן מיר האָבן זיך געפילט היימיש, ווי מיר וואָלטן דאָ תושבים געווען משנים קדמוניות.

ב

נאָר מיט אונזער גאַנצער היימישקייט אויף דעם באָדן פון די פעלקער פון דער גאָרער ערד, האָבן מיר, אויף איין רגע אַפילו, ניט אויפגעגעבן אונזער חזקה אויף דער אמתער היימישקייט, אַזוי אַז דורך די צוויי טויזנט יאָר פון וואַנדלונג און וואַנדערונגען האָט זיך דער בענקשאַפט־פאָדים צו ציון און ירושלים אין ערגעץ ניט איבער־געריסן, און צווישן דעם שלל פון סוכות וואָס איז אונז אויסגעקומען אויפצושטעלן אין לויף פון די דורות האָבן מיר קיינמאָל פון אויג ניט אַרויסגעלאָזן די „סוכת דוד הנופלת”.

נאָר אַ פאָלק וואָס איז דורך יאָרטויזנטער געווען באַגאָרטלט מיט אַ ביידלדיקן אינהאַלט אין זיין מעטאַפיזישן וועלט־באַנעם האָט געקענט איצט, ביי שיבת ציון, אַרויסווייזן אַזעלכע גוואַלדיקע שעפע־רישע כוחות און פאָטענצן, און אין לויף פון געציילטע חדשים ברענגען דער וועלט צו שטוינונג און צו גלייכצייטיקער באַוואונדערונג. און פון זעלביקן באָדן פון וועלכער עס איז אַמאָל אַרויסגעוואַקסן אַ דוד, אַ בר־

כוכבא, די חשמונאים — פון דער זעלביקער ביידל־קולטור זיינען אַרויס־געוואַקסן די איצטיקע מאַקאַבייער אין ישראל פאַר וועמעס מיליטע־רישער גאונות עס ליגן איצט צו די פיס אַלע מיליאָניק־צאָליקע אַראַ־בישע פעלקער מיט דער פיראַטן־מאַכט פון די ימים בראש.

דער סוד פון דעם ליגט אין די קלוגע רייד פון אונזערע אָבות, וועלכע האָבן אונז, אין זייער וויט־זעעוודיקייט און נאַציאָנאַל־פּאַטריאָ־טישער אידישער טרייקייט, אָנגעזאָגט, אַז אין ביידלעך, אין סוכות, „זאָלט איר וואוינען זיבן טעג."

די סוכה־אָנשויאונג פון אידישער קולטור

א.

אויב עס שוויבלט ניט ביי אונז מיט אידישע קולטור, אויב מיר האָבן ניט, צ. ב., קיין הונדערטער אידיש־אידישע וואָכנבלעטער בכל תפוצות אַמעריקע, קיין צענדליקער — ממש צענדליקער — טעגלעכע אידישע צייטונגען און ענלעכע אינסטיטוציעס אין זעל־ביקן מאָסשטאַב דאָ אין לאַנד, איז עס אַ סימן מובהק, אַז מיר האָבן גאָר טיכטיק און גאָר פלייסיק איבערגענומען פון אונזערע נישט־אידישע שכנים זייער וועלט־אָנשויאונג, און מיר האָבן, גלייכצייטיק, בידים אָוועקגעוואָרפן אונזער געבענטשטן אוצר — די סוכה־אָנ־שויאונג.

אַ זעלטענע אילוסטראַציע ווי עס אַרבעט אין לעבן די סוכה־אָנשויאונג איז טאַקע דאָס „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט.״ די צייטשריפט האָט מיט קאָרגע 15 יאָר צוריק אָנגעהויבן איר עקזיסטענץ־ווילן אָן איין (1) רעאַלן דאָלער, בעת עס איז אונז גאַנץ גוט באַוואוסט געוועזן דער פאַקט, אַז אונזערע ניט־אידישע שכנים הויבן אָן אַרויס־געבן זייערע וואָכנבלעטער מיט מיליאָנען דאָלאַרן צו פאַרלירן „לויטן פּלאַן.״ כדי מיט יאָרן שפּעטער אָפּצומאַכן כפל־כפלים.

חוץ מיליאָנען, האָבן מיר אויך געוואוסט, אַז אַ צייטשריפט דאַרף האָבן אַ פאַרצווייגטן סטעף מענטשן אין די רעדאַקציע־אָפּטיילונגען און אין די פאַרוואַלטונג־דעפּאַרטמענטן. אָבער מיט אַ ביסל באַמיאונג און מיט אַ ביסל שכל וואָס מען נאַשט פון דער ביידלדיקער אידישער קולטור, קען מען אָנהויבן אַ אידישע צייטשריפט אָן איין פּרוטה און מען קען אָרגאַניזירן אַלע רעדאַקציע־אָפּטיילונגען און אַלע פאַר־וואַלטונג־דעפּאַרטמענטן אָן איין אָנגעשטעלטן, והא ראיה: —

„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט,״ ביים באַלדיקן פאַררונד פון פולע פופצן יאָר.

ב.

מיט דעם נומער, אַגב, הויבן מיר אָן ווידער אַרויסגעבן דאָס „וואָכנבלאַט" וועכנטלעך. דאָס מיינט ניט, אַז ביז איצט האָבן מיר אי־בערגעהיפּט נומערן. קיין איין נומער קען ניט און טאָר ניט איבער־געהיפּט ווערן, אַז ניט וואָלטן מיר פאַרלאָרן פון פּאָסט־אָפיס די „סעקאָנד קלאַס מעיל"־פּריווילעגיע. נאָר וואָס דען? זומער דערשיינט אונזער צייטשריפט איינמאָל אין צוויי וואָכן און דאָס „וואָכנבלאַט" דערשיינט אויך ניט אין וואָכן ווען עס פאַלן אויס אידישע יום־טובים.

און היות מיט דעם נומער נעמען מיר אויף זיך ווידער אַ היפּשן פּעקל, בעטן מיר אונזערע פריינט, אונזערע לייענער, צו קאָאָפּערירן מיט אונז. וואָס הייסט קאָאָפּערירן? — שאַפן נייע אַבאָנענטן; זיך מקדים זיין און באַצאָלן פאַראויס פאַרן אייגענעם אַבאָנעמענט; דורכ־פירן אין די פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס איין מאָל אין יאָר אַ יום־טוב לכבוד דעם „וואָכנבלאַט" — אין וועלכן פאַל מיר וואָלטן צו־געשטעלט פּאַסיקע טאַלאַנטן אַלאַ „עונג־„וואָכנבלאַט"," און אַז. וו.

ג.

מיט אַ פּאָר שורות פריער איז דאָ געזאָגט געוואָרן, אַז מיט קאַרגע 15 יאָר צוריק האָט דאָס „וואָכנבלאַט" געמאַכט זיין פאַרנויג־דעביו אין דעם באַזיץ פון איין (1) רעאַלן דאָלער און אָט־דער פיקטיווער דאָלער איז נאָך אַלץ דער איינציקער פאַרמעג פון אונזער צייטשריפט. קענט איר זיך פאָרשטעלן וואָס עס האָט פּאַסירט אין דער רעדאַקציע מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען עטלעכע בריוונטרעגער האָבן, מיט פאַראייניקטע כוחות, אונז אַרויפגעטראָגן אַ טשעק אין דער פולער וואָג פון 200 דאָלער? ראשית כל, האָבן מיר גלייך פאַרבעטן אונזערע קאָלעגן, די אַנשי־פּרעסע. די פאָטאָגראַפיסטן האָבן זיך גלייך גע־נומען צו דער מלאכה. זיי האָבן זיך גאָרניט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם טשעקישן חן. דרוקן מיר, דעריבער, אין דעם נומער אַ בילד פון דעם טשעק, למען ידעו, כדי אונזערע טרייע לייענער זאָלן וויסן וואָס מיר דערוואַרטן פון זיי און פון וואָס פאַר אַ מינים טשעקס דאָס „וואָכנבלאַט" קען געהאָלפן ווערן. והשנית, זאָלן זיי, למען השם, ניט פאַרפעלן צו לייענען די געשיכטע פון אָט־דעם טשעק, ווי דער בעל־דבר אַליין בריוולט זיך דורך (אויף זייט 7) מיטן רעדאַקטאָר וועגן

דעם, און זען אויב די טרייע פריינט אונזערע קענען עפּעס ניט בײ־טראָגן אויך אויף אָט־דעם נייעם געביט — אויף דעם פּראָסט־און־פּשוטן געביט פון אַדווערטייזמענטס, אַ געביט וועלכן מיר האָבן כמעט איגנאָרירט, דורך די אַלע, אַלע יאָרן, פּאַרזען.

זאָלן די לייענער אונזערע, אין די איצטיקע ערשטע וואָכיקע טעג וואָס נאָך סוכות, גלייך אָנהויבן זייער קאָאָפּעראַציע מיט אונז און דער „נס־„וואָכנבלאַט" אין גייסט פון אונזער סוכה־אָנשויאונג וועט זיך נאָך מער צעהעלן און צעבליען לטובת דעם געזונטן המשך פון דער ביידלדיקער אידישער קולטור אין אַמעריקע.

דער שרייבער אויף דער בימה פון דער בינע

א

ערגעץ־וואו האָט מיין באַשיידענע פעדער אַמאָל פאַרצייכנט אַ פּאָר שטריכן צו אַ רעיון וועגן דער עובדא פון דעם שרייבער ביי זיי און ביי אונז:

ביי די אומות העולם האָט אַ שרייבער איין עובדא: שרייבן. די פּויערים אַקערן און זייען; די פּראָלעטאַריער באַפעלן די רעדער צו דרייען; די סוחרים שטעלן־צו און שטעלן־אויס זייערע לאָקנדיקע סחורה. און דער שרייבער — שרייבט. דערשמעקט אַ פאַרלעגער אין אַ שרייבערס ווערק דעם ריח פון ריוח וועט שוין דער כתב־יד ניט בלייבן שימלען לאַנג אין דעם מחברס שופלאָדן...

ניט אַזאַ, אָבער, איז און קען זיין די ראַליע פון דעם אידישן שרייבער.

מיטן אויסצירקלען פון זיין מייסטער־שאַף שעפּט זיך נאָך ווייט ניט אויס זיין ראָליע, צי זיין באַרוף, אין לעבן. ער דאַרף נאָך זיין געשריבן וואָרט זען אַריינרייִדן אין לעבן אַריין. מיט אַנדערע ווער־טער: ער דאַרף זיין עסטעטישע, צי עטישע, שליחות זען צו פאַר־טייטשן אין טערמינען פון צאַפּלדיקן לעבן.

ב

א ריי סיבות האָבן געפירט צו דעם וואָס דער שרייבער פון אונזערע איצטיקע טעג וויל ניט, צי קען ניט, פאַרטייטשן זיין עסטעטישע, צי עטישע, שליחות אין טערמינען פון צאַפּלדיקן לעבן. חוץ די סיבות וואָס זיינען תולה אין אים אַליין, האָבן אַ ריי געשיכט־לעכע פאַקטאָרן אין היגן אידישן לעבן גורם געווען, אַז „דער במקום־גביא פון איצטיקע טראַגישע און גורלפולע טעג פון אונזער לעבן זיצט ניט אויף זיין באַרופענעם שטול און האַלט ניט דעם „שרביט המלוכה" אין זיין האַנט."

אין מיין באַשיידענעם פאַרזוך אויף צוריקצושטעלן דעם באַרוף־

שרייבער צו דער מזרח־וואַנט פון אונזער לעבן, איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו פאַרברענגען פאַר אַ גרופּע ערנסטע טוער פון היגן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד — איינע פון די סאַמע אידישסטע און פאָלקסטימלעכסטע קערפּערשאַפטן — אַ ריי פונדאַמענטאַלע טענות און תביעות, וואו אין איינער פון זיי האָב איך זיך אַזוי מתווכח געווען:

עס איז כדאַי דאָ צו זאָגן צו די פאַרבאַנדניקעס, אַז זיי זאָלן אכטונג געבן אַז אין זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס זאָלן די שרייבער און די קולטור־טוער קענען אָפּהיטן אַט־די מצוות־אידיש. מיר איז באַקאַנט נישט איין פאַל, וואו צוליב אַ חשד, טאָמער האָבן עטלעכע נישט גוט פאַרשטאַנען אידיש, איז אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג פון אַ פאַרבאַנד־ברענטש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ענגליש־ריידנדיקער אָרגאַניזאַציע. איבערהויפּט האָט זיך דאָס בולט אַרויסגעזען ביים פאַרזוך פון געוויסע פאַרבאַנד־ברענטשעס אַריינצוציען אייניקע יוגנטלעכע, צוריקגעקומענע פון דער אַרמיי. דער שפּלות־קאָמפּלעקס פון די 90 פראַצענט, צי מער, אידיש־ריידנדיקע מיטגלידער פון דעם און יענעם פאַרבאַנד־ברענטש, וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט ביים ליכט פון די עטלעכע אָנוועזנדיקע יוגנטלעכע איז געווען זייער ווייטיקדיק. און אויב ביי דעם לפי־ערך בעסערן עולם פון דעם פאַרבאַנד איז דאָ אַזאַ גרויסע בטול־עצמו, אַזאַ מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס לגבי זיך, און דער שפּראַך — טאָ וואו־זשע דען זאָל דער אידישער שרייבער שעפּן מוט און קעמפערישקייט? וויפיל אָוונטן אַ יאָר — מיטן אויסנאַם פון אייניקע ברענטשעס — ווערן ביי די פאַרבאַנד־ברענטשעס געווידמעט צו ליטעראַטור, צו קונסט, צו פייערונגען פון אידישע שרייבער? ווי אָפט, בכלל, קומען פאָר ביי זיי לעקציעס, דעבאַטעס, א. אַז. וו.? זאָל דער שרייבער אָנהויבן פאַרנעמען זיין בכבודיקן פּלאַץ *אינם לעבן פונם פאַרבאַנד גופא*, זאָלן אידישע שריפטשטעלער ווערן געהויבענע געסט אין דעם לעבן פון די ברענטשעס, וועלן אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס זיך אויך נעמען יום־טובן מיט אידישע שרייבער. ווי די לאַגע שטייט איצט יום־טובט מען זיך לעצטנס אין פאַרבאַנד־ברענטשעס מיט גאָר אַנדערע כיני „גדולים", מיט אַזעלכע וואָס קאָנען אַליין שרייבן *בכבודיקע* טעקס און קענען אויך זאַמלען אַזעלכענע בכבודיקע טשעקס פון זייע־יע אינדוסטריע־ און קאָמערציע־פּריינט. אַז מען מאַכט איז „פּ ַרבאַנד" אַזאַ וועזן פון געלט־מענטשן, מעגן זיי זיין פּראָסטאַקעס בני פּראָסטאַקעס, טאָ וואָס טויג דאַן דער שרייבער — זיין בוך און

זיין וואָרט?! אַדאַנק די פאַרגרעבטע געלט־מענטשן וואָס פּרעזי־דענטעווען — בכל סאָסייעטי וסאָסייעטי — איבעראַל און דעה׳ווען אומעטום איז דער אידישער וואָרט־מענטש, דער איד פון גייסט פאַר־שטויסן געוואָרן אָן אַ זייט, און עס זעט ניט אויס אַז ס׳זאָל אַזוי לייכט און אַזוי שנעל קענען אָפּגערייניקט ווערן די גאַס, אַז דער מאַן פון תורה און חכמה זאָל זיך קענען אַוועקזעצן אויף זיין כסא המלוכה — ער זאָל קענען צו די מאַסן ברענגען זיין וואָרט און שפּרייטן זיין איינפלוס.

ג

אָט־די וויט־ניט־קורצע הקדמה ווערט דאָ געבראַכט כדי מער נאָך צו אילומינירן די שרייבער־געשטאַלט — שלום עליכם — וואָס דער שרייבער־דראַמאַטיזאַטאָר מאָריס שוואַרץ האָט ביים אָנהויב פון 31־טן סעזאָן פון קונסט־טעאַטער אַרויסגעבראַכט אויף דער בימה פון דער בינע.

דער טעאַטער, ווי אַ קונסט־מעדיאום, האָט די הייליקע שליחות פון אויפבויען מוסטער־געשטאַלטן אָדער דעמאַסקירן פאַלשע פּנימער.

אויפן באַזיס פון שלום עליכמס ראָמאַן „יאָסעלע סאָלאָוועי״, וואָס דער מייסטער פון אידישן אידיאָם האָט אין ניט־פּולער קינסטלערישער רייפקייט אויפגעשריבן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, און אויף דער קאַנווע פון אַ מאַזעפּעווקע האָט דער פאַרדינסטפולער דראַמאַ־טיזאַטאָר מאָריס שוואַרץ פאַר די אידן פון ניו־יאָרק און פון אַנדערע גרויסע שטעט רעקאָנסטרואירט דאָס פאַרהייליקטע אידישע שטעטל מיט אַלע קענטיקע שטעטלשע פיגורן, מיט אַלע שטעטלשע חנ׳ען וואָס באַגלייטן אונז און וואַרעמען אונז ביז אויף אַלע כרכ׳יקע טראַקטן, מיט אַלע פעסטע מאָראַלישע עקרים וועלכע האָבן אונז, דורך יאָר־הונדערטער, געהיט־און־געשירעמט, און אונז דערהאַלטן עד היום הזה אין ריינקייט און אין קרעפטיקונג.

נאָר דער לייט־מאָטיוו פון יאָסעלע סאָלאָוועי, לויט נוסח שוואַרץ, איז, ווי געזאָגט, דער שרייבער אויף דעם אויבנאָן פון דער בינע.

דאָס היפּש־פאַרפרוירן הערצל פון דעם אמתן אידעאַליסטישן שרייבער ווערט אויפגעוואַרעמט מיט אַנגעגעניש פון דער שלום עליכם פיגור אויף דער בינע פון קונסט־טעאַטער. פאַר ראָטשילדן וואָלט קיין גרעסערער טאַראַראַם ניט געמאַכט געוואָרן ווי „פאַרן גרויסן שרייבער״, וועמעס מיניסטער מאַכט פאַר אים אומעטום אַ וואַרע, און

וועמעס וואָרט איז מיט רענדלעך גליידך. זיין ווירדיקע האַלטונג אין אומגיי מיטן פאָלק שולטערט אים „משכמו ומעלה גבוה מכל העם.״ ער ווערט אין די אומעטומיקע שיכטן פונם שטעטל אויפגענומען מיט כמו־מאַיעסטעטישן צערעמאָניאַל. ער דערשיינט אין שטרענגן לבוש פון אַ נביא ווען גורל פון מענטש איז אויף משקולת, און באַווייזט זיך אין צייט מיט מאַסקע פון פאַטערשן רחמנות און מיט וואָרט פון טרייסט און האָפענונג אין זיין מויל.

„יאָסעלע סאָלאָוועי״ איז, אפשר, די ריינסטע דראַמאַטיזאַציע וואָס שוואַרץ קען צורעכענען צו זיין היפשן חשבון.

אָבער ער קען און זאָל זיך אויך רימען מיט אַ ריי וויכטיקע סאָלידע שוישפּילער וועלכע שפּילן מייסטערהאַפט און העלפן שוואַרצן און סעקונדען אויפצושטעלן אַט־דעם וויכטיקן טעאַטראַלן ווערק. ניט דאָ איז דער אָרט אָבער אויף צו פאַנאַנדערגלידערן יעדן איינציקנס צוטראָג, כאָטש עס וואָלט זיך געבעטן זאָגן אַ וואָרט כאָטש וועגן יודל דובינסקי, ערב זיין יובילעי און גוסטאַוו בערגערן זיינען מיר נאָך שולדיק אַ מעסטעלע לויב פאַר זיין שדכן־ראָליע אין הערשעלע אָסטראָפּאָליער. אָבער לשבח זאָלן דאָ פאַרצייכנט ווערן: באָריס אויערבאַך, גוסטאַוו בערגער, לוסי גערמאַן, בערטאַ גערסטין, שאַרלאָט גאָלדשטיין, יודל דובינסקי, אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, משה זאַמאַר, יעקב זאַנגער, יעקב מעסטל, אָלאַ שליפקאַ און משה שטראַסבערג.

דער דראַמאַטיזאַטאָר־דירעקטאָר־פינאַנסיר מאָריס שוואַרץ מעג אויך אָפּטיילן אַ ביסל פון זיינע שבחים צום שוישפּילער מאָריס שוואַרץ פאַר האָבן דערהויבן אַ זייטיקע ראָליע צו דעם צענטראַל־פּונקט פון דער פאָרשטעלונג.

און מיט נאָך עפּעס מעג זיך שוואַרץ איבערנעמען: מיט שלום סעקונדאס מוזיק. סעקונדא איז דאָ, קענטיק, באַזעלט געוואָרן מיט דער געהעריקער אינספּיראַציע און האָט דאָ געשאַפן אַן אָנהויב פון אַ גרויסער סימפאָנישער פּאָעמע. פּאַראַלעל מיטן שפּרודלדיקן שלום עליכמשן הומאָר איז דער פילנדיקער צושויער אָפט גערירט געוואָרן פון סעקונדאס פּאַטעטישער מוזיק.

אויף דעם הינטערגרונט פון די דעקאָראַציעס פון לעאָן פּאָך, אויפגעשטורעמט פון דעם טויטן־טאַנץ פון בעל דידזשא גייט אַ איד פון ניו־יאָרק אַרויס אַ געלייטערטער פון קונסט־טעאַטער, מיטן עכטן אידישן אידיאַם אין מויל און מיט רירנדיקן ניגון אין זיין האַרצן.

דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד — דער לאָגישער גואל פון „אידיש״

א

שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ וואַרעמען אָפּרוף מצד כל׳ערליי שיכטן פון מיין חשובער לייענערשאַפט, ווי עס האָט „אָנגעריסן״ דער קאַפּיטל „דער שרייבער אויף דער בימה פון דער בינע״ (4־טער נאָוועמבער, 1949). היות ווי אין דעם נעמלעכן קאַלום באַריר איך דעם ענין „שרייבער און זיין ניט־גענוג־בכבודיקע פּאָזיציע אַפילו אין דעם לעבן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד״, ווי אַ טייל פון אַ ריי פונדאַמענטאַלע טענות און אַ תביעות, מיט וועלכע איך בין מיט איבער דריי יאָר צוריק אַרויסגעקומען צו אַ גרופּע ערנסטע ניו־יאָרקער טוער פון „פאַרבאַנד״, בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן מיט בקשות, אַז איך זאָל איצט, ערב דעם 34־יערלעכן צוזאַמענפאָר פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, איבערדרוקן דעם אַרטיקל, כדי געבן אַ געלעגנהייט די פאַרבאַנד־טוער און, איבערהויפּט, די דעלעגאַטן צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין אַ „ריי פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם אידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע, מיט דער דערציאונג פון אידישן קינד און די חשיבות פון דער אידישער שפּראַך דאָ אין לאַנד״.

ב

סוף אַפּריל 1946 האָט די לייטונג פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אַרויסגעשיקט איינלאַדונגען צו אַ צאָל אידישע שרייבער און קולטור־עסקנים צו אַ באַראַטונג אין ניו־יאָרקער בילטמאָר האָטעל מכוח אַ „ריי פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם אידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע, מיט דער דערציאונג פון אידישן קינד און די חשיבות פון דער אידישער שפּראַך דאָ אין לאַנד״. איבעריק צו זאָגן, אַז ווען דער שרייבער פון אָט־די שורות האָט איבערגעלייענט דעם איינלאַדונגס־בריוו, האָט אים היפּש הנאה געטאָן, וואָס אַ גרויסע אידישע אָרגאַניזאַציע איז ענדלעך אַלאַרמירט גע־

וואָרן מכוח די געפֿאַר־סיגנאַלן פֿון אונזער סאַמע קיום דאָ אין לאַנד, און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אָנטייל־צו־נעמען אין אָט־דער באַראַטונג אונטער אַלע אומשטענדן.

די באַראַטונג וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם 14־טן מאַי איז געווען היפּש באַזוכט פֿון וויכטיקע אידישע שריפֿטשטעלער און פֿון אָנפֿירנדיקע מיטגלידער פֿון „פֿאַרבאַנד״. אין דער איינלייטונג־רעדע פֿון לואי סיגאַל (געוו. סעקרעטאַר פֿון פֿאַרבאַנד) האָט זיך געפֿילט דער ערנסטער ווילן פֿון צוזאַמענשמידן אָט־די אַלע וויכטיקע יחידימשע כוחות אין איין מעכטיקן קאָלעקטיוון קלאַפּ לטובת דעם וואונדיקן ענין פֿון אידישער שפּראַך און פֿון אַלץ וואָס דרייט זיך אַרום דער אַקס פֿון אידישן לשון, אַלס נאַציאָנאַלע וויכטיקייט אָן און פֿאַר זיך און, הויפּטזעכלעך, אַלס הויפּט־דאַמבע קעגן נאַציאָנאַל־אידישער איינשלינגונג און פֿאַרשווענקונג דאָ אין לאַנד.

די באַראַטונג, אָבער, וואָס איז גערופֿן געוואָרן מיטן צוועק אַרומצורעדן די אַלע עניני־אידיש האָט, ליידער, ניט געקענט רעאַליזירן איר וואונטש. די דערפֿאַרענע געזעלשאַפֿטלעכע טוער פֿון דער פֿאַרבאַנד־לייטונג האָבן געדאַרפֿט וויסן, אַז מען קען ניט אַריינשפּאַרן די עצה־רייד פֿון אַ פֿינף צענדליק אידישע דענקער, וואָרט־מייסטער אין אַ צוויי־שעהדיקער דיסקוסיע מכוח דער קאַרדינאַלסטער פֿראַגע אין היגן אידישן לעבן.

און כאָטש אייניקע פֿון די איינגעלאַדענע האָבן „גענומען אַ וואָרט״ (ואני בתוכם), איז דאָס וואָרט, אָבער, געווען צו־איילִיק אַפֿילו פֿאַר קינדער פֿון דער עמא פּזיזא... פֿאַר די שרייבער וואָס זיינען געווען אויף דער באַראַטונג איז, בכן — אויב זיי ווילן זיך שטעלן אין דינסט פֿון אידיש־קאַמף — געבליבן צו נעמען דאָס וואָרט אויף די קאָלומס פֿון זייערע ציַיטונגען און אַזוי אַרום העלפֿן אויפֿרייסן די שרייענדיקע גלייכגילטיקייט פֿון די אידישע מאַסן צו די לויערנדיקע סכנות וואָס דראָען נאָענט איבער אונזערע קעפּ.

•

ג

די פֿאַרבאַנד־לייטונג, אין דער דערוואַרטונג אַז די באַראַטונג־געלאַדענע וועלן קענען קומען צום אויסדרוק אין אָט־דעם אייגעם אָוונט, האָט צוגעגרייט אַ ריי באַשלוסן, צי רעזאָלוציעס, וואָס זאָלן זיין דער ממשותדיקער סך־הכל פֿון דער באַראַטונג. און אַרום אָט־די פֿאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציעס וועל איך דאָ נעמען מיין וואָרט.

די ערשטע צוויי רעזאָלוציעס ווילן 1) „ווירקן אויף אידישע קערפּערשאַפטן און אינסטיטוציעס, אַז ביי עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען וואָס זיי אָרדענען איין, זאָל די אידישע שפּראַך געפינען אַ בכבודיקן אָרט" און 2) אַז „ביי יעדער נאַציאָנאַלער אָדער לאָקאַלער קאָנ־פערענץ וואָס אַ אידישע קערפּערשאַפט אָרדנט איין פאַר אירגענד־וועלכן צוועק זאָל, וויניקסטנס, איין זיצונג פון דער קאָנפערענץ גע־פירט ווערן אויף דער אידישער שפּראַך, כדי דורך דעם ניט אָפּצו־פרעמדן דאָס אידישע לשון פון די מיטגלידער וואָס די אָרגאַניזאַציע פאַרטרעט, ווי אויך צו שטאַרקן די חשיבות פון אידיש אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן."

אָט־די צוויי רעזאָלוציעס ווייזן, אַז זייערע פאַרפאַסערס האָבן נישט נאָר קיין פאַרנעם נישט וועגן אידיש־קאַמף, נאָר זיי האָבן אין אים אויך ניט קיין אמונה. איר הערט און שטוינט: ווירקן אויף אידישע קערפּערשאַפטן, אַז כאָטש איין (1) זיצונג פון זייערע קאָנ־פערענצן זאָל געפירט ווערן אין אידיש! די אַנדערע זיצונגען, און אַלע אַנדערע טעטיקייטן זייערע במשך פון איבער 360 טעג אין יאָר מעגן — לאָגישערווייז — געפירט ווערן אין ענגליש. איז דאָס אַ פאַרנעם פון אידיש־קאַמף? דאָס סאַמע מינימאַלסטע וואָס דאַרף און מוז געפאָדערט ווערן, איז: אידן צווישן אידן ריידן אידיש, ניט נאָר אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, נאָר אין די היימען, אין די גאַסן און אויף אַלע אַנדערע צוזאַמענטרעף־פּלעצער. אָן אָט־דעם אַלף־בית אמת איז ניטאָ דער מינדסטער באָדן אויף וועלכן אַ אידישיסט קען זיך אַוועקשטעלן קעמפן, און פון וועלכן ער קען נעמען צילן זיינע פיילן.

זעט איר, אין דער דריטער רעזאָלוציע זיינען שוין דאָ סימנים פון לעבן: „אידישע צייטונגען זאָלן באַווירקט ווערן, אַז פאַרזאַמלונגען, קאָנווענשאָנס אָדער קאָנפערענצן וואָס קומען ניט נאָך די אויבנדער־מאָנטע מינימאַלע באַדינגונגען, זאָלן די צייטונגען וועגן אַזעלכע פאַר־זאַמלונגען, קאָנווענשאָנס און קאָנפערענצן ניט באַריכטן". דאָ — וואָלטן געזאָגט ניט־אידישע אַמעריקאַנער — האָט מען דערלאַנגט דעם טשוואַק איבערן קאָפּ. די אידישע פּרעסע, ווען זי זאָל וועלן און זאָל וועלן דינען איר באַרוף, ד. ה., איר זעלבסט־דערהאַלטונג און דורך איר זעלבסט־דערהאַלטונג דינען, לערנען, רופן, באַלעבן די אידישע מאַסן — אָט־די אידישע פּרעסע, די טעגלעכע איבערהויפּט, וואָלט שוין גאָר גע־קענט אויפטאָן — און גרויס אויפטאָן — פאַר דער אויפלעבונג פון אידיש־רייד, פאַר דער אויפמונטערונג פון אידיש־קאַמף און אַלץ וואָס

ווערט מיט אידיש אַסאָציאירט. אידישע יחידים און קאָלעקטיוון וואָס לעבן זיך אין זייער אינטימען און עפנטלעכן לעבן ניט אויס אין אידיש, האָבן זיך אַליין אונטערגעגעבן און האָבן שלום־געמאַכט מיט דער שטאַרק־שטראָמיקער שפּראַך פון לאַנד — אָט־די יחידים און אָט־די קאָלעקטיוון זיינען שוין אַליין פאַר אונז פאַרלאָרן און אַלע זייערע טע־טיקייטן צווישן אונז זיינען שעדלעכע — זיי זיינען דאָ נאָר צו פאַרצערן, און פאַרצערן וויטאַלע כוחות פון אונזערע רייען. צו רעדן אין דער אי־דישער פרעסע מיט פאָמפּעוואָטער וויכטיקייט וועגן אָט־די יחידים און אָרגאַניזאַציעס הייסט צו שמידן מיט די אייגענע הענט גולמעוואַטע שונאים קעגן זיך, קעגן דער אידישער פרעסע גופא און קעגן אַלץ וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אידישע אידישקייט.

די טעגלעכע אידישע פרעסע אין ניו־יאָרק האָט, מיט אַלע אירע מעלות, אויך אַ היפּשע צאָל חסרונות, און פיל זינד. איר האַרבסטע זינד — איז די זינד קעגן זיך אַליין, קעגן דעם לשון אויף וועלכן זי איז געדרוקט און קעגן דער גאַנצער מלוכה פון אידיש. ווען אַזאַ אָר־גאַניזאַציע ווי דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד און אַנדערע גרויסע אידישע פאָלקס־קערפּערשאַפטן זאָלן אַרויסקומען צו דער פרעסע מיט טענות און — מיט קאָנסטרוקטיווע פּלענער וואָלט די אידישע פרעסע זיך אפשר אויסגעטשוכעט פון איר זעלבסט־פאַר־ניכטנדיקער איינגעדרעמלטקייט, און זי וואָלט נאָך געקענט, אפשר, אָנהויבן שפּילן איר געזונטע ראָליע אין דעם אידישן לעבן פון אַמע־ריקע.

ד

דער פערטער פונקט איז ווערט, ווי די העברעער זאָגן, — באַטראַכטונג: „יעדער אידישער שרייבער און אידיש־געזעלשאַפט־לעכער טוער פאַרפליכטעט זיך ניט צו אַדרעסירן קיין עפנטלעכע אי־דישע פאַרזאַמלונג אין קיין אַנדער שפּראַך אויסער אין אידיש, סאַידן זיי זיינען איבערצייגט, אַז אַ מאַיאָריטעט פון די אַנוועזנדיקע פאַר־שטייען ניט דעם אידישן לשון״. אַזוי ווי אָט־די רעזאָלוציע קומט פון „פאַרבאַנד״, איז כדאַי דאָ צו זאָגן צו די פאַרבאַנדניקעס, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן אַז אין זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס זאָלן די שרייבער און די קולטור־טוער קענען אָפּהיטן אָט־די מצוות־אידיש. מיר איז באַקאַנט ניט איין פאַל, וואו צוליב אַ חשד, טאָמער האָבן עטלעכע ניט גוט פאַרשטאַנען אידיש, איז אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג פון אַ פאַרבאַנד־בראַנטש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן ענגליש־ריידנדיקער

אָרגאַניזאַציע. איבערהויפּט האָט זיך דאָס בולט אַרויסגעוויזן ביים פאַרזוך פון געוויסע פאַרבאַנד־ברענטשעס אַריינצוציען אייניקע יוגנט־לעכע, צוריקגעקומענע פון דער אַרמיי. דער שפּלות־קאָמפּלעקס פון די 90 פּראָצענט, צי מער, אידיש־ריידנדיקע מיטגלידער פון דעם און יע־נעם פאַרבאַנד־ברענטש, וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט ביים ליכט פון די עטלעכע אַנוועזנדיקע יוגנטלעכע איז געווען זייער ווייטיקדיק. און אויב ביי דעם לפי־ערך־בעסערן עולם פון דעם פאַרבאַנד איז דאָ אַזאַ גרויסע בטול־עצמו, אַזאַ מינדערווערטיקייט קאָמפּלעקס לגבי זיך, און דער שפּראַך — טאָ וואו־זשע דען זאָל דער אידישער שרייבער שעפּן מוט און קעמפּערישקייט? וויפיל אָוונטן אַ יאָר — מיטן אויס־נאָם פון אייניקע ברענטשעס — ווערן ביי די פאַרבאַנד־ברענ־טשעס געווידמעט צו ליטעראַטור, צו קונסט, צו פייערונגען פון אידישע שרייבער? ווי אָפט, בכלל, קומען פאָר ביי זיי לעקציעס, דע־באַטעס, א. אַז. וו.? זאָל דער שרייבער אָנהויבן פאַרנעמען זיין בכבו־דיקן פּלאַץ אינם לעבן פונם פאַרבאַנד גופא, זאָלן אידישע שריפט־שטעלער ווערן געהויבענע געסט אין דעם לעבן פון די ברענטשעס, ווען אַנדערע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס זיך אויך נעמען יום־טובן מיט אידישע שרייבער. ווי די לאַגע שטייט איצט, יום־טובט מען זיך לעצטנס אין די פאַרבאַנד־ברענטשעס מיט גאָר אַנדערע מיני „גדולים", מיט אַזעלכע וואָס קענען אַליין שרייבן בכבודיקע טשעקס און קענען אויך זאַמלען אַזעלכענע בכבודיקע טשעקס פון זייערע אינדוסטריע־ און קאָ־מערציע־פריינט. אַז מען מאַכט אין „פאַרבאַנד" אַזאַ וועזן פון געלט־מענטשן, מעגן זיי זיין פּראָסטאָקעס בני פּראָסטאָקעס, טאָ וואָס טויג דאָן דער שרייבער — זיין בוך און זיין וואָרט? ! אַדאַנק די פאַרגרעבטע געלט־מענטשן וואָס פּרעזידענטעווען — בכל סאָסייעטי וסאָסייעטי — איבעראַל און דעה'ווען אומעטום איז דער אידישער וואָרט־מענטש, דער איד פון גייסט פאַרשטויסן געוואָרן אָן אַ זייט, און עס זעט ניט אויס אַז ס'זאָל אַזוי לייכט און אַזוי שנעל קענען אָפּגערייניקט ווערן די גאַס, אַז דער מאַן פון תורה און חכמה זאָל זיך קענען אַוועקזעצן אויף זיין כסא המלוכה — ער זאָל קענען צו די מאַסן ברענגען זיין וואָרט און שפּרייטן זיין איינפלוס.

ה

ווי פריער באַמערקט, פעלט ביי די רעזאָלוציע־פאַר־פאַסער אמונה אין אידיש־קאַמף. ווייל, ווי אַנדערש קענט איר דערקלערן די פאָלגנדיקע דריי (3) רעזאָלוציעס?

„5) די אידישע קערפּערשאַפטן זאָלן באַווירקט ווערן אַז יעדע געדרוקטע זאַך וואָס ווערט אַרויסגעגעבן (ווי קעפּל־פּאַפּיר, פּאַמפּלעטן, אויפרופן, קבלות, שרייב־בויגנס, בראָשורן, בילעטן צו אונטערנעמונ־גען, פלוג־בלעטלעך א. אַז. וו.) זאָלן אַנטהאַלטן עפּעס אין דער אידי־שער אָדער העברעאישער שפּראַך, כדי מיט דעם צו סימבאָליזירן דעם דרך־ארץ און די פאַרבינדונג פון דער קערפּערשאַפט מיט דיביידע שפּראַכן.

„6) די ענגליש־אידישע צייטונגען אין די פאַרשיידענע שטעט זאָלן באַווירקט ווערן, אַז אין יעדן נומער פון דער צייטונג זאָל זיין עפּעס וואָס זאָל סימבאָליזירן אונזער אידישן און העברעאישן לשון. אויך זאָלן פון צייט צו צייט געגעבן ווערן אין די צייטונגען אָפּהאַנד־לונגען וועגן דער חשיבות און קולטור־באַדייטונג פון די אידישע און העברעאישע שפּראַכן און ליטעראַטור, און דורך דעם דערוועקן ביי דעם ענגלישן לייענער דעם נויטיקן דרך־ארץ צו דער אידישער קולטור געשאַפן אויף אידיש און העברעאיש.

„7) אַ ווענדונג זאָל געשיקט ווערן צו די פאַרשיידענע אידישע צענטערן — י. מ. ה. אַ. א״אַנד. — אַז אין די פּראָגראַמען פון זייע־רע טעטיקייטן זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אַרויסטרעטונגען אין דער אי־דישער שפּראַך. זיי זאָלן אויך אויפגעפאָדערט ווערן, אַז אין זייערע אַנאָנסירונגען וועגן זייערע אונטערנעמונגען און קולטור־טעטיקייטן זאָל אויך אידיש באַנוצט ווערן.״

אַט־די דריי רעזאָלוציעס, אין גייסט פון די מערסטע אַנדערע רע־זאָלוציעס, זיינען געשריבן אין יאָרצייט־גייסט, ווי מען זאָל דאָ יעלן איינקנעלן מיט דער אידישער עפנטלעכקייט אַ מין רבנן־קדיש נאָך אי־דיש. ווייל, וואָס דען מיינט דער פּונקט 5, אַז אַלע דרוק־זאַכן פון אידישע קערפּערשאַפטן (אונטערגעשטראָכן פון אונז) זאָלן אַנטהאַלטן עפּעס אין דער אידישער... אַ מין זכר לחורבן. פאַר אַ בר־מנן איז עס גענוג. קען, אָבער, אַ לעבעדיקער שפּראַך־אָרגאַניזם אומגיין אויף אַזעלכע פּאַרעווע שטאָלצן ?

אָדער דאָס בעטן תחנונים ביי די ענגליש־אידישע צייטונגען צו דרוקן אָפּהאַנדלונגען וועגן דער חשיבות פון אידיש, א. אַז. וו. אַט־די נומער 6 רעזאָלוציע וואָלט געהאַט אַ זין ווען אַ אידישע רעפּרעזענטאַנץ זאָל פּרובירן באַאיינפלוסן ניט־אידישע צייטונגען, ווי אַ „העראָלד טרי־ביון״, אַ „טיימס״ א. אַנד. גרויסע ניט־אידישע וועלט־צייטונגען צו איינפירן קאָלומס וועגן אידישער ליטעראַטור. גרויסע און מעכטיקע

מלוכות האָבן וועגן און מיטלען און פאָנדן צו באַאיינפלוסן די וועלט־פּרעסע לטובת זייערע שפּראַכן, ליטעראַטורן און קונסטן. דאָס איז איינע פון די קענטיקע מאַניפעסטאַציעס פון פּאָליטישן וועלט־שפּיל. טאָ פאַרוואָס זאָלן אידן, אין גרויסן פּאָליטישן זשעסט, ניט אַרויספירן אונזער קולטור־קאַמף און אונזערע קונסט־דערגרייכונ־גען אויף די ברייטע קאָלומס פון דער ברייטער ניט־אידישער וועלט־פּרעסע? אָבער זיך „קליאַנען" ביי די אָרים־בלוטיקע ענגליש־אידי־שע „גאָסיפּ"־בלעטלעך צו פאַרוואַרפן אַ גוט וואָרט וועגן בידנעם אי־דיש? אַזאַ שפלות טאָר זיך ניט פאַרגינען די גרויסע אידישע וועלט־ליטעראַטור און דער הייליקער לשון אידיש.

נומער 7 איז אין זין פון לעבלעכקייט אַ נאָענטע קרובה פון די ערשטע צוויי רעזאָלוציעס.

ו

דער רבנן־קדיש גייסט איז אויך כאַראַקטעריסטיש אין דער 8־טער רעזאָלוציע: „מען זאָל זוכן צו באַווירקן די תלמוד תורות און די העברעאישע מיטל־שולן איינצופירן דעם לימוד פון אידיש אין זייער דערציאונג־פּראָגראַם. מען זאָל אויך פאַרלאַנגען פון די אידיש־אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס, ווי דער טעאָלאָגישער סעמינאַר, וויז'עס „אינסטיטוט אָוו רעלידזשאַן", דראַפּסי קאָלעדזש א. אַנד., אַז זיי זאָלן איינפירן קורסן פאַר דער אידישער שפּראַך און איר קולטור". אַט־די רעזאָלוציע איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר ניט־אידישע לערן־אינסטיטוציעס. דאָס איז אַן אידעאַלע פאָדערונג צו דער ניו־יאָרקער „באָארד אָוו עדיוקיישאַן". היות, ווי מיר זיינען אין ניו־יאָרק אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג, זיינען מיר באַרעכטיקט אַז מען זאָל איינפירן אין די פּאָבליק סקולס דעם לימוד פון אידיש, ווי איינעם פון די מוז־געגנ־שטאַנדן אין דעם קוריקולאַם. אויב אַ קלענערע אָרגאַניזאַציע, די „הסתדרות עברית", האָט דורכגעזעצט דעם העברעאיש־לימוד אין אַ ריי „האַי־סקולס" פון ניו־יאָרק, פאַרוואָס זאָל אַזאַ גרויסע אָרגאַניזאַ־ציע ווי דער איד. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד זיך ניט פאַרמעסטן אויף דער פּאָבליק סקול? פאַר די פאַרפאַסערס פון אַט־די רעזאָלוציעס איז דאָך מסתמא באַקאַנט דער קליינער פּראָצענט פון אידיש־דערצויגענע קינדער — סך הכל 25 פּראָצענט — שוין אַריינגערעכנט אַלע וועלט־לעכע מיני שולעס אין אידיש און העברעאיש, מיט די „סאָנדיי־סקולס", ת"ת, ישיבות (שוין מיט די ליובאַוויטשער ישיבות), מיט די

עברי־מלמדים און מיט דעם בי־עם־טי (בר־מצווה־טיטשער). 75 פּראָ־צענט אידישע קינדער ווייסן אַפילו ניט, אַז הענק גרינבערג איז אַ אידישער בייזבאָל־שפּילער. ווען מען זעצט, דעריבער, דורך דעם לימוד פון אידיש אין די „פּאָבליק סקולס" וואָלט דאָס ענדלעך, — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אידישער קינדער־דערציאונג אין אַמעריקע — דערבראַכט דעם פּאַרוואָגלטן אידישן אלף־בית צום מויל און צום קאָפּ פון יעדן אידיש־געבאָרענעם קינד אין ניו־יאָרק. דאָס הייסט אַ פּאַרנעם און אַ־פּאַר דעם מין קאַמף דאַרף געמאַכט ווערן די געהעריגע מאָביליזאַציע — פון כוחות און פון פאָנדן געהעריקע, — זאָל זיך דאַכטן, אַז ס'איז נאָך אַ „ראַלי" פּאַרן געווערקשאַפטן קאַמפּיין.

ז

די מיטגלידער פון „פּאַרבאַנד", פּונקט ווי די פירער, זיינען אין לעבן, פּונקט ווי אין די סטאַטוטן, ניט קיין רעליגיעזע אידן. אָבער זיכער געדענקען זיי דאָך אַלע דעם הדרת־פּנימדיקן קאָפּ פון אַ רב אין זייערע היים־שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע. ער איז געווען דער ראש פון שטעטל און זיין רבניש וואָרט, זיין לומדיש אידיש וואָרט האָט ביי אַלעמען געהאַט די געהעריקע אויטאָריטעט. פון אַ דרשה זיינער איז ביי די אידן אין די בתי־מדרשים געבליבן דער לאַנג־קוויקנדיקער נאָך־טעם פון אַ חריפותדיק ווערטל, אַ מאמר חז"ל פאַר־טייטשט אין אַ מחיהדיקן אידיש — אַ אידיש וואָס האָט אָנגעפילט מיט קראַפט און זאַפט זייערע שס"ה גידים און רמ"ח אברים. דאָס איז די שיינע און ווירדיקע געשטאַלט פון אַ רב וואָס איז אונז געבליבן טייער אין זכרון.

וואָס, אָבער, פאַרלאַנגען די פירער פון „פּאַרבאַנד" אין זייער 9־טער רעזאָלוציע? — „אַ ווענדונג זאָל געשיקט ווערן צו אַלע רבנים פון די פאַרשיידענע שולן, אַז וויינקסטנס איין מאָל אַ חודש זאָלן זיי האַלטן זייער רעדע אין דער אידישער שפּראַך, באַזונדערס, זאָל אַ אידיש וואָרט געהערט ווערן אין די שולן ראש השנה, יום־כפור און ביי אַנדערע אידישע יום־טובים ווען די מאַסן פון פאָלק פאַרזאַמלען זיך".

מען בעט זיך ביי רבנים, וואָס זייער סאַמע און איינציקע עובדא דאַרף דאָך זיין צו זיין די פאָנענטרעגער פון מאַקסימאַלער אידיש־קייט און אַז אין זייער אומעטומיקער הנהגה דאַרפן זיי מיט זיך אַליין פּערזאָניפיצירן דעם אידעאַלן איד, דעם גאַנצן איד. בעטן זיך

אידן ביי רבנים אַז 30 טעג אין חודש מעגן זיי טאָג־אין־טאָג אָפּשמדן מיטן אַסימילאַטאָרישן ענגליש, מיט אימיטירנדיקע קריסטלעכע מנהגים כמה וכמה אידישע נפשות, נאָר אויף דעם 31־טן טאָג זאָלן זיי פון באַלעמער דורכשפּריצן דעם טעמפּל־זאַל מיט זייערס אַ כמו־גלחישן „סוירמאָן״ אין אידיש. וועלן שוין, מעשה יחזקאל, די אייגנטריקנדיקע ביינער פון זייערע צאַן קדשים ווערן אויפגעלעבט און ישראל וועט קע־נען רואיק וואוינען אין יעקבס געצעלטן...

ח

איצט קומען מיר צו אַ ליבלינג־אינסטיטוציע ביי אידן — דער אידישער טעאַטער. וואָס איז זייער וואָרט וועגן אַזאַ גרונט־אינסטיטוציע ביי אַלע פעלקער און בפרט ביי אַ טעריטאָריעלאָז פאָלק — ווי די אידן זיינען דאָס געווען ביז נעכטן־אייערנעכטן.

„10) אידישע אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן און אַנדערע זאָלן באַווירקט ווערן וויניקסטנס איין מאָל אַ יאָר צו באַזוכן אויף אַ קאָ־לעקטיוון אופן דעם אידישן טעאַטער, אַנווייזנדיק זיי, אַז אידיש טעאַטער איז אַ וויכטיקער טייל פון דעם אידיש־קולטורעלן לעבן. אַ פּאַרזוך זאָל גלייכצייטיק געמאַכט ווערן דער נייטיקער אויפקלערונג אין דער טעגלעכער פּרעסע, און אין די פאַרשיידענע פּעריאָדישע זשורנאַלן, אַז דער קולטורעלער מצב פון אידישן טעאַטער זאָל דער־הויבן ווערן.

„11) אַן אויפפאָדערונג זאָל געשיקט ווערן צו די פאַרוואַלטער פון די אידישע טעאַטערס אַז די בילעטן וואָס זיי דרוקן פאַר אַלע פאָרשטעלונגען זאָל האָבן אַ אידישע שורה.״

אַ אידישע שורה אויף אַ טעאַטער־בילעט וועט שוין צוריק־שטעלן דעם טעאַטער. אַפילו פאַר אַ מצבה נאָכן טעאַטער איז עס ניט געגוג... און מיט איין מאָל אַ יאָר גיין (צו קבר־אָבות) אין טעאַטער וועט מען מחיה־מתים זיין די שוישפּיל־קונסט ביי אידן?

אָפּגעפּטרט דעם טעאַטער, קומט — אין כראָנאָלאָגישן סדר — די ראַדיאָ:

„12) אַ פּאַרזוך זאָל געמאַכט ווערן צו באַווירקן די אידישע ראַדיאָס צו געבן אַ מער קולטורעלן אינהאַלט זייערע פּראָגראַמען און אַז אַ טייל פון זייער צייט זאָל געווידמעט ווערן פאַר אַגיטאַציע צו לייענען אַ אידישע צייטונג, צו באַזוכן דעם אידישן טעאַטער, צו געבן דעם קינד אַ אידישע דערציאונג.״

די אידישע ראַדיאָ־שטונדן זיינען דאָך כמעט אַלע פּריוואַטע קאָמערציעלע אינסטיטוציעס. מיט וואָס פאַר אַ רעכט קען מען לייגן פאָלקס־גורל אויף דער קאַפּריז־שאַל פון אַ צופעליקן זייף־פאַברי־קאַנט? פאַרוואָס ניט שאַפן געהעריקע פאָנדן און מיט זיי קויפן די געווינטשטע „צייט" אויף דער ראַדיאָ, מיט פאַסיקע און מוסטער־האַפטיקע פּראָגראַמען אין און לטובת אידיש?

זאָגן די אַנשי־פאַרבאַנד, אַז די ישועה קען אַמאָל אויך קומען פון ביבליאָטעקן:

„13) אַ פאַרזוך זאָל געמאַכט ווערן אַז אין אַלע עפנטלעכע פלעצער וואו עס געפינען זיך ביכער זאָל אויך זיין אַן אָפּטיילונג פון דעם אידישן און העברעאישן בוך. דאָס באַציט זיך אויף אַלגעמיינע שטאָטישע ביבליאָטעקן, אויף ביבליאָטעקן אין אידישע צענטרען, א. אַז. וו.

ווייסן אַלע וועלכע פאַרבלאָנדזשען פון צייט־צו־צייט אין אַ בי־בליאָטעק, אַז ביכער, אַפילו ביכער אין מינאָריטעטן־שפּראַכן, ווערן פון ביבליאָטעקן געקויפט ווען ס'איז דאָ אויף זיי אַ פאָדערונג. און אַ פאָדערונג אויף אידישע ביכער וועט זיך אָנהויבן ווען די סביבה, די אידישע, וועט זי שאַפן, און כדי די סביבה זאָל וועלן אָפּשטויבן דעם שימל פון די אידישע ביכער־פאָליצעס, דאַרף צוריקגעשטעלט ווערן דער דרך־ארץ פאַר דעם תלמיד־חכם, פאַר דעם דענקער, פאַר דעם שרייבער. וועט דער פאַרגרעבטער אידישער פאָליטישן וועלן אָפּטרעטן זיין צוגערויבטן שטול? און כל־זמן דער הדיוט וועט אָנהאַלטן זיין דיקטאַטאָר־האַנט איבער אונזערע קהל'שע גיטער וועט ניט זיין קיין סביבה און קיין לופט פאַרן שרייבער, פאַר זיין בוך און פאַר זיין לעזער.

ט

און צום סוף — די לעצטע צוויי רעזאָלוציעס, פאַרעווע, ווי די מערסטע פריערדיקע, אָן באַק־ציינער, אָן רויט־בלוט, אָן לייב־און־לעבן:

„14) אַ ווענדונג זאָל געשיקט ווערן צו אַלע אידיש־נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, אַז זיי זאָלן אַריינגעמען אין זייערע גרונט־פּרינציפּן, די נויטווענדיקייט צו געבן דאָס אידישע קינד אַ אידישע דערציאונג, און זיי זאָלן זען דעם פּרינציפּ צו פאַרווירקלעכן אין לעבן.

„15) אַזוי ווי די אידישע צייטונג איז אַ זייער וויכטיקער אינ־

סטרומענט צו שטאַרקן די אידישע שפּראַך, די אידישע קולטור און דעם אידיש־נאַציאָנאַלן לעבן, זאָלן אידישע אָרגאַניזאַציעס נעמען אויף זיך אַ פאַרפליכטונג צו אַגיטירן און אויפקלערן וועגן דער נויט־ווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן די אידישע פּרעסע און פאַרגרעסערן איר לייען־קרייז.״

י

און דאָך, מיט דער גאַנצער לעבלעכקייט און לעבנלאָזיקייט פון די נאָר־וואָס דיסקוטירטע „פאַרבאַנד״־רעזאָלוציעס, דענק איך, אַז דער „פאַרבאַנד״ איז דאָך דער לאָגישער גואל פון אידיש — זיין שפּראַך און זיין קולטור.

די פאַרבאַנד־מענטשן האָבן דאָך געוויזן אַז ווען זיי האָבן זיך איינגעעקשנ׳ט פּיאָנעריש אין אַן אידעע — האָבן זיי געוואונען. והא ראיה — ציוניזם. ווי לאַנג איז דאָס אַז דער ציוניזם איז געווען אין חרם אויף דער אָפּיציעלער אידישער אַרבעטער־גאַס אין אַמע־ריקע? די „פאַרבאַנד״־מענטשן האָבן נאָך יאָרן פון אומדערמידלעכן און אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף דורכגעבראָכן די געגנאָסיסטישע פּעס־טונג און האָבן אַרונטערגענומען דעם חרם פון ציוניזם. און פּונקט אַזוי הערבאָיש איז געווען די התחלה פון אָט־די זעלביקע מענטשן אויף די געביטן פון קאַמף פאַר רעכט פון אידישער שפּראַך און קינדער־דערציאונג. אין יענע טעג איז דער ווילן ביי זיי געווען אַן אַנגעגליטער; אמונה איז געווען אין זייערע הערצער און פייער־פון־קאַמף אין זייערע בליקן. מיט דעם גאַנג פון די טעג האָט דער ציוניזם אויפגעגעסן זייער גאַנצע ענערגיע כמעט און די פון זיי אַזוי־גערופענע „גלות־אַרבעט״ איז טאַקע פאַרטריבן געוואָרן אין גלות. וואַרט די גלות־אַרבעט, אַ געדולדיקע, אין גלות אויף איר אויסלייזער.

פרעגט זיך: וועט זיך ווען צעפלאַקערן דער הייסער באַגער צו אידיש־קאַמף ביי די אַנשי־פאַרבאַנד, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן ווידער איז ווייטן וועג אריין אויסצולייזן זייער נאָענטע קרובה — די פאַר־וואָרלאָזטע אידישע שפּראַך?!

די היים, דאָס קינד און די געזעלשאַפט

א

אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז דער מיט־וואונדן־באַדעקטער פּראָבלעם פון קינדער־דערציאונג מאַכט נאָר קנייטשן דעם שטערן פון דער אידישער פּירערשאַפט. אויף דער ניט־אידישער עוועניו איז אַלץ־און־אַלעם וואָס עס איז שייך צו קינדער־דערציאונג שיין און פיין... דער אמת איז, אָבער, אַז ווי עס אידלט זיך אַזוי קריסטלט זיך. אַלץ וואָס ווערט אָפּגעטאָן אין אונזערע ווענישיען־בלאַינדז־פאַרהאַנגענע היימען איז כמעט אַ שפּיגל פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין די חדרי־חדרים פון דער געהיימער ניט־אידישער היימען־וועלט אין אַמעריקע.

איז דאָס ניט נאָר פון היינט און נעכטן וואָס די פּרעסע און די ראַדיאָ האַלטן אין איין באַריכטן צום פאָלק וועגן די מעשי תעתועים פון זיינע צעבאַלעוועטע אינגלעך און מיידלעך? זינט איך האַלט אַ צייטונג אין האַנט איז דער ענין פון יוגנטלעכער געזעצלאָזיקייט אַ געזעצלעכער קאָלום אין דער קאָלום־פאַמיליע פון אַ ליאַדע צייטונג אין אַמעריקע און אין גאָר דער וועלט. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט צוגעשפּילט פאַר די ריכטער, פּעדאַגאָגן און פּובליציסטן ווי אַ גוטער תירוץ פאַר דעם יוגנטלעכן באַנדיטיזם וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער ציווילער אַרע־נע, פון יעדן לאַנד כמעט, אין די צווישן־יאָרן פון 1914 און 1918. מיטן קומען פונם וואָפנשטילשטאַנד און מיטן פאַנאַנדערלאָז פון די אַרמייען איז, אָבער, ניט פאַרגעקומען די דערוואַרטעטע דעמאָביליזאַציע פון דער פאַרברעכער־אַרמיי, וואָס האָט געהאַלטן אין איין צוקריגן שילער־רעקרוטן פון אַלע ווינקעלעך פון לאַנד און, איבערהויפּט, פון די אי־בערבאַפעלקערטע אָרעמע געגנטן פון די גרויסע שטעט פון לאַנד. אין די צוואַנציקער יאָרן פון איצטיקן י. ה. איז די זינד־וואָקכאַנאַליע צוגעשריבן געוואָרן ווי דאָס „נאַטירלעכע" נאָכווייעניש פון דער מלחמה, — אַ נאָכווייעניש וואָס איז געטראָגן געוואָרן מיט געגוג סאַטאַנישער קראַפט, אַז זי זאָל, אין איר בייז־גייסטיקייט, דערציען ביז צום גרענעץ פון דער „אָפיציעלער" צווייטער וועלט־מלחמה — אַ מלחמה, וואָס מוז שוין, לויט אַט־די גוטע און געזונטע דערקלערונגען פון די נעמלעכע

ריכטער, פעדאַגאָגן און פּובליציסטן, צושטעלן איר „פּראַצעדור״ פון קינדערשע אויסוואורפן. און אַזוי ווי די מענטשהייט האַלט אין איין געשליידערט ווערן — ווי אַ פוטבאָל אין די הענט פון געניטע אַטלעטן — פון איין מלחמה צו דער אַנדערער — פון אַ פייער אַריין אין אַ פייער אַרויס — זעט זיך, דעריבער, ניט קיין ראַדיקאַלער אויסוועג פון אָט־דעם זינד־געדרייטן וועג — אַ וועג וואָס האַלט אין איין ליפערן סאָל־דאַטן אין דער אַלץ־פאַרמערנדיקער אַרמיי פון מינדעריעריקע אַוואַנ־טוריסטן, געלט־זוכער און סתם פּסיכיאַטרישע „קייסעס״. ריכטיג, ווי דער חומש זאָגט: כי יצר לב האדם רע מנעוריו, — דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון קינדוויז אויף.

ב

אויב דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון קינדוויז אויף — און איך בין ווייט ניט גרייט צו טשאַלענדזשן דאָ דעם בעל־החומש — האָט דאָס היימישע שטעטל געהאַט אין זיך דעם כוח, די נויטיקע די־סציפּלין און די געהעריקע אויטאָריטעט צו באַהערשן דעם מענטשנס האַרץ און פאַרהאַלטן איר פון זינד. אונזערע ליבע היימישע שטעטלעך זיינען געווען מעכטיקע אידישע מלוכהס — וואו אויך דער גוי, דער שייגעץ, האָט חשק געהאַט זיך אויסצולערנען מאַכן אַ ברכה אויף אַ שטיקעלע ווייסע חלה... פאַר אַזאַ גוי איז אין־זיין־עלטער־גלייכן חיימל צי ברוכל ניט בטל געוואָרן. אין אַזאַ שטעטעלע האָט אַ חיימל אַלץ געהאַט: טאַטע־מאַמע, משפחה, ווייטע קרובים ערגעץ־וואו, אויך אַ האַרץ וואָס בענקט נאָך א״י, אַ מלוכה אונטער די פיס און אַ גאָט אי־בערן קאָפּ. איז אַ חיימל אומגעגאַנגען אין די גרענעצן פון זיין שטעטל־שער מלוכה מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. האָט אים ווען געוואָלט פאַר־פירן דער יצר־הרע, האָט ער אים, מיט דער הילף פון גאָט, טאַטע־מאַמע און שטעטל, געשלעפּט אין בית־המדרש אַריין. ס׳איז געווען אַן איינגעשטעלטער לעבן. מענטש האָט געהאַט אַ פּנים. דער פּנים האָט געהאַט אַ מויל. האָט דער מענטש געהיט זיין מויל כאישון בת עין — ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג. וואָרט פון מענטשן האָט חשיבות געהאַט. אויף וואָרט האָט מען גרויסע מסחרים געפירט. מיט וואָרט האָט מען קינדער פאַר׳קנס׳ט. אין יעדן מענטש איז געווען אַ ניצוץ אלוה. האָט מענטש אָט־דעם ניצוץ מיט קדושה אָפּגעהיט. און אַזוי האָט איין איד דעם צווייטן אין די שטעטלעך געשטאַרקט און געמוטיקט און גע־גייסטקיט. און די קינדערלעך, מיט געגוג לוסט אין זייערע נאָך־זינד

בענקענדיקע הערצעלעך, זיינען אין גענוג־שטרענגער דיסציפּלין גע־האַלטן געוואָרן. טאַטע־מאַמע און השם־יתברך און שטעטל האָבן פולע השגחה געהאַט איבערן קינדס הערצל — עס זאָל, חלילה, ניט אַרויס־גיין לתרבות רעה...

ג

דער אין מאַסן־שטראָמענדיקער קינד־פאַרברעכער איז אַ פּראָדוקט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע און זיין געזעצלעך־אומ־געזעצלעכע טאַטע־מאַמע איז די אימפּראָוויזירטע, אומגעלומפּערטע, אין כאַאָס־אויפגעשטעלטע גרויס־שטאָט. בעת דער מלמד אין שטעטלשן חדר האָט גענוג שליטה געהאַט אויף די 12־13 תינוקות של בית רבן — קען אַ איצטיקער לערער, בשום אופן, קיין קאָנטראָל ניט האָבן איבער די איבערגעפּאַקטע קלאַס־צימערן פון די גרויסע שטעט, — קלאַס־צימערן מיט אַ דורכשניט פון אַ 45—50 שילער אין יעדן פון זיי. און בעת אַ קינד איז, גליקלעכערווייז, געווען אין רשות פון דעם חדר פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט ווערט אַ קינד אין גרויס־שטאָט איבערגעגעבן נאָך די שולע־שטונדן אין רשות פון דער מיט זינד און רייץ־געלאָ־דענער גאַס.

נאָך מער: בעת אַ חיימל פון שטעטל איז פון זיין פאַפירן לאַמ־טערן באַגלייט געוואָרן ביז צום שטוב אַריין האָט ער געפונען צוגע־גרייטע טאַטע־מאַמע אים ווען און קענען ממשיך זיין די דערציאונג פון חדר. די פאַריאָכונג פון לעבן אין די שטעטלעך איז ניט געווען אַזאַ צעדריקנדיקע ווי אין די איצטיקע גרויס־שטעט. האָט טאַטע־מאַמע כוח געהאַט זיך גייסטיק אָפּגעבן מיט זייערע קינדערלעך. ניט אַזוי אין די גרויסע שטעט. ניט נאָר די אָרעמע שיכטן, נאָר אויך דער מיטעלער קלאַס און אַפילו דער העכערער קלאַס פאַלן ממש, דורכן טאָג, אַוועק פון די כוחות. דער טאַטע־נאָך־דער־אַרבעט איז שוין באַלד קיין מענטש ניט. קוים וואָס ער לעבט. קען אַזאַ טאַטע כוח און ווילן האָבן צו טראַכטן אַפילו פון זיינע קינדער? איז, דעריבער, די היים קיין היים ניט; טאַטע־מאַמע זיינען קיין עלטערן ניט און דאָס קינד לעבט אין אַ וואַקוואום.

אַט־דאָ הויבן זיך אָן אַלע צרות.

אין די געצעלטן פון שם...

א

אין דעם פריערדיקן „קאַפּיטל" האָבן מיר אַרויסגעבראַכט דעם רעיון, אַז „דער אין מאַסן־שטראָמענדיקער קינד־פאַרברעכער איז אַ פּראָדוקט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע און זיין געזעצלעך־אומגעזעצלעכע טאַטע־מאַמע איז די אימפּראָוויזירטע, אומגעלומפּערטע, אין כאַאָס־אויפגעשטעלטע גרויס־שטאָט". איינע פון די כאַראַקטערן־שטריכן פון דער גרויס־שטאָט איז, וואָס מענטש האָט דאָ ניט קיין פּנים. איז נאָר אַ טייל פון דער מאַסע. און ווי באַלד ער האָט ניט קיין פּנים, האָט ער ניט קיין בושה. אַז די בושה פאַר דעם מענטשן איז פאַרשוואונדן און די מורא פאַר גאָט איז אַוועק — איז פאַר דעם פּנימלאָזן מאַסן־מענטש פון דער גרויסער שטאָט נאָך אָנציענדיקער געוואָרן דער לאָקנדיקער וועג צו לוסט, צו זינד און — ועל כולם — צו געלט, וואָס איז דער צויבער־שליסל, וואָס עפנט אויף אַלע טיר־און־טויערן פאַר מאַכט, פאַר אָנזען, פאַר פרעס־און־זויף און פאַר כל'ערליי מעגלעכע און צוגעטראַכטע תאוות און פאַר־ברעכנס.

דאָס וועלן דינען צום עגל הזהב האָט פון קדמונים אָן געטליעט אין דעם מענטשנס האַרץ. נאָר בעת אין די דערפלעך און שטעטלעך איז דער מעכטיקער דראַנג צום עגל הזהב געצאַמט געוואָרן פון משפּחה, פון שטעטל און פון אַלמעכטיקן גאָט האָט די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע אונטערגעגראָבן די סאַמע יסודות פון אָט־די מאָראַלע פעסטונגען אין דער געזעלשאַפט.

אין אַ געזעלשאַפט וואו דער גאַלאָפּירנדיקער געלט־גאָט איז דער העכסטער אַרויפקוק פון דעם מענטשן, קען, במילא, דער מאַן פון תורה, פון גייסט, פון וויזיע, פון חכמה און פון שיינקייט ניט האָבן קיין צו־גרויסן אָנזען, שוין ניט צו ריידן פון אויטאָריטעט און פון מאַכט. און דערפאַר זיינען מיר עדות פון אַ דערשיינונג ביי אונז אין לאַנד אַמעריקע, וואו די דערציאונג דאָ איז שוין אַן ענין פון מלוכהשן מוז און צוואַנג, שטייט דער לערער כמעט אויף דער נידעריקסטער

שטופּע אין זין פון מאַטעריעלע גיטער און אין זין פון אַנזען אין דער געזעלשאַפט. איז דען אַ וואונדער וואָס זינט 1939 האָבן היגע 350 טויזנט לערער — איבער אַ דריטל פון לערערטום אין אַמעריקע — אַוועקגעוואָרפן די דרדקי־טייטל און זיך געוואָרפן צו אַנדערע קוואַלן פון חיונה? און ווען אַ לערער פאַרלאָזט זיין פּאָסטן, בלייבט זיין בענקל לער. ס׳ווייזט זיך ניט קיין בעלן אַוועקצוזעצן זיך אויף אים. אין די מערסטע לערער־אינסטיטוטן — די אינסטיטוציעס וואָס דאַרפן דאָס אויפכאָוּוען דעם נייעם דערציער — רעדן די פּראָפעסאָרן צו כמעט־ליידיקע בענקלעך. בעת די לערער האַלטן אין איין פאַרשווינדן פון דער אַרענע, האַלטן די געבורט־ראַטעס זיך אין איין פאַרגרעסערן. צו דעם ציפער פון עטלעכע מיליאָן דערוואַקסענע אַנאַלפאַבעטן אין אַמעריקע איז איצט דאָ אַן אַרמיי פון פינף מיליאָן קינדער אין שול־עלטער וואָס גייען ניט אין סקול. די איבערגעפּאַקטע קלאַס־צימערן האַלטן אין איין ווערן מער־און־מער איבערגעפּאַקט. צו די פינף מיליאָן אויף־הפקר־איבערגעלאָזענע שול־קינדער איז נאָך היינט, מאָנטאָג, בעת איך שרייב אָט־די שורות, צוגעקומען נייע 72 טויזנט פּוסט־און־פּאַסניקעס. אין באַפאַלאָ, די צווייטע גרעסטע שטאָט פון אונזער שטאָט ניו־יאָרק, זיינען דריי טויזנט לערער געצוואונגען געווען אַרויס אין סטרייק. זיי פאָדערן אַ העכערונג פון אַן ערך 20 דאָלער אַ וואָך. בעת דער נאַציאָנאַלער פאַרמעגן פון אַמעריקע איז, זינט דער מלחמה, פאַרגרעסערט געוואָרן אויף דריי הונדערט פּראָצענט, איז דעם היגן לערערס שכירות, אין משך פון זעלבן פּעריאָד, געהעכערט געוואָרן אויף נאָר 12 פּראָצענט. צו אַזאַ שאַנדפולער פּאָזיציע איז דעגראַדירט געוואָרן דער דערציער פון דעם נייעם דור אין דער גרעסטער מדינה אין דער וועלט!

דער זעלבער אַנטלויף־פּראָצעס שפּיגלט זיך אָפּ אויף דער אידי־שער גאַס. ס׳איז אַ דוחק אין לערער בכלל און אַוודאי און אַוודאי — אין גוטע לערער. דער פּעאיקער לערער, מיט עטוואָס ווירדע אין זיך, קען שוין מער ניט אויסהאַלטן ניט פון זיינע קלעגלעכע שכירות און אַוודאי ניט פון זיין שלים־מזלדיקער פּאָזיציע אין דעם אידישן לעבן. אַ גרויסער פּראָצענט אידישע לערער באַטראַכט זיין פּראָ־פעסיע אַלס אַ צייטווייליקע. און ביי ניט איינעם פון זיי, שטייענדיק אין די קלאַס־צימערן, — אַנשטאָט צו קאָנצענטרירן זיך אויף דער לייזונג פון פּעדאַגאָגישע פּראָגן, — ווערט דער מוח צעשפּרונגען פון: 1) מאַין יבוא עזרי — וואו נעמט מען אויף שבת? און 2) צו וואָס נעמט מען זיך?

ב

ביז מען וועט אָפּשאַפן דעם מקור פון אַלע צרות — דאָס דינען צום עגל הזהב — און ביז מען וועט צוריקבויען די גולמעוואַטע שטעט אין נאָרמאַלע מענטשלעכע ישובים — ביז דאַן בלייבט, אָבער, די פראַגע:

— וואָס־זשע טוט מען? ווי קען מען אָפּשטעלן די אַלץ־פאַר־מערנדיקע מחנות פון קינדער־פאַרברעכער?

אויף דעם, זעט מיר אויס, קען נאָר זיין איין ראַדיקאַלער אויס־וועג: אַוועקנעמען די קינדער פון די אַזוי־גערופענע היימען און זיי איבערגעבן אין פולשטענדיקן רשות פון אידעאַלע דערציער, אונטער וועמעס אויפזיכט זיי זאָלן זיין גאַנצע 24 שעה פון מעת־לעת. ניט נאָר דאַרפן די לימודים אין די קלאַסן אָנגעפירט און דורכגעפירט ווערן פון קוואַליפיצירטע לערער, נאָר דעם קינדס אַלע טעטיקייטן, — זיין לערנען, זיין שפּיל און זיין רו דאַרף זיין אונטער דער פולער השגחה פון באַרופענע מחנכים...

אויב אונזער קיום אַלס פאָלק אין אַמעריקע זאָל האָבן אַן אמתע ממשות, מוזן מיר זיך אויפהערן שפּילן מיט מינימום־דערציאונג, מיט באַבסקע רפואות, מיט האַלבע שולעס און מיט פערטל־אידישקייט. גאַנצע שולעס מיט דאָרמיטאָריס מוזן אויפגעשטעלט ווערן, און אָט־די נייע דערציאונג־בנינים וועלן דאַן קענען אויך דאָ פאַרנעמען דעם פּלאַץ וואָס דער היימישער חדר און די שטעטלשע היים האָבן פאַרנומען אין דעם אויפבוי און אויפשטעל פון דעם גאַנצן איד.

אויב אונז וועט באַשערט זיין צו בלייבן אַ פאָלק אויף דעם באָדן פון אַמעריקע וועלן מיר מוזן גיין דעם גאַנצן וועג — ברענגען אונזערע קינדער אין די געצעלטן פון שם.

דער אַדרעס פון די שם־געצעלטן

אין ערשטן קאַפּיטל האָב איך פּרובירט שטעלן אַ דיאַג־נאָז צו דער אומהיילבאַרער געזעלשאַפטלעכער חולאת — קינד־פאַרברעכעריי — אַ חולאת, וועמעס מיקראָבן געפינען, איבערהויפּט, גינסטיקן באָדן אין די גרויסע שטעט. דער שווערער לאַסט פון אינ־דוסטריאַליזירטן לעבן מאַכט פון דעם מענטשן אויס מענטש, אַזוי, אַז „ניט נאָר די אָרעמע שיכטן, נאָר אויך דער מיטעלער קלאַס און אַפילו דער העכערער קלאַס פאַלן ממש, דורכן טאָג, אַוועק פון די כוחות. דער טאַטע — נאָך דער אַרבעט — איז שוין באַלד קיין מענטש ניט; קוים וואָס ער לעבט. קען אַזאַ טאַטע כוח און ווילן האָבן צו טראַכטן אַפילו פון זיינע קינדער? איז, דעריבער, די היים קיין היים ניט; טאַטע־מאַמע זיינען קיין עלטערן ניט און דאָס קינד לעבט אין אַ וואַקואום.״

אין דעם נאָכפאָלגנדיקן קאַפּיטל, אין וואָך פון 25טן נאָוועמבער, האָב איך פּרובירט פאַרענטפערן דעם „וואָס־זשע טוט מען?״ און איך האָב געזאָגט: אַז אַזוי ווי די מערסטע היימען אין די גרויסע שטעט — און די אידישע היימען פון אָט־די גרויסע שטעט אַריינגערעכנט — זיינען, פון אידעאַלן היים־שטאַנדפּונקט, אַ דורכפאַל, מוז מען „אַוועק־נעמען די קינדער פון די אַזוי־גערופענע היימען און זיי איבערגעבן אין פולשטענדיקן רשות פון אידעאַלע דערציער, אונטער וועמעס אויפ־זיכט זיי זאָלן זיין יעדע 24 שעה פון מעת־לעת״. און כדי מען זאָל ניט מיינען, אַז איך האָב אין זינען „פּאַראָקיעל סקולס״, האָב איך מסביר געווען דעם זאַך: „ניט נאָר דאַרפן די לימודים אין די קלאַסן אָנגע־פירט און דורכגעפירט ווערן פון קוואַליפיצירטע לערער, נאָר דעם קינדס אַלע טעטיקייטן, — זיין לערנען, זיין שפּיל און זיין רו דאַרפן זיין אונטער דער פולער השגחה פון באַרופענע מחנכים.״

אָט־דאָס, לפי ערך, איז דער ענטפער צום אַלגעמיינעם ביז־איצט־ניט־געלייזטן פּראָבלעם פון קינד־פאַרברעכעריי, ביי אידן און

ביי ניט־אידן — אַן ענטפער, אַ וואונדיקער, געגעבן מיטן סאַמע שאַרף פון כירורגישן מעסער.

אויב, אָבער, די אומות העולם קריגן פון אַט־דעם ניט־געלייזטן פּראָבלעם אַ קאָפּ־ווייטאָג, אַ בויך־ווייטאָג, אָבער זיי בלייבן לעבן מיט די אַלע ווייטאָגן, איז עס גאָר אַנדערש ביי אונז אידן אין די גלות־לענדער, און אויך אין גלות אַמעריקע. און איך דערלויב זיך דאָ מיך אַליין צו ציטירן: „אויב אונזער קיום אַלס פאָלק אין אַמעריקע זאָל האָבן אַן אמתע ממשות, מוזן מיר זיך אויפהערן שפּילן מיט מינימום־דערציאונג, מיט באַבסקע רפואות, מיט האַלבע שולעס און מיט פערטל־אידישקייט. גאַנצע שולעס מיט דאָרמיטאָריס מוזן אויפגעשטעלט ווערן, און אַט־די נייע דערציאונג־בנינים וועלן דאַן קענען אויך דאָ פאַרנעמען דעם פּלאַץ וואָס דער היימישער חדר און די שטעטלשע היים האָבן פאַרנומען אין דעם אויפבוי און אויפשטעל פון דעם גאַנצן איד.

„אויב אונז וועט באַשערט זיין צו בלייבן אַ פאָלק אויף דעם באָדן פון אַמעריקע וועלן מיר מוזן גיין דעם גאַנצן וועג — ברענגען אונזערע קינדער אין די געצעלטן פון שם.״

ב.

אַט־דער היפּשער אַריינפיר איז וויכטיק, ווייל פאַר דעם גוואַלדאַ־פאַרנאַכלעסיגטן וואונד־ענין פון אידישער קינדער־דערציאונג — צי זאָלן מיר עס רופן מיט אַ בעסערן נאָמען: איבערדערציאונג — איז ניין מאָס רייד אויך ניט גענוג. מיר דאַרפן גאָר קיינמאָל ניט מיד ווערן צו ריידן פון דעם „בשכבך ובקומך״, ערב זיך לייגנדיק שלאָפן און באַלד ביים אויפשטיין; בשבתך בביתך ובלכתך בדרך״, סאַי אין הויז און סאַי אין וועג. אַזוי האָבן אונזערע אָבות, אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו, באַנומען דעם ענין פון „ושננתם לבניך״ — און איר זאָלט עס איינלערנען, איינקנעלן מיט אייערע קינדער.

אויב די אידן אין די גלות־לענדער האָבן אַ צוקונפט; אויב אידן אין גלות־אַמעריקע זיינען ניט נאָר אַ מיטל פאַר אַנדערע ישובים — און אַפילו פאַר דעם וויכטיקן ישוב פון ארץ ישראל; אויב עס געפינען זיך גענוג ערנסטע אידן, ד. ה. אידן וואָס נעמען ערנסט דעם הויך־

ענין פון אידישקייט בכל מקום שהוא, מוז מען וואָגן אַרויפשטעלן דעם פּראָבלעם פון איבערדערציאונג אין זיין גאַנצער שאַרפקייט, אין זיין פולער וואונדיקייט.

ג.

הכלל, מיר מוזן אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען: גאַנצע שולעס מיט דאַרמיטאָריס.

אַ טאָג־שול, מוז מען, דעריבער, געדענקען, איז ניט גענוג. ווען אַ קינד לערנט אַ גאַנצן טאָג אין אַ געוויסער לופט, לויט אַ געוויסן דרך, טאָר מען אים, דעם קינד, אין די זעלבע 24 שעה, מיט גוואַלד ניט אַריינברענגען, אָדער צוריקברענגען אין דעם אַנדערשדיקן קלימאַט פון דער אַזוי־גערופענער־היים. דאָ רעדט זיך ניט פון קיין ישיבות, צי פון נאַציאָנאַלע אידישע, צי העברעאישע שולעס, צי תלמוד תורות. ילך כל איש בשם אלוהיו — זאָל יעדער איד דער־ציען זיין קינד אין נאָמען פון זיין גאָט. עס מוז, אָבער, זיין אַ פולע דערציאונג וואָס זאָל מסוגל זיין צו אויפשטעלן אַ גאַנצן איד. און דאָס קען נאָר געטאָן ווערן ווען אונזערע תינוקות של בית רבן — אונזערע חיימלעך און שלמהלעך, אונזערע חיהלעך און שרהלעך, ביים דערגרייך פון זעקס יאָר, זאָלן מיט פרייד אַריינגעפירט ווערן אין די ווירדיקע בנינים, די נאַציאָנאַלע, פון איר אויפכאָוואונג, און זאָלן אַריינגעשריבן ווערן אין דעם אייביקן בוך פון שמס געצעלטן.

פאַרן נעקסטן קאַפּיטל און ביזן נעקסטן קאַפּיטל ווען מיר אָנצינדן אונזער לאַמטערן, אין זוך און פאָרש פון אַ גאַנצער שולע מיט אַ דאָרמיטאָרי...

מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט...

א.

ווי פאַרשפּראָכן אין פריערדיקן קאַפּיטל, האָב איך אָנגעצונדן אַ לאַמטערן, „אין זוך און פאָרש פון אַ גאַנצער שולע מיט אַ דאָרמיטאָרי״.

די ערשטע פראַגע פאַר אַ זוכער־פאָרשער איז: פון וואַנען הייבט מען אָן די אַרבעט — כדי ניט פאַר׳בטל׳ענען קיין צייט. און אַזוי קוויטשנדיק דעם שטערן, האָב איך, דורך איינעם פון די רעדאַקציע־פענצטער אויף יוניאָן־סקווער, דערזען אַן אילוזיע פון אַזאַ אַדרעס: אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד. בין איך שוין, כהרף עין, אויפן 16־טן שטאָק פון 45 איסט 17־טע גאַס — די צענטראַלע פון דעם „פאַרבאַנד״. קורץ און גוט — ביים גרענעץ פון אַ גאַנצער שולע זיינען די „פאַרבאַנד״־אידן שוין באַלד־באַלד דערגאַנגען, נאָר פון אַ דאָרמיטאָרי זיינען זיי נאָך, אפילו טעאָרעטיש, היפּש ווייט פון דעם. איז מיר, נאַטירלעך, דער רעזולטאַט פון מיין ערשטן זוך־און־פאָרש גאָר־ניט־צום־האַרצן געווען — איבערהויפּט ווען אָט־דער אַדרעס איז, אין גרויסן טייל, אויך מיין אַדרעס...

האָבן מיר, — איך און דער לאַמטערן, — זיך פאַרנומען צו מזרח־צו: אויף 175 איסט בראָדוויי, דער אַדרעס פון אַרבעטער־רינג. און דאָרטן האָבן מיר נאָך ווייניקער נחת געקענט שעפּן. דאָרטן איז מען נאָך אַפילו טעאָרעטיש ניט צוגעטראָטן צום פּראָבלעם־באַוואוסטזיין פון אַ גאַנצער שולע.

און אַזוי איז געשטיגן אונזער האַרץ־קלעמעניש. מיט יעדן נייעם זוך־און־פאָרש אויף דער וועלטלעכער עוועניו פון ניו־יאָרק איז דער נחת געוואָרן קלענער און די האַרץ־קלעמעניש גרעסער. האָבן מיר, — איך און דער לאַמטערן, — זיך, אַזוי אַרומשלייענדיק איבער די גאַסן און עוועניוס פון מאַנהעטן, דערשלייעט צום וויליאַמסבורג בריק און — איבערן בריק — צו וויליאַמסבורג גופא.

ב.

„עי טרי גראָוס אין ברוקלין" — די היפש־פּאָפּולערע נאָוועלע איז דאָך אינספּירירט געוואָרן אין וויליאַמסבורג. איז דער באָדן דאָ, אַפּנים, מסוגל צו מאַכן וואַקסן, צו לאָזן שפּראָצן. און אַזוי, מיט אָט־די אידייען־אַסאָציאַציעס אָבליגאַטאָ, האָבן מיר זיך געלאָזן איבער די געסלעך פון וויליאַמסבורג, וואָס גלייך נאָכן בריק. סאָוט 5־טע, 4־טע און — סאָוט 3־טע. און אָט, אויף 141 סאָוט 3־טע, ווערט אונז אויפפּאַלנדיק אַ קלויסטער־געביידע: קלויסטער און — באַיאָר־מולקטע אינגעלעך. היתכן? ערשט דער קלויסטער איז שוין קיין קלויסטער ניט. פרומע אידן האָבן אים אָפּגעקויפט און פאַרוואַנדלט אין אַ ישיבה; ווערט שוין אַ ביסל וואַרעמער אויפן האַרצן; אַ פעסטונג אין אַ פעסטונג — אַ פעסטונג פאַר אידישקייט אין ראַם פון אַ דרויסנדיקער פעסטונג.

ג.

דער נאָמען פון דער ישיבה, פאַר מיר כמעט ווי ניי — „תורה ודעת" — געפין איך אויס אינעווייניק, איז שוין אַ ישיבה מיט אַ גרויסן נאָמען איבער אַמעריקע און איבער דער וועלט. די ישיבה האָט שוין באַלד הינטער זיך אַ געשיכטע פון 30 יאָר. אין דעם משך פון די דריי צענדליג יאָר האָט זיך די ישיבה ניט נאָר פאַרפעסטיגט אין דער טיף, נאָר האָט זיך אויך היפש אויסגעשפּרייט אין דער ברייט: מיט ישיבות אויף ווילסאָן סטריט, אויף בעדפאָרד עוועניו, און אין ספּרינג וואַלי. אין אָט־די אַלע ישיבות לערנען איצט 1,399 תלמידים, אונטער דער השגחה פון 98 רבנים און פעדאַגאָגן. אין לויף פון די דריי דעקאַדן האָט „תורה ודעת" צוגעשטעלט אַרום 4,000 רבנים, מחנכים און ראשי ישיבות פאַר די אידישע געמיינדעס פון אַמעריקע.

דאָס דערפרייענדיגסטע, אָבער, פאַר מיין זוך־און־פאָרש, איז געווען וואָס איך האָב אויסגעפונען אַז „תורת ודעת" האָט אַ דאָרמיטאָרי, אין וועלכער עטלעכע הונדערט אידישע קינדער געפינען זיך די גאַנצע צייט, אין יעדער רגע פון די 24 שעה פון דעם מעת־לעת, אונטערן שטרענגן

אויפזיכט פון אידישע מחנכים, אין אַן א י י נ ה י י ט ל ע כ ע ר און ג אַ נ צ ע ר אידישער אַטמאָספערע.

בעת מיין באַזוך האָב איך געהערט דאָס מעכטיגע קלאַפעריי און געזעגעריי פון האַמערס און פון זעגן. דאָס — האָט מיר אָנגעוויזן דער פריינטלעכער סופּערינטענדענט, הרב ריוולין, אַ געבאָרענער אין ווירדזשיניע און אַ מוסמך פון „תורה ודעת" — איז דער נייער בנין, — אַ דאָרמיטאָרי פון 100 צימערן, וואָס וועט אונז קאָסטן 400 טויזנט דאָלער. „מיר קוקן שוין אויס די אויגן אויף דעם נייעם בנין" — האָט ראַבאַי ריוולין, אין גרויס פאַרזאָרגונג, געזאָגט — „ווייל מיר האָבן אָרויסגעגעבן 350 נייע אַפידייוויטס פאַר ישיבה־בחורים אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד. חוץ דעם, דערוואַרטן מיר נאָך תלמידים פון קאַנאַדע, דרום־אַפריקע און פון די ווייטסטע פונקטן פון איבערן לאַנד. צווישן די קאָרגע 1,400 תלמידים אונזערע זיינען פאַרטראָטן 24 שטאַטן פון אַמעריקע, חוץ אידישע קינדער פון קאַנאַדע, מעקסיקאָ, בראַזיל, ווענעזועלאָ, טשילי, אורוגוואַי, עקוואַדאָר, קאָלאָמביאָ, האָלאַנד, בעלגיע, פוילן, דייטשלאַנד, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, ליטע און רומעניע."

און בעת ראַבאַי ריוולין רעדט מיט מיר — און, פאַרשטייט זיך, אין אַ זאַפטיגן, לומדישן אידיש — האַלטן אין איין גיין־און־קומען צו אים, אין זיין ביוראָ, ישיבה בחורים מיט „ענינים". און עס איז פאַר מיר אינטערעסאַנט דער נ י י ע ר אידיש וואָס פורעמט זיך איצט אין אַמעריקע. און אויב ער וועט קומען, וועט ער קומען פון אָט־די מיני אינסטיטוציעס (ראַבאַי ריוולין איז פריינטלעך מיר אָנצואווייזן אויף די ישיבה־בחורים, אויף זייער לאַנד־אָפּשטאַם: דאָס איז דער „מעקסיקאַנער", דאָס איז דער „אַפריקאַנער", א. אַז. וו. — פונקט ווי אין די היימישע ישיבות...)

— „הי איז אין די מידל אָוו עי שיעור" — לאָזט אים וויסן אַ בחורל.

אַ אינגעלע פרעגט אים, א י ן נ י י ע ם א י ד י ש, ווען וועט ער אָנהייבן לערנען חומש מיט רשי (חומש און גמרא ווערן דאָ געלערנט און פאַרטייטשט אויף אידיש). ענטפערט אים ראַבאַי ריוולין:

— „עפטער פסח, אם ירצה השם..."

איך כאַפּ אויף אַ זאַץ פון דעם נ י י ע ם א י ד י ש:

„דהעי אָנלי לוירן 8 פּסוקים עי דעי, עקסעפּט חומש מיט רשי."

ראַבאַי ריוולין איז, ווי געזאָגט, אַ געבוירענער אין ווירדזשיניע, און אין גאַנצן אַ פּראָדוקט פון „תורה ודעת", וואו ער האָט אָנגע־פאַנגען לערנען א"ב. ענגליש איז פאַר אים נאַטירלעך, און אידיש אויך. איך באַריר די פראַגע פון קדושת־אידיש און ער איז מיט מיר מסכים. ביי אים אין הויז, זאָגט ער, רעדט ער נאָר אידיש. זיין פרוי איז אַ אייראָפּעאישע און ריידן אידיש איז פאַר איר לייכטער ווי ענגליש.

ד.

ס'איז געווען פרייטאָג. די זון האָט זיך גענומען זעצן. האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט צו בלייבן אין וויליאַמסבורג איבער שבת, און דערוויל וואַרפן אַ בליק אויף דער היגער ישיבה־בחורישער מלוכה. איך בין אַרויף אויף דעם דריטן שטאָק — אין שול, וואָס דינט אויך פאַר דער „היים" פאַר די וואָס לערנען, „פאַר זיך". איינער פון די עלטערע בחורים דאַוונט מנחה. איך האָב שוין לאַנג אַזאַ „מנחה" ניט געהערט. אָבער דעם גרויסן גענוס, פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט האָב איך געהאַט פון דעם קבלת שבת. אינגלעך מיט זיסע שטימעלעך פעלן ניט. אָבער אי שטימע, אי נוסח, אי כוונה, — קורץ און גוט, — ס'איז, אפשר, דאָס ערשטע מאָל וואָס איך הער ווי אַ דאַוונען ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גוואַלדיגן מוזיקאַלישן אויפשפיל — אַ מין אָפּערע. און — די אַלע מיטדאַוונער זיינען מיטבאַטייליגטע אין דעם כאָראַלן אויפטריט. אָן אַ פגימא.

איך באַמערק ווי אַ אינגעלע פון אַ יאָר 9, קענטיג נאָך אַ גייער, דאַוונט ביים שטענדער לעבן אָן עלטערן בחורל און קוקט אים אין די אויגן אַריין. ביים „שמע ישראל" וואַרפט ער אַ בליק אויף דעם „גרויסן בחור" און פּרובירט אים „נאָכגיין"...

פון אַזאַ אינסטיטוציע, טראַכט איך, וועלן ניט אויסוואַקסן קיין אַרומטאַנצער ביים עגל הזהב, און קיין פאַרברעכער — אַוודאי און אַוודאי ניט. ווייל, ווי האָט מיר אַ אינגעלע פון „תורת ודעת" געזאָגט:

— „מאָני איז נאַטהינג, די מעין טהינג איז דהי תורה."

חנוכה פון יאָר התש״י

אין די כראָניקעס, די אידישע, וועט, צווישן אַנדערעס, זיין פאַרצייכנט אַז אין יענע גרויס־פריידיקע, הייליק־פריידיקע, נאַציאָנאַל־געלאָדענע אידישע טעג פון קבלת השטאַט איז באַשערט געווען אַז חנוכה זאָל זיין דער ערשטער אידישער יום־טוב וואָס זאָל אויסשאַלן זיין פרייד ברבים מיט דער דערוואָרבונג פון פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט.

ווייל צו קענען איצט מקבל־זיין דעם שטאַט האָט דאָך אַ פאָלק אַ לעבעדיקס געדאַרפט דערצו זיין. און כדי אַז אַ פאָלק זאָל קענען זוכה זיין צו אַריכת ימים, האָט עס געדאַרפט די געהעריקע נאַציאָנאַלע זאַפטן אין זיך אַריינגעמען. און קיין זאַך האָט אונז, אידן, ניט אַזוי גענערט ווי די היילנדיקע פרייד פון די קוויקנדיקע אידישע יום־טובים.

און פון די אַלע אידישע יום־טובים, וואָס זיינען מיט אונז דורכ־געגאַנגען אַלע וואָגלענישן און אַלע מיני גלות־פּלאָגערייען און האָבן אונז געהאָלפן, ביים ראַנד פון די אָפטע שיר־ניט אונטערגאַנגען, צו שטאַרקן אונזער גייסט, צו מוטיקן די הערצער, די אויסגייענדיקע, צו היילן די וואונדן, די אייטערדיקע און צו קרעפטיקן דעם טראָט, אָט־אָט־פאַרחלשטן, איז דער אין סאַמע ווינטער אָנקומענדיקער יום־טוב דער לויכטנדיקסטער סימבאָל פון אידישער אומצעשטערבאַרקייט, דער הילכיקסטער אויסגעזאַנג פון עם ישראל חי!

אויב דער ספּעקטאַקולאַרסטער פון אַלע פייערטעג אונזערע — פּסח, איז דער פייער־צייכן פון פּאָליטישן אידישן קאַמף און נצחון, פון אין רעוואָלוציע מאַרשירנדיקע און פאָלק אויסלייזנדיקע אידישע מחנות און פון מלוכהשן אויפשטעל, איז חנוכה דער סימבאָל פון גרעסטער מאָראַלישער דערהויבנקייט און פון גייסטיקער אידישער גבורה, — אַ גבורה וואָס האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון צווישן־פעלקערלעכע פאַרמעסטן און שלאַכטן.

ב.

חנוכה פון יאָר התש״י טרעפט אונז, פון איין זייט, אין קריטישן מאָמענט, ווען אונזער פאָלקס גוף הערט אַלץ ניט אויף צו פאַרלירן

בלוט, בלוט ממש, פון די פיילן וואָס כמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן אין אים געלאָזן אַריינצילן. אויב מיט 2114 יאָר צוריק (בעת דאָס ווערט איצט געדרוקט, אין יאָר 1949) איז די מאַקאַבייער אויסגעקומען צו דראַמאַטיזירן דעם גרעסטן נס־ספעקטאַקל פון יענער צייט און פון אַלע צייטן — מיט בלויזע הענט כמעט — צו שטעלן זיך אַנטקעגן די מעכטיקע חיילות פון אַנטיכוס דעם פערטן און באַזיגן זיי מיט טאָטאַלער צעשמעטערטקייט — זיינען מיר איצט, אין חנוכה פון יאָר התש״י אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון פילע, פילע פעלקער — פון טיגער־פעלקער און פון פוקסן־מלוכות, וועלכע פאַרצוקן טאָג־איין טאָג־אויס בליענדיקע זין און טעכטער פון אונזערע לאַגערן און ווערן ניט מיד פון פלינדערן אונזער האָב־און־גוטס, און ווערן גאָר ניט אָנגעזעטיקט פון זויגן און צאַפּן דאָס בלוט פון אונזער אין בלוט אויסגייענדיקן און צעוואונדעטן קערפּער.

חנוכה פון יאָר התש״י, פון דער צווייטער זייט, געפינט אונז, אין היסטאָרישער שעה, ווען אין די מערסטע און מעכטיקסטע פעלקער פון גאָטס ערד האָט תשובה אַ שלאָג־געטאָן אין זייער האַרץ, און האָבן, מיט אויפריכטיקער חרטה, זיך אַ קער־אום געגעבן צום וואונדיקן און אין בלוט־אָפּגייענדיקן א י ב י ק ן א י ד, אים פּאָליטיש אויפ־ריכטן, אים צוריקגעגעבן זיין אַוועקגערויבטן באָדן פון אונטער זיינע פיס און זיין חלק פון דעם הימל איבער זיין קאָפּ.

און ניט נאָר האָט אונזער דור, אין די איצטיקע טעג פון חנוכה, זוכה געווען צו שטאָטלעכער אָנערקענונג, נאָר מיר האָבן אויך זוכה געווען צו זען מיט אונזערע אייגענע אויגן מאַקאַבייאישע גבורה פון אונזערע תש״ח־תש״ט־ העלדן פון ארץ־ישראל. די ליכטיקע איצטיקע מעשים פון די הגנה־העלדן אויף יעדן פיצל ערד פון ארץ ישראל קען בשום אופן ניט פאַרטונקלט ווערן לגבי די העראָאישע שלאַכטן פון די חשמונאים „בימים ההם״.

ג.

חנוכה פון יאָר התש״י סיגנאַליזירט, אָבער, אויך די געפאַר פון אייגענער פאַרצערונג אין די גלות־לענדער, ד״ה, מיר אַליין זיינען די מיטשולדיקע וואָס פאַרניכטונג־מיקראָבן צעפרעסן און צעווערעמען אונזער לייב. און ווען מיט צוויי טויזנט און הונדערט מיט 14 יאָר

צוריק, אין די טעג פון מתתיהו בן כהן גדול חשמונאי און זיינע זין, האָט מלכות יון מיט גוואַלד געוואָלט די אידן מאַכן פאַרגעסן זייער תורה און אויסוואָרצלען פון זייער לעבן די אייגנאַרטיקע קולטור, די שפּראַך, די מנהגים, זיינען מיר, אידן, אין די אַזוי גערופענע פרייע, דעמאָקראַטישע לענדער, איצט אַליין די יונים וואָס פאַרטרייבן פון אונזערע היימען וואו נאָר אַ הויך פון אידישקייט, און וואָס לעשן אויס וואו נאָר אַ פונק פון אידישן אייגנאַרט.

מיט דריי דורות צוריק האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַסן־אָנשטראָם פון אידן אין נייעם לאַנד אַמעריקע. ביטערע עקאָנאָמישע נויטן און מיזעראַבעלע פּאָליטישע נגישות האָבן געבייטשט די אידן אין זייער גאָרער צעשפּרייטקייט און זיי ווי פון העלישן פאַרצוקנדיקן פייער געמאַכט לויפן צו די ברעגן פון דער מדינה וואָס איינער פון די שפּאַנישע אַנוסים, קאָלאָמבוס, האָט מיט געטלעכער השגחה געטאָן פאַר זיי אַנטדעקן.

איז, אפשר, קיין וואונדער ניט וואָס די אידן פון די ערשטע עליות האָבן זיך צוגעכאַפּט צו געניסן עטוואָס פון דער שפע פון גאָלדענעם לאַנד. וואָלטן דעמאָלט באַרופענע פירער געווען, וואָלטן אָט יענע מענטשן־רייען געבענטשטער מאַטעריאַל געווען פאַר דער אויספורעמונג פון אַ געזונטן נאַציאָנאַלן אידישן קערפּער, וועלכער וואָלט בענטשונג געווען אויך פאַר אַנדערע ישובים. וואָס האָבן, אָבער, יענע ניט־באַרופענע געטאָן מיט די קוואַליקע אידישע פאָלקס־כוחות? די יאַהודים, באַטראַכטנדיק די אידן, ווי אַ רעליגיעזע סעקטע האָבן ניט אויפגעהערט צו דרשענען אַז מען קען דינען גאָט אין דער שפּראַך פון לאַנד, האָבן זייערס צוגעטראָגן צו דער אַסימי־לאַציע און שמד וואָס האָלטן איצט היפש געקלאָמערט די מערסטע היגע אידישע היימען. די הוררערא־רעוואָלוציאָנערע משיחים אונ־זערע האָבן געזען אין נאַציאָנאַלן אידישן קיום אַ שטער צו דער אָט־באַלד־אָנקומענדיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אויך זיי האָבן צוגעטראָגן זייער אָנגעזעענעם חלק צו די אַסימילאַציע און שמד־שטראָמען וואָס האַלטן איצט, פאַר אונזערע אייגענע אויגן, אין פאַרפלייצן כמעט אונזערע נאַציאָנאַלע היגע פּאָזיציעס — ווי מיר וואָלטן קיין מאָל גאָר ניט באַטראָטן דעם היגן באָדן.

אַזוי האָבן געפירט די פירער. און דער המון עם? איינגעבויגן פון לאַסטיקן עול פון לעבן, פלעגן די מילי־מיליאָסן פון אונזער פאַ־

טערטום אין אַמעריקע, אין שפּעטער שעה פון אָוונט, צי פון נאַכט, זיך קוים דערשלעפּן אין די צעפינטלטע היימען זייערע, אָפּעסן די אימפּראָוויזירטע וועטשערעס און אַוועקפאַלן אין בעטן אַריין, כדי, מאָרגן, כעלות השחר, האָבן כוח צו לויפן און שמייען אין די איינ־שלינגענדיקע סוועט־שעפּער פון די גרויסע שטעט פון לאַנד. ווײַט ניט קיין אידעאַלער מאַטעריאַל פאַר אויפשטעלן אַ דור אַ אידישן. און אין רעזולטאַט ? איז אויסגעוואַקסן אַ דור, אַ פון זיך אַליין דער־צויגענער, אָפט מיט זעלטענע אויסצייכענונגען אין דער לאַנד־שולע, אָבער אָן וועלכער עס איז אינטימער שייכות מיט אונזער שטאַם, מיט אונזער לעבעדיקן פאָלק.

האָבן מיר ניט אין יאָר התש״י קיין צענטראַלן בית המקדש וואָס יונים זאָלן אים האָבן פאַראומרייניקט, און מיר זיינען אנשטאט דעם באַשאַנקען געוואָרן מיט מיליאָנען היימען וואָס מיר האָבן בידים פון זיי אַרויסגעטריבן וואו נאָר אַ הויך פון אידישקייט און האָבן מיט די אייגענע הענט אויסגעלאָשן וואו נאָר אַ פונק פון נאַציאָנאַלן אידישן פייער, — וואו נאָר אַ שיין פון אַ אידישן לעמפּל.

ד.

וואָס־זשע איז דאָ צו זאָגן אין די היי־יאָריקע טעג פון חנוכה— ווען מיר האָבן זוכה געווען צו דער אַל־פעלקערלעכער אָנערקענונג פון אַ אידישן שטאַט אין ארץ ישראל ? ס׳איז דאָ נאָר איינס צו זאָגן און נאָר איינס צו ווינטשן. זאָל יעדער איינער איד אָנהויבן רייניקן זיינע אייגענע דלד אמות פון טומאה און פון פאַרשוועך. זאָלן אויפלויכטן ליכטעלעך פון האָפענונג און פון גייסטיקן אויפלעב אין די אידישע היימען, זאָלן מיר מיט גרעסטן מוט זיך באַגאַרטלען און פּרובירן גלייך אָנהויבן דעם אמתן חנוכה־פייער מיט זיך אַליין — די באַנייאונג פון אידישן פאָלקס־לעבן, דער אויפשלאָג פון אידישן גייסט און ווידערהויבונג פון לויטערער אידישער מאָראַליטעט — וואָס דאָס וועט מוזן פירן צו דער גרעסטער גייסטיקער גבורה, די מאַ־קאַבייאישע העלדישקייט, וואָס איז איינציק און האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון צווישן־פעלקערלעכע פאַרמעסטן און שלאַכטן.

אידיש איז, נעבעך, אויף צרות ביי זיך אַליין...

א.

די פּאָסט האָט מיר היינט, דעם 19טן דעצעמבער, 1949, געבראַכט, צווישן אַנדערעס, אויך אַ בולעטין פון דער „קרן קימת לישראל־ביוראָ אין ירושלים". איז דער דאָזיקער בולעטין באַגלייט מיט אַ פּאָר אַריינפיר־ווערטער פון וועלכע איך דרוק די ערשטע צוויי זאַצן:

„מיר שטעלן צו די רעדאַקציעס פון דער אידישער פּרעסע דעם צווייטן „נייעס־בולעטין", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער פּרעסע־אָפּטיילונג אינעם הויפּט־ביוראָ פון קרן קימת לישראל.

די ערשטע אויסגאַבע פון בולעטין, וואָס איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן מיט וואָכן צוריק, איז ניט דערשינען אין אידיש, אָבער די וויטערדיקע וועלן דערשיינען רעגלמעסיק אויך אין דער דאָזיקער שפּראַך."

ס'איז צום שטוינען ווי די פּעדער אין דער אידישער האַנט גיט זיך ניט אַ טרייסל ביים אויפשרייבן אָט־דעם צווייטן זאַץ! וועלכער נאַר־מאַלער מענטש ביי וועלכן עס איז אומה־ולשון וואָלט געקענט אויפ־טינטלען אַזאַ חנוודיקן זאַץ? ס'איז כדאַי אויף אָט־דעם זאַץ זיך אָפּ־צושטעלן: 1) פאַרוואָס איז דער ערשטער בולעטין, אַדרעסירט צו אידישע צייטונגען, געשריבן פון אַ אידן, אין נאָמען פון אַ ווערט־פולער אידישער נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע, מיט אַ בקשה צו דרוקן אָט־די ידיעות צו דער נאָך־אַלץ ריזיקער אידישער לייענערשאַפט, ניט געשריבן געוואָרן גלייך, און נאַטירלעך, אין די אותיות מרובעות. און 2) ווי קען דאָס אַ אידישע האַנט אויסצירקלען אַזוי פיל שפלות אין אָט־די פּאָר ווערטער: אויך אין דער דאָזיקער שפּראַך?

ב

שוין היפּשע עטלעכע יאָר ווי איך גיי אום מיט אַ לאַמטערן דורך דער נאַכט פון אונזער לעבן און זוך גאַנצע אידן, אידן ביי וועמען

זייער אידישקייט הויקערט ניט איבער זיי, הענגט זיי ניט נאָך ווי אַ קאַטאַסטראָפאַל צוגעוואָקסענער לונג און לעבער אויפן נאַז. און כאָטש איך טרעף זיי, אַט די גאַנצע, נאָרמאַל־באַלאַנסירנדיקע אידן, דאָ און דאָרטן אויף דעם נאַכטיקן גאַנג פון מיין לעבן, זיינען זיי, אָבער, פון דעם אויסנאַם טיפ, פון די ווייטאָגדיק צעאינזלטע פאָלקס אינטעלי־גענטן אונזערע, וואָס האָבן, צוליב כמה וכמה טעמים, ניט באַוויזן אַרויסצוגעבן פון זיך דעם באַרופענעם פירער וואָס זאָל זיי אַלעמען קענען צוזאַמענברענגען אונטער איין דאַך און אויספורעמען פון זיי אַ געזעלשאַפטלעכן גוף, מיט אַ בולט־אַנדערשדיקער געשטאַלטונג.

אָנגעהויבן די צעקרימונג פון אונזער פּנים און פון אונזער בשמה האָבן אונזערע פּאַרטיי־פאַנאַטיקער מכל המינים — אָן איין אויס־נאַם. עס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך — און אַ גרויסער קאַפּיטל — ווי אַזוי דאָס היגע אידישע לעבן איז מיט דריי דורות צוריק אַרונטער־געדריקט געוואָרן אונטער דער אַל־פּאַרטייאישער דיקטאַטור — אַ דיקטאַטור וועלכע האַלט דעם קהלשן רודער פון אַמעריקאַנער אידנ־טום אין אירע צוואַנגען עד היום הזה. אַט דער קאַפּיטל וועט דאַרפן ווען עס איז באריכות אַרומגערעדט ווערן. דאָ איז, אָבער, וויכטיק צו אָקצענטירן, אַז אַט יענע פּאַרטיי־פאַנאַטישע דיקטאַטאָרס האָבן באַטראַכט יעדן איינציקן אידן פון זייער צייט נאָר ווי ליים פאַר דער אויסקנעטונג פון אַ וואָס מער ריזיקן פּאַרטיי־גולם, וועלכער איז גע־כאָוועט פאַרן שוץ פון אידן מעבר לים, פון וואו נאָר אַ ים און וואו נאָר אַ לאַנד אָבער ניט פאַרן לאַנד אַמעריקע.

אַן אַנאַליז פון אונזער אַל־פּאַרטייאישן רעגנבויגן וועט ווייזן אַז יעדער פּאַרטיי מיט אַן ערך פון 50־60 יאָר צוריק — וואָס האַלט אויס אויך אין 1949 (בעת דאָס ווערט איצט געדרוקט) — האָט זיך געהאַט אירע אימפּעריע־ימען און אירע יבשה־מדינות, וועמעס טיכטיקע אַגענטן זיי זיינען דאָ געווען — אויף צו פאַרוואַנדלען דעם ניט־אָריענ־טירטן אידישן אימיגראַנטנטום אין אַמעריקע אין פערמאַנענטן ליידיס אָקזילערי מאַטעריאַל פאַר די אינטערעסן פון זייערע געגעבענע מדינות און אימפּעריעס. מיט דריי דורות צוריק איז צווישן די אידיש־ריידנ־דיקע מאַסן ניט געווען קיין איין גרופּע וואָס זאָל האָבן געהאַט אויפגע־שריבן אויף איר פאַן דעם לאָזונג: „מיטן פּנים צו אַמעריקע“, און אין לויף פון אַט די דריי דורות האָט זיך נאָך אַלץ ניט אויסגעקריס־טאַליזירט קיין געגנוג קענטיקע און איינפלוסרייכע פּאָליטישע גרופּע צווישן דעם רוב מנין און רוב בנין אונזערן וואָס זאָל זאָרגן אויסשליס־

לעך פאַר די אַל־דעקנדיקע נויטן און זאָרגן און באַדערפעניש פון דעם לעבעדיקן פינף און אַ האַלב מיליאָניקן אידישן פּיאָנערן־ישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

במילא, אַז די דערציאונג פון דעם רויען אידישן אימיגראַנט איז איבערגעלאָזן געוואָרן צום קאַפּריז פון די ווינטן, אַז קיין קאָפּ פון אונזער אַמעריקאַנער אידישער באַלעבאַטעשאַפט איז ניט געווען — טאָ ווי האָט געקענט אַ רייד זיין פון אַ קאָפּ אין די אימפּראָוויזירטע היימען פון די אויסגעמאַטערטע סוועט־שעפּערניקעס ? איז טאַקע קיין קאָפּ אין די היימען ניט געווען. און אַ טאַטע האָט ניט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי זיצן אויף דעם קעניגלעכן שטול פון אַ פאָטער. די אַמע־ריקאַנער געבאָרענע קינדער, האָבנדיק אַ גאָר בלייכן באַגריף פון כבוד־אָב, איז, דעריבער, מיט זייער ביסל ענגלישן „סלענג" ניט אויסגעקומען שווער דאָס אַרויפכאַפּן זיך אויף דעם פון טאַטן פאַר־וואָרלאָזטן אויבנאָן־בענקל.

ג

יע, אַזוי האָט זיך געקייטלט דער חד־גדיא: פאַרטייען האָבן אַריבערגעפּעקלט זייער פאַרטייאישן באַגאַזש און האָבן זיך מיט אים צעלייגט אויף אַלע אונזערע היגע ירידן און ירידימלעך. פון די ירידן האָבן זיך גענומען אַרויסזען שרייער און טומלער, וועלכע האָבן, מערסטנס, מיט זייער גראָבקייט און אַראָגאַנץ, איינגערעדט זיך און היפּשע טיילן פון אַנגעלאָפּענעם עולם, אַז זיי זיינען, מקדמונים, באַ־שטימט געוואָרן צו פירערשאַפט. אַ טייל פון אָט די שרייער זיינען גאָר גיך, צויבער־מעסיק, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שרייבער, און זיי האָבן דורך די גאַזעטן גענומען טאָג אין טאָג האַמערן אין דעם צעדולדטן מאַרך־אָרגאַניזם פון דעם צעשטויבטן המון־עם. אַזוי אַרום איז פאַראַנקערט געוואָרן די פאַרטיי־דיקטאַטור אויף דער אי־דישער גאַס — אַ דיקטאַטור פון דעם הדיוט איבער אַ צעשוואומע־נער, שטענדיק מידער, פיזיש אויסגעשעפּטער און גייסטיק־ליידיקער מאַסע. אָט די הערשאַפט פון דעם הדיוט־מין פירער אויף אונזער עווענין האָט, נאַטירלעכערוויז, געמוזט דערמוטיקן דעם אַרויפטריט פון עם הארץ אויף דער בינע פון אונזער לעבן. עם הארצות איז געכשרט געוואָרן אין אַמעריקע. און אויב דער עם הארץ האָט נאָך געהאַט קלינגערס, און איז מיט זיי טיילוויז גרייט געווען צו טיילן זיך לטובת די און יענע טעטיקייטן וואָס אונטער דעם קנאַפּל פון דעם

און יענעם הדיוט־דיקטאַטאָר איז ער נאָך פאַר אַ יחסן פאַררעכנט געוואָרן.

פון אַט־דעם חד־גדיא־קנויל קען מען, בכן, אַרויספּלאָנטערן דעם שפלות־קאָמפּלעקס פון די אידיש־ריידנדיקע אידן. דער אָנהויב פון אויפלעבן און גייסטיק שטאַרק מאַכן אונזער פאָלק אין אַמעריקע איז, דעריבער, פאַרבונדן מיט אַרויסטרייבן פון אים דעם שפלות־דיבוק. און דער שפלות־דיבוק קען ניט אַרויסגעטריבן ווערן אָן אַ רעוואָ־לוציע אין דעם אידישן קהלשן לעבן פון אַמעריקע — אַ רעוואָלוציע קעגן דער פאַנאַטיש־פּאַרטייאישער דיקטאַטור פון פאַראַנקערטן עם הארץ.

אין דעם שפּיל פון כוחות דאַרף אידיש גענומען ווערן אי ווי אַ מאָס אי ווי אַ וואָפן. דער ערשטער איד וואָס לעבט זיך אויס אין אַ לויטערן און פאָלקסטימלעכן אידיש לשון אין זיינע דלד אמות קען און זאָל גענומען ווערן ווי דער ערשטער זעלנער אין קאַמף קעגן דער פון זיין היים ערשט־אַרויסגעטריבענער סטרא אחרא, אַ סטרא אחרא וואָס האָט, אָבער די שליטה געקראָגן איבער דער שכנה־שער הויז פון זיגרייכן רעוואָלוציאָנער. ס׳איז אַ מין נאַציאָנאַל־פערמאַנענטער בעור־חמץ. פון הויז צו הויז. פון טיר צו טיר. ווייל — ס׳איז ניטאָ כמעט קיין הויז פון ישראל וואָס איז ריין פון חמץ, פון אַסימילאַציע־מיקראָבן.

דער קאַמף קעגן דעם שפלות־קאָמפּלעקס ביי די אידיש־ריידנדיקע אידן קען ניט און וועט ניט געוואונען ווערן מיט דער שענסטער מליצה, מיט דער סאַמע פאַרביקסטער פּראָזעאָלאָגיע. עס דאַרף גע־רופן ווערן אָן אַלגעמיינער קריג־רוף קעגן אַט די אַסימילאַציע־מי־קראָבן און יעדער איד, וואו ער זאָל ניט זיין, איז אַ זעלנער אין דער אַרמיי.

די וועלט אויפן שיידוועג

א.

עס איז אָנגענעם פאַר מיין פעדער צו פאַרצייכענען, אַז די יונגע אידישע מדינה האָט דעם ערשטן טאָג פון יאָר טויזנט־ניין־הונדערט־און־פופציק דעקלאַרירט ווי אַ טאָג פון אָנדענק און טרויער נאָך די זעקס מיליאָן קדושים פון אונזער פאָלק. איז דאָס געווען אַן אַקט פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און פון נאַציאָנאַלער אחריות.

אין אָט־דעם טאָג, — ווען די גאַנצע ניט־אידישע וועלט האָט זיך אַי געפרייט מיט דעם ניי־יאָר אַי ווי געהעריק אויפגעשפּילט די כלומרשטע קדושה פון אָט־דעם יחוסדיקן ערשטלינג — האָט מען אין לאַנד פון ישראל געבראַכט צו קבורה דאָס אַש פון צוויי הונדערט טויזנט קדושים; אין די בתי מדרשים פון גאַנצן לאַנד האָט מען אָפּגעריכט ספּעציעלע תפילות אין זייער אָנדענק און דאָס גאַנצע אימפּעטיקע לעבן פון דער מדינה איז אין אָט־דעם טאָג געוואָרן אָפּגעשטעלט — און אין טרויער און אין דערהויבענער התבודדות האָט זיך איינגעהילט דאָס גאַנצע פאָלק — ווי איין מאַן.

ב

דער היינטיקער ניי־יאָר זייערער האָט נאָך, צוליב זיין קאָ־לענדאַרישער רונדיקייט, אַ ספּעציעלן חן ביי די אומות העולם, און די אַל־שפּראַכלעכע פעדערס זייערע זיינען, ווי עס זעט אויס, פון אָט־דעם גייסט אינספּירירט געוואָרן מיט „בייע" מיליאָנען ווערטער אויף ווער־טער. די גוואַלדיקע מגידים, פילאָזאָפן און קאָמענטאַטאָרס זייערע האָבן פאַר דער וועלט פּרובירט מגלה זיין דעם גרויסן סוד, אַז 50 יאָר איז אַ העלפט פון הונדערט יאָר, און די וועלט, ווי עס זעט אויס, איז גוואַלדיק נתפעל געוואָרן פון אָט־דער התגלות.

ווען, אפשר, כדאַי זיין אַרויסכאַפּן איינעם פון אָט־דעם ערשט־אָוועקגעדרייטן יאָר־פופציק, און אַ בליק־טאָן מיט וואָס די אומות־העולם פאַרהילכן עס די וועלט.

ווייל, ווי אַ שעפּעלע וואַסער פון, לאָמיר זאָגן, דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן אַנטהאַלט אין זיך אַלע עלעמענטן פון אַט דעם אָקעאַן, און ווי אַן איינצל בלעטל פון אַ דיקן בוך מוז מיט זיך פאָרשטעלן די פולע גייסטיקייט, צי טעמפּקייט, צי אַנדערע בולטע מעלות און חסרונות פון אַט־דעם בוך — אַזוי מוז, לאָגישערווייז, וועלכעס־עס־איז יאָר פון אַט דעם איצט־אָוועקגייענדיקן יאָר־הונדערט זיין דער אמתער מוסטער פון דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע און קולטור, אַן אמתער שפּיגל פאַר די פעלקער פון דער וועלט אין אים אַריינצוקוקן — ווי אין אַן עמערל וואַסער פון דעם אָפענעם אָקעאַן.

ג

פאַר אונזער איצטיקער שטודיע, און אַלפעלקערלעכן חשבון הנפש, וועלן מיר נעמען דעם יאָר 1945, דעם יאָר אין וועלכן עס האָט זיך ענדלעך־ענדלעך אָפּגעשטעלט די צווייטע וועלט־שרפה, און מענטשן און פעלקער אַט־ערשט פון־פייער־ניצול־געוואָרענע וועלן דאָך אַוודאי באַהערשט זיין פון שטימונג פון תשובה און פון חשבון הנפש.

און ווען מיר הויבן אָן די עקסקורסיע צווישן די פעלקער פון תשובה־יאָר 1945 דאַרף פאַר אונז אידן, אידישן אידן איבערהויפּט, קלאָר זיין דער אַקסיאָם: אַז מיר זיינען ניט קיין באַלעבאַטים איבער דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישן חשבון אונזערן צווישן די פעלקער, און אַז אָן דער פעאיקייט צו באַנעמען אַט־דעם אַקסיאָם הענגט פיל אָפּ דער גורל פון אונזער קיום אונטער גאָטס זון. און אויב די קאַפּריזנע גע־שיכטע לאָזט אונז פון צייט־צו־צייט צו פאַרווילן זיך, אין בליץ־מאָמענטן, מיט דער אילוזיע אַז מיר קענען דאָ און דאָרט זיין די מייסטער פון אונזער אייגענעם חשבון, איז דאָס נאָר, כמעט רגע, ווייל אַט קומט אומגעריכט אַ שטורעם און פאַרשווענקט אונז מיט אַזאַ מעכטיקייט און מיט אַזאַ גרינטלעכקייט אַז מיר זעען שוין, אוי זעען מיר, דעם גרויליקן סך־הכל — ס׳איז שוין ניטאָ פון וואָס און ס׳איז ניטאָ פאַר וועמען צו פירן אַ רעכענונג.

אין אַזאַ בליץ־אילוזיע האָבן אידן געלעבט אין די איראָפּעאישע לענדער ביז אַ טייפלשער אומשליידער האָט זיי אויסגעטשוכעט פון זייער דרימלעניש. וויניקער פון איין פראָצענט זיינען זיי געווען אין דייטשלאַנד. האָבן דערוואָרבן איינפלוס, רום און מאַכט. מיט לייכטזי־

ניקן שטאָלץ איז זייער האַרץ פול געווען און זייער געהויבענער קאָפּ האָט זיך נאָך געהעכערט לגבי אָן אייגענעם ברודער־איד, אַ פון ערגעץ פאַרוואָגלטן. אויף ניט־ווינציקער ווי אָן אייביקייט איז זייער חשבון געווען און אין אָט־דער אייביקייט וועלן זיי די האַרן, די איינציקע, די זיכערע, איבער דעם חשבון זייערן זיין. אָט־דעם טעזיס וועלן מיר אין לויף פון דער עקסקורסיע פּרובירן באַגרינדן.

נעמען מיר אַלס ערשטע מדינה: פראַנקרייך פון יאָר 1945.

אין דעם פרייען פראַנקרייך, וועמעס פּרעזידענט אַמעריקע און, איבערהויפּט, ניו־יאָרק האָט אין יענע טעג אויפגענומען בחצוצרות וקול שופר, קענען אידן ניט משיג זיין דעם זינלאָזן זין פון ניט קענען זיין דער בעל־חשבון איבער כלומרשט אייגענעם האָב־און־גוטס. אין פּאַריז און אין אַנדערע פראַנצויזישע שטעט גייען אַרום אידן איבער די גאַסן און סקווערן און ווערן ניט מיד דעקלאַמירנדיק די פיין־פראַזירטע דעקלאַראַציעס און די מיט גרענעצלאָזער אידן־ליבע אָנגעפילטע הבטחות וואָס די פראַנצויזישע גלות־רעגירונגען אין לאָנדאָן און אין אַלזשיר זייַנען אָט־נעכטן־ערשט גנעדיק געווען מיט אַזוי פיל פּאַראַד און גראַציע אונטערטראָגן צו די אידן. גייען אידן איבער די פראַנצויזישע גאַסן און סקווערן, זעען זיי כלערליי געשעפטן זייערע, זייערע, אָבער נאָענט צו־גיין אַפילו צו זייערע געשעפטן קענען זיי ניט, טאָרן זיי ניט צוליב דער־ליקאָטע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון. און נאָכן אומשמאַיען אַזוינע שווערע, לאַנגע און מידע שעהן איבער די אַמאָל־נאָענטע און איצטיק־פרעמד־אַנשרעקנדיקע גאַסן און סקווערן ווילט זיך שוין אַריינגיין אין די אייגענע, אַזוי־גוט־באַקאַנט און־פאַרשריבענע איי־גענע היימען — ערשט זיי זיינען גאָר באַהויכט און באַרינגלט פון אַזוינע אומזעבאַרע הויכע און דיקע פּלויטן אויף פּלויטן — אַזוי אַז דו פאַר־לירסט ניט נאָר דעם זין פון חשבון, — נאָר דו פאַרלירסט דעם זין פון מינדסטן וועלן זיין אין אַ וועלט פון אַזעלכע גאַסן און סקווערן און פּלויטן.

אין עסטרייך וואָס האָט געהאַט אַ אידישע באַפעלקערונג פון קרוב צו 250 טויזנט איז איצט דאָ אַ זכר לחורבן, אַרום דריי טויזנט, מער־סטענס עלטערע אידן, סקעלעטן. ווי פרייגיביק און לוסטיק אידן האָבן דאָס צוגעטראָגן צו דער שטאָט ווין—צו באַרעכטיקן איר דעם נאָמען און איר רום! ווי זייפנבלאָזן האָבן איצט געפּלאַצט אַלע זייערע חלומות, אַלע זייערע געבויען און אַלע זייערע חשבונות. ווי שאָטנס סילועטירן זיי, די שיריים פון עסטרייכישן אידנטום, איבער די חורבות פון זייערע

יוגנט־טרזימען און האָבן נאָר איין וואונטש, איין חשבון: צו אַנטלויפן, צו פאַרשווינדן.

רומעניע, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהויזט אַרום אַ מיליאָן פון אַחינו בני ישראל, קענען אידן דאָרט נאָך אַלץ קיין מנוחה ניט געפינען. דעם 9 אויגוסט, 1945, האָבן מיר געלייענט איינעם פון זייערע דעקרעטן וועגן אידן, איינגעהילט אין דיפּלאָמאַטישער פראַזעאָלאָגיע — אַ נייעס אין דעם לעבן פון פּשוטן פּויערים פאָלק! דער דעקרעט וויל, הייסט עס, זיין אידן־פריינטלעך. אָבער וואָס זאָגט ער? „עס ווערט פאַרבאָטן אויסצופרעגן אַ רומענישן בירגער וועגן זיין אָפּשטאַם און צו נוצן דעם דאָזיקן טערמין אין אַן עפנטלעכן דאָקומענט. אין דער זעלבער צייט דערקלערט דער דעקרעט, אַז יעדער איינער קען זיך פריי האַלטן ביי זיין נאַציאָנאַליטעט און ריידן זיין מוטער־שפּראַך. עס ווערט אויך פאַר־באָטן צו שטעלן פראַגעס וועגן אָפּשטאַם צו פּערזאָנען, וואָס זוכן אַר־בעט און צו באַליידיקן איינעם אויף דעם גרונט פון ראַסע אָדער רע־ליגיע. פאַר פאַרלעצן די דאָזיקע פאַרבאָטן ווערט מען באַשטראָפט מיט טורמע".

דער אידישער יחיד ווערט דאָ געשטעלט אונטערן שוץ פון דער מלוכה. אָבער וואו איז דער נאַציאָנאַלער אידישער אינטערעס? וואו זיינען די נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן־רעכט פאַר אונז, ווי פאַר אַלע אַנדע־רע מינדערהייט־נאַציעס?

אַ נאָך־ערגערן דעקרעט האָבן מיר געהערט אַ טאָג שפּעטער, דעם 10טן אויגוסט, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, פון איינעם פון אונזער ערשטן מנין איינגעשוואָרענע און אין כלערליי גאָלדענע ביכער־איינגעשריבענע חסידי אומות העולם, פּרעזידענט בענעש פון טשעכאָסלאָוואַקיע:

„איך בין שטענדיק געווען אַ פריינט פון ציוניזם. די גרינדונג פון אַ אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אַלע פעלקער. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ טראַגישע, אָבער, לײדער, אומפאַר־מיידלעכע(!) געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, וואָס וועט ניט פאַרשווינדן, ביז עס וועט ניט זיין קיין אידיש לאַנד, וואָס וועט געבן בירגערשאַפט צו אַלע אידן. עס וואָלט געווען שווער אַריבערצופירן אַהין אַלע אידן. דאָס קען אָבער אָמווייניקסטן געטאָן ווערן פאַר די אידן פון אייראָפּע..."

דער קאָפּ פון דער יונגער דעמאָקראַטישער מדינה, גאַלאָפּירט, אַ באַרוישט־באַטרונקענער, אויפן פערדל פון כלומרשטן אהבת־ציון און בייטשט אַלע, אַלע אידן אַרויס פון אייראָפּע!

אין פּוילן האָבן דאָך אידן זיכער געבויט בנינים עד עולמי עד. פון

די דריי מיליאָן מיט 600 טויזנט אידישע נפשות פון פאַר דער מלחמה זיינען איצט דאָ אין פוילן פון 100 טויזנט ביז 130 טויזנט. און איבער אַט־די אידן, איבער יעדן איינעם פון זיי, הענגט די האַק פון אַ געהיימער פויליש־כוליגאַנישער אָרגאַניזאַציע — וואָס האָט אויפגעהאַנגען פרעך איר פּאָגראָם־לאָזונג: אויסצוהרגענען יעדן איינעם פון די אידן אויף פוילישער ערד. 150 אידישע קרבנות האָט מען שוין אָפּגעציילט אין די ערשטע וואָכן וואָס נאָך דער מלחמה.

אַ שטיקל אומדערוואַרטעטער אויסנאַם איז איטאַליע און אירע שכנים — גריכנלאַנד און יוגאָסלאַוויע. יעדער כלל מוז דאָך האָבן זיין יוצא מן הכלל. און איטאַליע אַקצענטירט דעם כלל, דעם אויסגעהאַל־טענעם כלל פון דער אידישער דאָליע אין אייראָפּע.

ווען דער טרויעריק־באַרימטער „אַרישער מאַניפעסט", איז מצד דעם דוטשע אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 14־טן יולי, 1938, אַז „די אידן געהערן ניט צו דער איטאַליענישער ראַסע" האָט דאָס שוין דאָן ניט געשמעקט די מערסטע איטאַליענער. אין גאַנץ איטאַליע זיינען דאַן נאָר געווען 58 טויזנט אידן פון אַ באַפעלקערונג פון 44 מיליאָן. אין גאַנץ סיציליע זיינען נאָר געווען 4 אידן. די אידן אין איטאַליע זיינען קיינמאָל ניט געווען גענוג איינפלוסריך פּאָליטיש אָדער מעכטיק פּי־נאַנציעל, אַז זיי זאָלן אויפרייסן די אויגן. די איטאַליענער האָבן זיי באַטראַכט מיט סימפּאַטיע ווי אַ באַזונדערע רעליגיעזע גרופּע, וועלכע דאַרף האָבן, נאַטירלעכערוויז, די פרייהייט פון גלויבן און געוויסן. אונ־טערן אָנטשיידענעם דרוק פון די נאַציס זיינען אין 1943 דעפּאָרטירט געוואָרן 2,000 אידן, פון וועלכער צאָל אַ העלפט האָט זיך איצט אָפּגע־זוכט.

דאָס פאָלק האָט, אָבער, געפילט, אַז דער אַנטיסעמיטישער ספּעק־טאַקל אין איטאַליע איז אָפּגעשפּילט געוואָרן פון דרויסנדיקער רעזשי און מיט פרעמדע הענט. און אין דעם איין יאָר, זינט איטאַליע איז באַ־פרייט געוואָרן, איז כמעט קיין שמץ פון אַנטיסעמיטיזם ניט געבליבן דאָרט.

אויך זיינען די פּערספּעקטיוון פאַר די אידן אין יוגאָסלאַוויע פיל העלערע, אַ דאַנק דעם געזונטן איינפלוס פון מאַרשאַל טיטאָ, וועלכער ווייסט דעם גרויסן פּראָצענט פון פּאַרטיזאַנען וואָס אידן האָבן צוגע־שטעלט צו זיינע קעמפערישע מחנות און וואו אַ סך פון זיי זיינען טאַקע געפאַלן אין שלאַכט. פון 75 טויזנט פון פאַר דער מלחמה איז איצט דאָ אין יוגאָסלאַוויע ניט מער ווי 5 טויזנט. ענלעך איז די לאַגע פון די אידן אין גריכנלאַנד.

דער־אָ יוצא מן הכלל, ווי געזאָגט, שטרייכט אונטער דעם כלל, דעם גרוי־גרויליקן כלל פון אידישער באַדנלאָזיקייט, פון הײמלאָזי־קייט, פון אַ פאָלק וואָס לעבט, על פי נסים, אָן אַ פּלאַן, און אָן אַ חשבון.

ד

די אידן, וועמען דער גורל האָט דערפירט צום לעבן, צום ספר־החיים צווישן די פעלקער פון דער וועלט, שטייען איצט פאַר דעם היסטאָ־רישן שיידוועג: פאַרצוזעצן זייער ביז־איצטיקן, איינעגוואוינטן און איינגעהיימישטן און קאָמפּאַרטאַבעלן סדר העולם און סדר החיים, וועל־כער וועג מוז פירן צו פאַרשווינדונג, אָדער זען צו פאַרנעמען זיך אויף אַ נייעם דרך — אויפן וועג וואָס פירט צו זיך, צו זעלבסט־איבערבוי, צו זעלבסט־פאַרטיפונג. אַ וועג וואָס פירט צו גייסטיקער אידישער מאָביליזאַציע, דער וועג צו קיום האומה.

דאָס אַנזאַמל פון מאַטעריעלע גיטער, דאָס אויפטורעמען פון די העכסטע פיזישע בנינים — וואָס איז פון דעם געוואָרן? כחלום יעוף! אין 15 ביליאָן מאַרקן האָט זיך געשאַצט דער פאַרמעגן פון דעם דייטשן אידנטום. איצט דרייען זיך אַרום די מיט־נסים־לעבן־געבליבענע אידן אין דייטשלאַנד, אונטערן שוץ פון אַמעריקאַנער פאַן, און קענען ניט אַוועקלייגן אַ האַנט אויף קיין איין־איינציקן ציגל פון די אַלע חורבות. אין די „אויגן" פון געזעץ זיינען זיי דייטשן. זיי ווילן צוריקקריגן זייער קאָנפיסקירטן פאַרמעגן? דאַרפן זיי וואַרטן אויפן אויפשטעל פון די ספּעציעלע אַדמיניסטראַטיווע און יורידישע מאַשינעריעס. און דאָס וועט דויערן היפשע מאָנאַטן, אויב ניט קיין יאָרן.

אָט איז אַ סך־הכל פון בנינים און שלעסער — פון פיזישער גבורה, פון חומר — פאַרן חומר.

ה

לאָמיר אויפהערן בויען לופט־שלעסער פון ליים און ציגל און אייזן. אין די צענדליקער מיליאָנען זיינען אָט־די לופט־שלעסער אָט־ערשט פאַר אונזערע אויגן צעפּולווערט און צעפּיצלט געוואָרן.

איינשטיינס איין געטלעכער בליק איז לאַנד געוואָרן פאַר נייער וועלט פון גייסט און גוטס און שיינס.

אין שיין פון אָט־דער נייער וועלט לאָמיר אויפשטעלן אונזערע העלע, פּשוטע, לייוונטענעביידלעך.

לאָמיר, מיט געוואַשענע הענט, מיט גערייניקטע לייבער און מיט גערואיקטע געמיטער זיך דערנעענטערן איד־מענטש צו איד־מענטש, פאַרוואָרפן פעסטן בריק פון וואָרט־פריינטשאַפט צווישן איין לייוונט־ביידל און אַ צווייטן, און אַזוי אַרום אַ נייע, אַ געפרישטע אידישע אומה נעמען קרעפטיקן.

לאָמיר פאַרטרייבן די שדימדיקע שנאה וואָס האָט זיך אַריינגע־פרעסן אין אונזער גוף און האָט פאַרסמט אונזער גייסט און אונזער נשמה.

די שנאה ווען פאַרטריבן פון אונזערע לאַגערן וועט זיין איינע פון אונזערע הויפּט געווערן צו שיצן זיך קעגן אַנגרייפער און אַריינ־דרינגער.

ז

ווי אין די טעג פון מתתיהו כהן גדול און זיינע זין, ווען מלכות יון איז אויף זיי אויפגעשטאַנען און האָט געוואָלט ביי זיי אַוועק־נעמען די ליבע צו זייער תורה און צו זייער פאָלק. פון איין זייט — די שטאַרקע ליבע צום פאָלק און — די שטאַרקע שנאה צום אַריינ־דרינגער. די הייסע צוגעבונדנקייט צום פאָלק האָט אים כוח געגעבן צו קענען אונטערנעמען אַ שנאה־אָפענסיווע קעגן יעדן אַנ־גרייפער אויף אידישע פּאָזיציעס.

די גליאיקע פיילן פון האָס וואָס מיר זיינען תמיד גרייט געווען צו וואַרפן אין לאַגער פון אונזערע שונאים האָבן אונז פונקט אַזוי געגערט און אונז שטאַרק געמאַכט אַלס אַן אומה ווי די קוואַליקע ליבע צו אונ־זער פאָלק.

מיטן אויפגעבן פון איין קאַמף־פּאָזיציע פאַר נאַציאָנאַלן קיום — די שנאה צום לויערנדיקן שונא אונזערן — האָט ביי אונז אין פאַרשיי־דענע פעריאָדן פון אונזער גלאָררייכער געשיכטע אַוועקגענומען גאָר היפשע קרבנות. זינט די טעג פון די צדוקים, ביז צו דער יאַהודימשער רעפאָרם־באַוועגונג אין מערב־איירָאָפּע אין סוף ניינצנטן יאָרהונדערט און צו די הוררראַ־רררעוואָלוציאָנערע און אַסימילאַטאָריש־אינטערנאַ־ציאָנאַליסטישע באַוועגונגען אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס פון די אַנגלאַ־זאַקסישע לענדער פאַר די לעצטע דריי דורות — אין אַט־די אַלע פעריאָדן פון אונזער געשיכטע האָבן מיר מיט בלוט באַצאָלט פאַר פאַ־טאַלן טעות — פון אַוועקשליידערן אַזוי לייכטזיניק די שנאה־געווער און איבערלאָזן דעם קיום פון גאַנצן פאָלקס־גוף אויף איין פוס און אויף איין האַנט.

וואָס איז דאָן געשען מיט דעם רעזערוו פון פאָלקס שנאה? אַנשטאָט קאַנאַליזירן די פײַלן פון האַס קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא, זיינען זיי פאַרקירעוועט געוואָרן אויף די אידישע גאַסן און געסלעך, ביז ס'האָט זיך אויפגעשטעלט איין אידישע האַס־פּאָזיציע קעגן אַן אַנדערער אידי־שער האַס־פּאָזיציע; איין אידישער שונא קעגן אַן אַנדערן ברודער־שונא, ביז דער פאַרניכטנדיקער וואָרים פון שנאה און קנאה האָט ניט וויניק צעפרעסן דעם אידישן גוף, אויסגעזויגן פון אים די נאַציאָנאַלע זאַפטן און געלאָזן אים אַ ווידערשטאַנדלאָזן קעגן מינדסטן אַנגרייפער. אַ וואונדער וואָס קוים איין וואָרשע האָבן מיר צונויפגעקליבן כוחות צו קענען געבן דעם דייטשישן טייוול כאָטש איין־איינציקן ווירדיקן אידישן ווידערשטאַנד ? !

ז

אויב, אָבער, בעת דער מלחמה האָבן די טייוולשע דייטשן אונז געפונען אין אַ צושטאַנד פון כצאן לטבח און האָבן מיליאָנען צוי־ווילע בירגער, קינדער, פרויען און זקנים פון אונזער פאָלק אומגע־בראַכט בלויז דערפאַר וואָס זיי האָבן אַנגעהערט צו דער אידישער ראַסע — אויב זיי אַלע האָבן זיך ניט געקענט ווערן, מיינט עס דען ניט אַז זיי האָבן צו אונז, לעבן־געבליבענע אידן אין אונזער גאָרער צעשפּרייטקייט, אויף די פליגלען פון ווינט, ניט איבערגעגעבן די צוואה פון גאולת הדם ? דאָס איז דאָך געווען די איינציקע און לעצטע תפילה אויף זייערע אויסגעצערטע ליפּן מיט וועלכער זיי האָבן פאַר־ענדיקט זייער לעצטן לעבן־צאַפּל.

— גאולת הדם! — דאַרף ווערן דער צענטראַלער אַדרעס, וואוהין יעדער באַוואוסטזיניקער איד דאַרף, מהיום והלאה, צילן זיינע בליקן פון האַס און פאַראַכטונג.

זאָל פאַרטריבן ווערן דער האַס פון איד צו איד אין אונזער לאַגער און זאָלן די שנאה־פײַלן אַנגעשפּיזט ווערן וואו זיי געהערן. דעמאָס־קירן דעם דייטש, נאָכפאָלגן אים, לויערן איבער אים, אַרויסשטעלן אים אין זיין געהעריקער ליכט, אַנשטעלן אויף אים דעם פּראָזשעקטאָר, אַזוי אַז אַלע זאָלן דערזען אַז דאָס איז דער אָפּפאַל־שטאָף פון דער מענטש־הייט — דאָס איז די טאָג־טעגלעכע עובדא פון יעדן אידן וואָס איז ראוי צו טראָגן אויף זיך דעם אָפּשטראַל פון צלם אלהים.

די מיליטעריש־שטאַרק־געוואָרענע דייטשלאַנד האָט צוזאַמען מיט

איר עקאָנאָמישער אויסשפּרייטונג „פאַרקויפט“ דער וועלט די גרויס־קייט פון דער דייטשער קולטור. אַט־דעם שווינדל דאַרף מען אויפ־קלערן. אַלע מאַטעריאַלן וועגן דייטשישן שווינדל דאַרפן געזאַמלט און פאַרעפנטלעכט ווערן. מיר דאַרפן ניט מיד ווערן פון ריידן און וואָרענען וועגן דעם. אַט ליגן פאַר מיר אויסצוגן פון באַקונינס אַ בוך, געדרוקט מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק, אויסצוגן וואָס זיינען פּריש ווי זיי וואָלטן היינט־נעכטן געשריבן ווערן. דאָס בוך הייסט: „די דייטש־גערמאַנישע אימפּעריע און די סאָציאַלע פראַגע“ און געשריבן האָט אים דער באַרימטער אַנאַרכיסט מיכאַאיל באַקונין. אַט איז אַ שטעלע וואו באַקונין באַגרינדעט די רעאַקציאָנערישקייט פון די דייטשן:

„די שקלאַפעריי, פאַרברעכנס און שאַנדע פון דייטשלאַנד זיינען דער פּראָדוקט פון פיר גרויסע היסטאָרישע סיבות: פון דעם מאָדערנעם פּריצישן פעאָדאַליזם פון דייטשלאַנד, וואָס איז ניט פאַרניכטעט געוואָרן ווי אין פראַנקרייך, נאָר וואָס איז דערלויבט געוואָרן צו פאַרבלייבן ווי אַ טייל פון געזעלשאַפטלעכן סדר; פון דעם קעניגלעכן אַבסאָלוטיזם וואָס איז סאַנקציאָנירט געוואָרן פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך; פון דעם שטאַרקן, שקלאַפן־געפיל פון דער דייטשער בורזשואַזיע, און פון דער אומדערשעפלעכער געדולד פון פאָלק.

„עס האָט זיך ביי דער דייטשער בורזשואַזיע איינגעוואָרצלט אַן אָבערגלויבערישער גלויבן אין דער אַלמאַכט פון שטאַט, און דאָס האָט געבראַכט צו דער פעסטער געוואוינהייט צו פאָלגן און אונטערוואַרפן זיך. די דייטשע בורזשואַזיע קען ניט לעבן אָן אַ האַר, זי מוז וועמען עס איז אַכטן, פאַרגעטערן, פאָלגן. דערפאַר איז עס ניט די נויטווענ־דיקייט צו אונטערוואַרפן זיך צו אַ האַר וואָס רופט אַרויס די אומצו־פרידנקייט פונם דייטשן בירגער, מחמת דאָס איז ביי אים אַ געוואוינהייט, עס איז זיין צווייטע נאַטור, זיין רעליגיע, זיין תאווה; זיין אומצופרידנ־קייט ווערט אַרויסגערופן פון דער שוואַכקייט, אומבאַדייטנדיקייט פון דעם צו וועמען ער דאַרף זיך אונטערוואַרפן. דער דייטשער בורזשוי פאַרמאָגט אין דער גרעסטער מאָס דעם שטאָלץ פון אַלע לאַקייען, וואָס נעמען זיך איבער מיט גרויסקייט, ריינקייט און מאַכט פון זייער האַר...

„די דייטשע בורזשואַזיע האָט קיינמאָל ניט ליב געהאַט, ניט פאַר־שטאַנען און ניט געוואָלט קיין פרייהייט. זי לעבט אין איר שקלאַפעריי, אַ רואיקע און גליקלעכע, ווי אַ מויז אין קעז און פאַרלאַנגט בלויז אַז דער קעז זאָל זיין אַ גרויסער. זי וויל זיך פילן אונטער דער האַנט פון אַ מעכ־

טיקן האַר מעג ער זיין אַ גראַביונגישער און ברוטאַלער דעספּאָט, אַבי ער קען זי באַלוינען פאַר איר שקלאַפעריי מיט נאַציאָנאַלער גרויסקייט, ווי זי פאַרשפרייט עס, אַבי ער קען מאַכן ציטערן אַלע פעלקער אַריינגערעכנט דאָס דייטשע פאָלק גופא, אין דעם נאָמען פון דער דייטשער „ציווויליזאַציע״... די גוטע דייטשע בירגער האָבן זיך געפילט קליין, מבוזהדיק, געמיין־קריכעריש קעגן די חוצפהדיקע פריצים און זיי האָבן זיך ווי אמתע קנעכט געבוקט צו אַלץ וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ הערשנדיקע מאַכט; זיי זיינען אָבער געווען אין העכסטן גראַד גרויזאַם און פול מיט שנאה און פאַראַכטונג צו אַ שוואַכער און באַזיגטער באַפעלקערונג״.

און ווער איז דער דייטשישער אַדל, לויט באַקונינען?

„די קעניגלעכע הויז און דער גאַנצער אַדל פון דייטשלאַנד, אין קעגנזאַץ צו דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, האָבן זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט דעם פעלן פון פּאָליטישן טאַקט און שכל. דער דייטשער פריצים־קלאַס איז געווען אַ חברה פון ברוטאַלע רוצחים — טעמפּ, אומוויסנדיק, איבערגעגעבן צו בלוטיקע מלחמות, צו רויב, אויסגעלאַסנקייט און דער באַפרידיקונג פון די נידעריקסטע תאוות.״

דאָס זעלבע וואָרנען דאַרף אויך גיין וועגן דער שעדלעכער דייטשישער פילאָזאָפיע. די נאַצי־טעאָרעטיקער, מיט אַלפרעד ראָזענבערגן בראש האָבן פּראָקלאַמירט ניטשען פאַר זייער רבין, פאַר זייער נביא. אין זיין בוך „דער מיטאָס דאָס 20סטע יאָרהונדערט״, באַווייזט דער צעקריפּלטער נאַצי־פילאָזאָף ראָזענבערג אַז ניטשע איז געווען דער אָנזאָגער פון דעם נאַציזם און פון היטלעריזם אַלס זיין משיח. און ווי חכמהעט זיך ניטשע?

1. „איר זאָלט ליב האָבן דעם שלום ווי אַ מיטל צו נייע מלחמות״.
2. „קריג און קוראַזש האָבן אויפגעטאָן מער גוטע זאַכן ווי ליבע צום אַנדערן״.
3. „די נאַטור לערנט אונז אַז דער מעכטיקער איז דער גערעכטער״.

אַט־די ליניע פון אונטערזוכונג און רעוויזיע דאַרף גיין אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער אַזוי־גערופענער און רייך־מעסיק אַדוועטייזטער דייטשישער קונסט, פון דעם גראַנד־אַנטיסעמיטס וואַגנערס מוזיק וואָס פאַרהערלאַכט ברוטאַלע מאַכט ביז די ווייסטע ווערק פון די „האָרסט־וועסל״־„דיכטער״...

ח

דאָס וואָס דייטשלאַנד און דייטשטום ווערן ביי אונז וואונדיק פאַרבונדן מיט אַל־דאָס־בייז, מיט שטאַמיקער רשעות קען דאָס ניט מיינען אַז ס׳איז אַן אויסשליסלעכער אידישער ענין. קיין אידישער ענין קען ניט שאַרף סעפּאַרירט און איזאָלירט ווערן. קיין פאָלק, די מעכטיקסטע פון די מאַכטיקע קען זיך ניט אָפּגטן פון דער וועלט. אונזער געבענטשטע אַמעריקע האָט געמוזט אויפגעבן איר איזאָלאַציע־פּאָליטיק און פּראַקטיק.

אין דער צוויי־טויזנט־יעריקער אידישער עקסטאַריטאָריאַליטעט, וואָס האָט געלייגט איר אַנדערשדיקן שטעמפּל אויף אונזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָרגאַניזם און וואָס האָט אויסגעקריצט אירע אייגנאַרטיקע קאַרבן אויף אונזער נאַציאָנאַלער פּסיכיק, האָט אונז אַוועקגעשטעלט אין אַ כמו־גורלדיקער פּאָזיציע צו ווערן דער עמפּינדלעכער באַראָמע־טער פון די גראַנד־געשעענישן פון דער וועלט. אַלץ, אַלץ, בכן און דאַרום און דעריבער — לאָמיר עס איינקנעלן מיט די ניט־אידישע מחנות — וואָס אונזערע תמיד־אָנגעשפּיזטע אויערן טוען־טאָן אויפ־כאַפּן איז עס געזונטע, געבענטשטע וואָרנונג פאַר דער וועלט; אַלץ, אַלץ, אַלץ וואָס אונזערע געאיבטע אויגן טוען דערבליקן איז עס וויזיע פאַר דער וועלט.

דעם עכאָ פון די ערשטע שמוגל־טריט פון די נאַצי־קרימינאַלני־קעס האָבן אונזערע וואַכזאַמע אויערן אויגנבליקלעך פאַרנומען און מיר האָבן בליצאַרטיק רעגיסטרירט אונזער פּסיכישע רעאַקציע. די וועלט האָט, אין גולמעוואַטן צי אין אַכזורדיק־סאַנקציאָנירנדיקן צושטאַנד, ניט פאַרנומען אונזער קול און ניט געענטפערט אונזער רוף. אָט־דער גראָבער חטא האָט דער מענטשהייט צו גסיסה קאָנוואולסיעס דערפירט און האָט אַ גוטע העלפט פון איר פּלאַנעט צו חורבות אויף חורבות צעשטויבט — שוין נאָך די אַלע נסימדיקע גליקן, נצחונות און טריאומפן.

ט

מ׳יטן אַוועקשטעלן דייטשלאַנד הינטער גראַטעס איינמאָל פאַר אַלע מאָל — קען נאָך די וועלט גיט גיין שלאָפן רואיק. עס זיינען געווען גרויסע דרויסנדיקע כוחות וואָס האָבן גענערט די נאַצי־מאָנסטערס און עס זיינען געווען — און זיינען נאָך דאָ איצט אויך —

אַזעלכענע פאַרכאַפּ־און־צעטייל־און־הערש אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן באַזעלט און אינספּירירט אַט־די נאָבעלע כוחות צו ריכטן אַהין און אַהין די גיפטיקע נאָרונג.

אין די זיגרייכע און די באַזיגטע פעלקער צוגלייך ווייסט מען די „אינטערעסן״־גרופּן און די „הערש״ און „מאַכט״ גרופּן, וואָס האָבן, אַזוי פלייסיק, אונטערגעטריבן זייערע מדינות צו ווערן מיטצינדער און מיטזינדער אין דעם איצטיקן וועלט־חורבן.

אין ענגלאַנד האָט דער מיטלקלאַס און דער אַרבעטער־קלאַס, ניט צונויפגערעדטערהייט, געשלאָסן יד אחת און האָבן אַרויסגעוואָרפן פון די מלוכה־שטולן אַלץ און אַלעמען מיטן מינדסטן חשד צו האָבן אַ האַנט אין דעם הימלשפּאַלטנדיקן „הכצעקתה״...

אין ניט איין לאַנד פון אונזער ערד־קוגל ווייען איצט העפטיקע תשובה־ווינטן. אין יאַפּאַן, אַפילו, רעדט מען שוין אין די אָפיציעלע קרייזן פון אַריינפירן אונטערן שוץ פון דעם זון־גאָט אַ נייע ממשלה ביי זיך אויף די יחוסדיקע אינזעלעך — אין גייסט פון די „נייע אידעען און די נייע געדאַנקען.״

אָבער צוזאַמען מיט די טרעגער פון די נייע אידייען און געדאַנקען הויערן אין אַלערליי נאָרעס פון דער ערדס יבשה טונקעלע פאַרשווינענע וועלכע וועבן אין דער פינצטער וויסטע מאַכינאַציעס אויף נייעם און פילייכט אַנטגילטיקן אומברענגג פון מענטש און וועלט.

טאָ זאָל געוואָרפן ווערן געהעריקע ליכט אין אַט־די אַלע נאָרעס און זאָלן די אַלע לויערנדיקע פּסיכאָפּאַטישע ברואים דעמאַסקירט ווערן און אָוועקגעשטעלט ווערן פאַר דעם שטול פון גערעכטיקייט.

דייטשלאַנד הינטער די גראַטעס און די אונטערוועלט פון די אַלע אַנדערע מדינות פאַר דעם שטרענגן שטול פון גערעכטיקייט — און ערשט דאַן וואָלט די וועלט געקענט רואיק גיין שלאָפן — ווען און אויב...

י

און אין די איצטיקע תשובה־טעג פון די אומות העולם, אין די טעג פון אַל־פעלקערלעכער רעכענונג, ווילן מיר שוין, איינ־איינוועגס, אויף די פליגלען פון דעם ווינט, אַרויפפליגן באַזונדערע תשובה־ווייען פאַר כמעט אַלע פעלקער פון דער וועלט פאַר זייערע האַרבע זינד לגבי די קינדער פון פאָלק ישראל.

ווייל די זינד זעט ניט אויס צו האָבן אויסגעשעפּט איר כוח. צו

דער אויסשלאַכטונג פון אַ דריטל פון אונזער פאָלק; פון דער טאָטאַלער אויסוואָרצלונג פון דעם קוואַליגן אידישן קולטור־לעבן אין אַלע זיינע פאַזן און מאַניפעסטאַציעס; פון דעם בוכשטעבלעכן אויסראָט און צע־פלינדער פון אַל־אידישן און יחידיש־אידישן פאַרמעג אין גאַנץ אייראָפּע כמעט — וועגן דעם אַלעם הערט מען כמעט קיין וואָרט ניט אויף די שטייפע און סטאַטעטשנע אַסיפות זייערע. דאָ און דאָרט גיט ווער אַ שטאַמל אַרויס אַ וואָרט אויף אונזער אַדרעס, נאָר צו נחת קומט עס ניט.

זאָל דאָס מעגלעך זיין, קען דאָס באַגרייפלעך זיין אַז אויך דאָס מאָל זאָלן עכטע תשובה־ווינטן ניט אַ צופּ־טאָן זייער האַרץ און זיי זאָלן, ענדלעך, זיך אויך ניט אַרומקוקן, מיט זייערע קריסטלעכע רחמנות־אויגן, אויף דער בידנער גערודפטער און פון זייערע אייגענע אַל־קאָ־ליריקע קריסטן־הענט געיאָגטער, אויסגעשעפּטער און צעפּייניקטער אידישער אומה ?

וועט די וועלט זיך אַרומקוקן אויף אונז און וועט האַלטן וואָרט— וועט זי דאַן, און ניט פריער, קענען שלאָפן רויק.

יא

ווי עס אידלט זיך — אַזוי קריסטלט זיך. ניט נאָר שטייט דאָס אידישע פאָלק אויף דעם שיידוועג, נאָר אויך די גרויסע ניט־אידישע וועלט דאַרף איצט וויילן צווישן דעם וועג פון גוטס און לעבן און דעם וועג פון שלעכטס און — אונטערגאַנג.

דאָס וואָס די מענטשהייט האָט זיך, אין איר טעמפּקייט און נאַריש־קייט, אַנטזאָגט אין משך פון טויזנטער יאָרן צו פאַרשטיין און אויספאָלגן די איינפאַכע גרויסע און מענטש־היילנדיקע רייד פון ישעיה הנביא וועגן אומבייטן דעם שווערד אויף אַן אַקעראייזן — וועט זי זיך איצט מוזן צוהערן צו די געבאָטן פון ישעיהס אַן אור־אייניקל — צו די רייד פון דעם נע־ונדניק אַלבערט איינשטיין.

אויפן באָדן פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע און מיט דער הילף פון די ליזאַ מייטנערס און די אָפּענהיימערס און אַלע אַנדערע אי־דישע און ניט־אידישע איינשטייניש תלמידים האָט מען זיך דערגרונ־טעוועט צו בוכשטעבלעכער געטלעכער קראַפט אין האַנט פון דעם מענטשן. וועט דער מענטש גאָט אין האַרצן האָבן קען ער מיט דער התגלות פון אָט דער געטלעכער קראַפט נייע וועלטן און נייע הימלען

באַשאַפֿן. דאָס גן־עדן־טרוימעריי פֿון די היימישע חדרים קען אַראָפּ־נידערן צו אַלעמען, אַלעמען אונטער גאָטס זון. ווערט זיך, אָבער, חלילה, דער טייוול אַריינכאַפּן אין האַרץ פֿון דעם מענטשן — דאַן וועט מענטש אין זיין טייוולאָנישן שפּיל אומברענגען זיך און די וועלט — מיט זיך.

איינשטיינס געטלעכער בליץ־געדאַנק איז לאַנד און באָדן און בריק געוואָרן פֿאַר נייער וועלט פֿון גייסט און גוטס און שיינס. זאָל די אי־דישע אומה, אונטער דער פֿאָן פֿון מדינת ישראל, זיין די ערשטע צו אַנטשיידן זיך אויפֿן שיידוועג און די איבעריקע וועלט וועט, האָפֿנט־לעך, ווי תמיד, אונז נאָכגיין.

די גוואַלדיקע פּאָטענצן פון אונזערע בלעטער און בלעטלעך

פונקט ווי מיר באַדויערן איצט די צוויי דורות אידן אין אַמעריקע וואָס זיינען אַזוי סקאַנדאַליעז פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן פאַר אידישער דערציאונג, פאַר נאַציאָנאַלע אידישע אינטערעסן בכלל — אַזוי וועט מען אַמאָל באַדויערן, באַדויערן און טאַדלען, די איצטיקע היטער פון פּאַפּירענעם בריק אונזערן וועלכע זיינען ניט געגוג, ווייט ניט געגוג, וואַך געשטאַנען אויף זייערע פּאָזיציעס.

און פונקט ווי מיט צוויי דורות צוריק האָבן די דעמאָלטדיקע היטער פון אונזערע נאַציאָנאַלע גיטער ניט געקענט, צי ניט געוואָלט, אָפּשאַצן די גוואַלדיקע אוצרות פון אידישן מענטשן־מאַטעריאַל אין אַמעריקע, אַזוי זיינען די שומרים פון איצטיקן דור אונזערן, די היטער פון פּאַפּירענעם בריק אונזערן — ווי מיט בלענדעניש געשלאָגן — ניט צו זען, ניט צו וויסן דעם מינדסטן טראָט ווי צו שטעלן.

מיט 40—50 יאָר צוריק האָבן פאַלשע נביאים אַריינגעבראַכט אין דעם קוואַליקן לעבן פון די דעמאָלטיקע בליענדיקע אידישע היימען ווילד־און־פרעמדע געטשקעס, במזיד, צי בשוגג, אַראָפּצופירן אידישע קינדער פון דעם דרך הישר אין נאָמען פון אויפגעבלאָזענע פראַזן־פּערדלעך — אין נאָמען פון אַליידנדיקער מענטשהייט, אין נאָמען פון אַן אויפן־ראַג־וואַרטנדיקער רעוואָלוציע, אין נאָמען פון פּלוניס און פלוניס קלאַסן־פּשטלעך און מאַסן־טעאָריעס און היינט־צו־טאָג, נאָך 50 יאָר פון ביטערע דערפאַרונגען מיט דער לאָקנ־דיקער בלאַנדינקע פריילין אַסימילאַציע, גייען די היטער פון אונזער איצטיקן פּאַפּירענעם בריק אין כמעט־די־זעלביקע אומפּאַר־זיכטיקע, שטרויכלענדיקע פוס־טריט פון אָט־יענע פאַלשע נביאים.

ווייסן די היטער פון אונזער פּאַפּירענעם בריק אויף וועלכער וועלט זיי און מיר געפינען זיך?

ערב. מיר זיינען ערב־אויפלעבונג ווי אַ פאָלק. מיר זיינען ערב־פאַרפעסטיקונג פון אַ לאַנד. מיר זיינען אין אַן ערב־צייט.

כדי צו וויסן ווי זיך איצט נוהג צו זיין דאַרף מען גוט, גוט געדענקען דעם כאַראַקטער פון אָט־דעם פּעריאָד, אין וועלכן די

השגחה האָט אונז אָװעקגעשטעלט צו פירן אַן אַך־און־ װיי־מעסיקן, אידישן קיום און דאָך ניט פאַרלירן דעם צלם־אלוהים, — און דאָך ניט פאַרגעסן צו טראָגן די אחריות פאַר דעם קיום פון גאַנצן פאָלק.

אין אָט־דער ערב־צייט געפינט זיך אונזער פאָלק װאָר־ניט־װאו אויפן פּאַפּירענעם בריק. ס׳איז באַקאַנט די לעגענדע פון דעם פּאַפּי־רענעם בריק. אָבער דאָ ריידן מיר פון אַ רעאַלן בריק, װאָס פאַרבינדט ממש די אידן פון אַלע ישובים, גיט זיי אַן אָנהאַלט אין לעבן און אַ זין און אַן אינהאַלט אין זייער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אָט־דער ניט־לעגענדאַרער בריק איז די פּאַפּירענע צייטונג־מלוכה — די אידישע — פון די ארבע פנות העולם.

ס׳איז צום גרויסן באַדויערן, און צום גרויסן נאַציאָנאַלן שאָדן, װאָס די היטער פון אונזער פּאַפּירענער מלוכה באַגרייפן ניט די װיכ־טיקייט פון זייערע פּאָסטנס, קענען זיי, דעריבער, ניט שפּילן די באַרופענע ראָליע זייערע און קענען זיך ניט דערהויבן צו דער הויך פון זייער שליחות.

די אידישע פּרעסע ביים היינטיקן טאָג — װאָס איז איר װיכ־טיקייט און װאָס איז איר באַרוף?

שוין איר עצם עקזיסטענץ גאַראַנטירט כמעט דעם קיום פון אונזער אומה אין דער גאָרער װעלט. אָבער, די פּרעסע האָט נאָך אַ גרעסערע עובדה דורכצופירן. חוץ איר אייגענער צאַפּלדיקער אידיש־קייט װאָס זי שטעלט מיט זיך פאָר איז זי דער גרויסער כוח אויף באַלעבן באַװעגונגען, אויף אַריינגעבן רוח־חיים אין די איינטריקנ־דיקע אידישע ביינער.

װען איר בלעטערט, אָבער, די היגע אידישע צייטונגען און זעט, גאַנץ אָפט, װי גאַנצענע קאָלומס פון אונזער צייטונגס־װעזן װערן אָװעקגעגעבן אויף זעלבסט־פאַרניכטונג, אין אויפרייצן איין צייטונג קעגן דער אַנדערער, אין אויפרייסן איין אידישע פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער פאַרשטייט איר פאַרװאָס דער לצ׳עװאָטער מלאך שטייט מן הצד און כיכיקעט דעם גרעסטן קלאָונישן געלעכטער.

עמיצער, אַ גרויער, אַן אומבאַקאַנטער האָט אַ מורמל געטאָן אַז די פּרעסע, די אידישע, איז אויפן װעג פון קייקלדיקן באַרג־אַראָפּ. האָט דאָס די פּרעסע אָנגענומען פאַר גוט־געלט און איר גאַנצע הנהגה איז װי פון אַ יורד.

װאָלטן, אָבער, מיט אידעאַליזם־באַזעלטע מענטשן געשטאַנען ביים רודער פון דעם צייטונגס־װעזן, דעם אידישן — װאָלטן זיי שוין

לאַנג געווען צעקלאַפּט אָט־דעם פראַנק־און־פריי־אַרומשפּאַצירנדיקן שקר אין אונזער לאַגער.

וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע פּאָטענצן ס׳זיינען נאָך היינט־צו־טאָג פאַראַן פאַר כלערליי אידישע בלעטער און בלעטלעך!

כדי, אָבער, אַז די נייע פּאָטענציעלע כוחות זאָלן נעמען שלאָגן מיט לעבן דאַרף אַ גרינטלעכע רעוויזיע דורכגעפירט ווערן פון די מעשים פון די בעלי־צייטונגען, — דאַרף מען די היטער פון אונזער פּאַפּירענעם בריק פרישע אמונה אַריינבלאָזן, דאַרף מען אויפהויבן די חשיבות פון דעם אידישן צייטונג־ווען בכלל אין זייערע אייגענע אויגן און איינרעזשיסירן מיט זיי די געהעריקע ראָליע וואָס דער־און־דער זאָל מיט ווירדע און מיט שטאָלץ נעמען שפּילן אין אָט־דער אויפגעלעבטער און קאָפּ־אויפגעהויבענער באַרוף־אַרבעט אין דער גרויסער און טראַגישער ערב־צייט פון דער קום־אויף־די־פיס־זיך־האַלטנדיקער אידישער אומה.

צום קלאַפּ פון אייגענער האַרץ

פאַר דעם ניכטער־דענקענדיקן אידן אין די איצטיקע טעג ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ קלערער אַז ער קען מער זיין גורל ניט אָנ־הענגען אויף פרעמדע שולטערן. אויב ער האָט ווען געהאָט די אילו־זיע פון פרעמדע אונטערשפּאַרנדיקע שולטערן איז זי אים אויפן ברוטאַלסטן אופן צעפּלאַצט געוואָרן. זיין אידעאָלאָגישער אָנשפּאַר אויף די אומות העולם איז געווען דער אָנשפּאַר פון דעם ביבלישן „קנה רצוץ״ — פון דעם צעבראָכענעם שטעקן. דער ניכטער־דענ־קענדיקער איד מוז איצט מאַכן אַ טאָטאַלע רעוויזיע אין זיין צוגיי צו די פעלקער פון דער וועלט — אויף וויפיל ער איז פון שיקזאַל אויסגעשטעלט צו רייבן עלנבויגנס מיט זיי.

כדי ער זאָל, אָבער, באַצייטנס זיך ראַטעווען פון אומפאַל אין זיין אָנשפּאַר אויף דעם „צעבראָכענעם שטעקן״ מוז ער זיין איי־גענעם גלייכגעוויכט צוריקגעווינען — מוז ער זיינע אייגענע שול־טערן אויסגלייכן. ער דאַרף ריטם געזונטן נעמען דערפילן אינם שטעל פון זיין אייגענעם טראָט און ער דאַרף מער און אָפטער זיך נעמען צוהערן צום קלאַפּ פון זיין אייגענער האַרץ.

אין אַ שמועס מיט אַ ניט־אידישן דיכטער אין אַמעריקע מיט יאָרן צוריק איז מיר אויסגעקומען אים צו זאָגן אַז יונג־אַמעריקע האָט אין דער אידישער שפּראַך אַרויסגעגעבן גרעסערע דיכטער ווי אין דעם ענגלישן לשון — ווי אין דער לאַנד־שפּראַך. בעת איך האָב דאָס אים דעמאָלט געזאָגט האָב איך אין מיין זאָג געגלויבט און איך בין אויך היינט גרייט אויפצוזנעמען אַ געפעכט וועגן דעם. איך האָב קיינמאָל זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט די אויפטו־אונגען פון די עברים, מיט דעם יחוס־בריוו פון די בני ישראל, מיט דער באַוואונדערנדיקער גבורה פון די מאַקאַבייער, מיט די אויגן־רייסערישע דערגרייכונגען פון די איצטיקע נעאָ־מאַקאַבייאישע ישראלים און מיט אונזער פאַראויסגייערשאַפט אין יעדן דור אויף אַלע געביטן כמעט פון וועלטס גייסטיקער טעטיקייט. מיין באַרעכ־טיקונג אויף אַ שטיקל הימל און אויף אַ שפּאַן ערד אונטער דעם הימל האָב איך תמיד געוואָלט באַרעכטיקן מיט יחוס פון מיין געגנ־

ווערטיקער אידישער גענעראַציע—אָפּגעזען פון אונזער קרוין־טראָ־
גערײ דורך די דורות.

כדי, אָבער, ווי געהעריק אומפאַסן די באַרג־שפּיצן פון אונ־
זערע גייסטיקע הויכן אין דעם געגנוואַרטיקן לעבן מוז דער ניכ־
טער־דענקענדיקער איד די נויטיקע פּערספּעקטיווע האָבן — ער מוז
קענען איינפאַסן דעם איצטיקן גאָלדענעם רינג פון אונזערע מעשים
טובים אין דער אַלגעמיינער גאָלדענער קייט פון אַ פינף־טויזנט־יע־
ריקער געשיכטע פון אידישע הערליכע־מעשים.

אַ שורה, אַ געזונט־אויפגעבויטע פון איצטיקן דיכטער, קען
ניט איזאָלירט ווערן פון דעם גרויסן אוצר פון אידישער קולטור.
די דאָזיקע געבענטשטע שורה וואָרצלט וואו אין מדרש און ציט
איר זאַפט פון דעם ים התלמוד. זי איז אידיאָמאַטיש פאַרבונדן
מיט די גראַנד־מייסטער פון די ביבלישע פּראָפעטן. זי איז פריי־
שער בלי אויפן בוים, מילגרוימיק געלאָדענעם, און איז באַפרוכ־
פערנדיקע בליט פון שורות אָנקומענדיקע אין דורות שפּעטער.

אָט פון די געזונטע אידישע שורות און שורהלעך דאַרף דער
איד, דער ניכטער־דענקענדיקער, שעפּן זיין אַל־זייטיקע נאַרונג. וואָס
מער ער וועט שעפּן נאַרונג פון זיין אייגענעם קוויקנדיקן קוואַל אַלץ
מער וועט פון אים פאַרשווינדן — און אַלץ גיכער — דער פון
גלות־לאַנגגן־אָנגעוואַקסענער האָרב פון שפלות־קאָמפּלעקס, דער בטול־
עצמו, אַלץ ווייניקער וועט ער אָנהאַלטן זיין פלירט מיט דער באַ־
שמינקטער פריילין אייראָפּע און אַלץ מער וועט ער זיך גענען שפּיג־
לען אין אייגענע ליטערע וואַסערן.

אין זיבן טעג

גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג. נאָך דעם זיבעטן טאָג — דעם טאָג פון רו — שאַפט זיך די וועלט איבער. און אַזוי וואָך־איין און אַזוי וואָך־אויס.

דער זיבעטער טאָג איז אין צווייען וויכטיק: ער איז 1) דער טאָג פון רו נאָך זעקס טעג פון מי און איז מיט דעם אַליין אַ בריק אויף די נאָכפאָלגנדיקע זעקס טעג. ער איז, אָבער, אויך 2) דער הויפּט־טאָג פון חשבון הנפש, פון רעוויזיע פון די פאַרגאַנגענע זעקס טעג, למען ידעון... מען זאָל פון די אָפּגעטאָנענע פעלערן פּרובירן מתקן זיין עטוואָס אויף להבא.

און ווי עס וועלטעוועט זיך אין אַלגעמיין, אַזוי וועלטעוועט זיך ביי אונז אויך. אויך דאָס אידישע לעבן איז אַ נסיעה פון וואָך צו וואָך. און אויף וויפיל די פּרעסע, די אידישע, איז אַ רעפלעקסיע פון דעם לעבן איז זי אויך אַ פון־וואָך־צו־וואָכיקע. זי מעג אַפילו דער־שיינען יעדן טאָג, מיט אַן עקסטרע פון צייט צו צייט. זי איז, אָבער, אַלץ אַ וועכנטלעכע. דער גאַנצער גייסט און כאַראַקטער פון דער טעגלעכער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע איז פון אַ „מעגעזין", פון אַ זשורנאַל. וויפיל זי זאָל זיך ניט בריהן צו ווערן ככל הגויים, מיט אַמעריקע צוגלייך — בלייבט זי היינטערשטעליק. ס'פעלט איר די גרינג־פיסיקייט פון אַ טאָג־בלאַט. די עמא־פזיזאַ'דיקייט פעלט לחלוטין אין דער פּרעסע. זי איז צו בכבודיק — ווי זי זאָל זיך ניט סטאַרען אונטערצושוונדעווען. זי איז צו־סטאַטעטשנע — ווי גרילציק עס זאָל ניט זיין איר כמו־פרעכער פלירט און לינקער־פלינקער וואונק מיטן אויג.

דערפאַר פילט זיך אַזוי היימיש דער „פון שבת־צו־שבת" אין דער מלוכה פון אונזערע קאָלומס. די הפטורה פון דער וואָך. די ערב־שבתדיקע טעאַטער־זייט. „די אידישע וואָך". די „אידישע אינ־טערעסן".

די טעגלעכע פּרעסע האָט נאָך דערצו די ספּעציעלע פאַרדינסטן וואָס זי האָט אַזוי פלייסיק געאַרבעט אַז פריער־שפּעטער זאָל זי אויך ק א ל ע נ ד א ר י ש ווערן אַ וואָכנבלאַט: מיט איר לייכט־

זיניקער באַציאונג צו דער אידישער שפּראַך. מיט איר איבערלאָזן אויף הפקר די אידישע יוגנט. מיט איר אַמאָליקער פרעמד־און קאַל־טער, און, שפּעטער, מהיכא־תיתאדיקער און איצט, לעבלעכער, באַ־ציאונג צום אידישן בוך, צום בעסערן אידישן זשורנאַל. מיט איר אייזיק־פּראַקטיקער באַציאונג צום נייעם אידישן שרייבער. אַזוי אַרום איז שוין כמעט באַשטימט דער גורל פון דער אידישער פּרעסע. זי איז אויף דעם זיכערן וועג פון דער אַלטערנאַטיווע: 1) אונטער־גאַנג אָדער 2) וואָכנבלאַט. אין פילאַדעלפיע איז אַרום 1940, דאַכט זיך, אַ אידישע טאָג־צייטונג אונטערגעגאַנגען און — האָט קיין כוח ניט געהאַט צו ווידערגעשטאַלטן זיך אין איר עכטן געשטאַלט פון — אַ וואָכנבלאַט. אין שיקאַגאָ האָט, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אַן אַנדערע אידישע טאָג־צייטונג, אין פּראָצעס פון אירע גסיסה־ווייען, לעבנס־קראַפט געוויזן און האָט נאָך אַ קיום פון 57 יאָר, געבומען דערשיינען אין אַ וועכנטלעכן טאַבלאָיד־פאָרמאַט.

דאָס „וואָכנבלאַט״, מיט דעם פאַרמעסטן זיך די לעצטע 6־5 יאָר צו דערשיינען יעדע זיבן טעג — חוץ די זומער־חדשים — און דאָס כסדרדיקער קוואַנטיטאַטיווער — אויב ניט קוואַליטאַטיווער — שטייגן פון אַט־דעם נסימדיקן בלאַט, — איז אויף דעם עכטן אידישלעכן דרך. ווער קען וואָגן צו פאַראויסזאָגן דעם אַחרית הימים פון אַזאַ — עניוות־אָן־אַ־זייט — איינציק־אַרטיקער אויסגאַבע און ווער וויל עס איש־תמים זיין צו וועלן דערבליקן דעם גורל־צייכן פון אַ געוואָגטער אי־דישער שריפט אינם ווייטן אין־סוף?

אַ שטאָט וואָס ווייזט דעם וועג

א.

אין מיין פּרואוו, ווי אַן אַמעריקאַנער איד, צו געפינען די שטרויכלשטיינער, וועלכע פאַרהאַלטן אָדער פאַרשווערן, די משיחישע טריט אויפן וועג פון אידישער גאולה, לאָז איך קיינמאָל פון האַנט און פון האַרץ נישט אַרויס דאָס בטחונדיקע לאַמטערנדל. אַמאָל פאַלט דער בלייכער שיין פון מיין פּאַפּירן לעמפּל אויף די עצמות היבשות פון דעם המון־עם, און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס פאָלק אַליין האָט בידים דערפירט צו דער איינדאַרונג פון זיינע ביינער; און אַמאָל פירט מיך דאָס אילוזאָרישע פלעמל צו די פּנימער פון די איצטיקע כמו־יחזקאלס, און עס הויבט מיר אָן אויסזען ווי די מידע פאַסטוכער האָבן פאַרלאָרן די שליטה איבער זייערע צעשראָקענע שעפּעלעך, וועלכע ווערן, אַזוי אַרום, אויסגעשטעלט צו גרויס געפאַר פון פאַרצוקונג.

אין יענע רגעס ווען דאָס אילוזאָרישע פלעמל־שיין פאַלט אויף די מידע פּנימער פון די איצטיקע כמו־יחזקאלס, וויל מיין פעדער אַריינגליטשן זיך אין ריטם פון מוסר־טאָן, און דאַן טוט זי טין־טאָן פאַרצייכענען אַט־די רייד:

ב

ווען דער יצר הרע פאַרזעצט זיך אויף וועמען — יפשפש במעשיו (עצה׳ווען אים די חז״ל, אַז ער זאָל זיך אַרומקוקן אויף זיינע מעשים), ד. ה. ער זאָל אויסלייגן זיין הנהגה אונטערן גלאָז פון קריטישן שפּאַקטיוו. דאָס נעמלעכע קען און זאָל אָנגעווענדט ווערן אויף אַ קאָלעקטיוו. ווען דער יצר הרע פון דער וועלט ווערט, ווי עס זעט אויס, ניט מיד פון פאַרוועבן נעצן אויף נעצן אויף די אויסגעדאַרטע גופים, די אידישע, דאָ און דאָרט — ועוד ידו נטויה, און נאָך איז זיין האַנט אויסגעשטרעקט, דאַן איז די העכסטע צייט פאַר די אידישע שאריתן צו אַוועקשטעלן זייערע קהלשע אַקציעס אונטערן מיקראָסקאָפּישן גלאָז.

אָט־דאָס דאַרף אין זינען האָבן יעדער איד בכל מקום שהוא און הויפּטזעכלעך טאָר עס אויף אַ רגע נישט פאַרלאָרן גיין פון באַ־וואוסטזיין ביי די וואָס זיצן אויף די קאָמפאָרטאַבעלע שטולן פון אידישער פירערשאַפט אין אַמעריקע.

נאָר אַזוי ווי — וועט דער דענקענדיקער לייענער טענהן — עס איז דאָך אַן אויבנאויפיקער ווידערשפּרוך: 1) קאָמפאָרטאַבעלע שטול און 2) פירערשאַפט וואָס איז ווערט דעם נאָמען, בלייבן מיר ביי דער אַלטערנאַטיווע: זאָלן מיר בלייבן ביי די איצטיקע פירער מיט זייערע צוגעשרויפטע קאָמפאָרטאַבעלע שטולן און פ אַ ר ל י ר ן ד אָ ס פ אָ ל ק דורך דעם, אָדער צונויפזאַמלען אין זיך דעם געהעריקן מוט און אָנווענדן דעם נויטיקן דרוק כדי די איינגעזעסענע פירער זאָלן אָ נ ט ש ר ו י פ ט ו ו ע ר ן פון זייערע חזקה־מעסיקע בענקלעך און ד אָ ס פ אָ ל ק ז אָ ל ג ע פ ו נ ע ן ו ו ע ר ן. אָט־דאָס איז די גרויסע אַלטערנאַטיווע פאַר דעם ע ר נ ס ט ן ט י י ל פון אַמעריקאַנער אידנטום.

וועגן אָט־דער אַלטערנאַטיווע הער איך ניט אויף צו טראַכטן און ווער ניט מיד וועגן דעם צו שרייבן. און דאָס פיינלעכע אַפילו פאַר אַזאַ אָפּטימיסט — ווי עס איז דער שרייבער פון די שורות — איז וואָס דער פּראָצעס פון אָ נ ט ש ר ו י פ ו נ ג איז נישט אַזאַ ל י י כ ט ־ ד ו ר כ פ י ר נ ד י ק ע ר. פאַרקערט, עס זעט מיר אויס, אַז ביי די קהלשע פאַסטוכער אונזערע וועט איר גיכער פועלן אַז מיר זאָלן זיך דאַרפן זעגענען מיט אונזערע פאָלק־שעפעלעך — ווי זיי זאָלן זיך דאַרפן שיידן מיט זייערע באַקוועמע פאָזיציעס — ב אַ ־ ק ו ו ע מ ע פ אָ ז י צ י ע ס ב י ים ר אַ נ ד פ ו ן פ אָ ל ק ס א ו נ ט ע ר ג אַ נ ג.

ג

א שליסל צו דער דילעמע האָט מיר, פונדעסטוועגן, אויסגעזען אַז איך האָב אין מיטן פון יאָר 1946 געפונען אין אַ ניו־דזשוירזיער שטעטעלע: עסבורי פּאַרק. ס'האָט זיך געמאַכט, אַז דעם אײדעלן און אידעאַליסטישן פירער פון אָט־דעם שטעטעלע (אַ איד וועמעס נאָמען פאַרדינט פרסום אַריבער די לאָקאַלע גרענעצן), זימעל רעזניק, זאָל זיך פאַרוועלן צו איינלאַדן מיך אַלס באַאָבאַכטער פון אַ פאַרבאַנד־ברענטש צוזאַמענקום, אויף וועלכן דער רב פון שטאָט, אַ געוועזענער

טשאַפּלעין אין דער אַרמיי, און דער געוועזענער פאַרזיצער פון אַט־דעם פאַרבאַנד־ברענטש האָט געזאָלט קריגן דעם אָפּיציעלן „ברוכים הבאים". האָב איך ביי דעם צוזאַמענקום געהאַט היפּש נחת וואָס דאָס גאַנצע שטעטעלע איז געקומען מקבל־פּנים זיין זייער געליבטן און הויך־געאַכטעטן רב. מיר איז דאָרט אויסגעקומען צו באַוואונדערן די ענער־גיע און די פעאיקייט פון דעם נעמלעכן רעזניקן — פון האָבן מאָבילי־זירט כמעט יעדן אידן פון שטעטל אַלס מיטגליד פון דעם דאָרטיקן ברענטש פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד — אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן. איך האָב דאָרט אויך פיל געלערנט פון דעם אופן ווי אַזוי יונג און אַלט איז געשמאַק אַריינגעצויגן אין די שלל טעטיקייטן פון ברענטש און ווי אַזוי ביידע שפּראַכן, אידיש און ענגליש, הויזן בשלום, טאָלערירן זיך אינם קעגנזייטיקן שפּיל פון השפּעה־פאַרגרעסערונג. אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס איך האָב אין עסבורי פּאַרק געפונען איז דעם נעמלעכן שליסל: דער רב וואָס איז 1) געוועזן אַוועק אַ צייט פון אַמעריקע און וואָס 2) האָט אין דער־זעלביקער צייט געריבן עלנבויגנס מיט דער שארית הפליטה האָט אַזוינע ווערטער געלאָזן פאַלן פון זיין מויל וואָס איך האָב עס גאָר זעלטן געהערט ביז איצט. ער האָט גערעדט צו זיי קעגן דעם עגל הזהב, האָט ברוטאַל־אָפן געוואָרנט וועגן דעם „בלעק־מאַרקעטיזם", האָט גערופן צו מענטש־איבערבויאונג און צו פילפאַכער אַחריות פאַרן פאָלק.

אויב ס'איז ניט קיין לייכטע עובדא פון אָפּרייסן די פירער פון זייערע בענקלעך — זאָל כאָטש געמאַכט ווערן, — האָב איך זיך געטראַכט, — די מאַקסימאַלע אָנשטרענגונג פון אָוועקשיקן אויף אַ יאָר־צוויי יעדן רב און יעדן היגן מנהיג אין די לאַגערן, אויף די גרעאַטן־אויפגייענדיקע פעלדער פון אידישע צרות, וועלן זיי, געלייטערטע, אפשר קומען צוריק און אָנהויבן רודערן ווי גייסטיק־אָפּגע־פרישטע, ווי באַרופענע פירער.

אַט־דאָס איז מיר קלאָר געוואָרן אין עסבורי פּאַרק — אַ זומער־פּונקט וואָס קען גענומען ווערן, אין פיל הינזיכטן, ווי אַ מוסטער פאַר די מער־איינגעזעסענע ישובים, דערפאַר טאָקע, ווייל דאָס גאַנצע שטעטעלע איז איין גרויס־קליינע פאַרבאַנד־אָרגאַניזאַציע.

ד.

איצט, פיר יאָר שפּעטער נאָך יענעם באַזוך, בין איך ווידער דער אָנגענעמער באַזוכער פון אַט־דעם מוסטערהאַפטן אידיש־

אַמעריקאַנישן שטעטל, אַ שטעטל צו וועלכן דאָס גאַנצע אידישע לאַנד אַמעריקע, פאַרטראַטן דורך 500 דעלעגאַטן צו דער 17־טער קאָנ־ווענשאַן פון אידיש. נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד האָט די טעג אַראָפּגענידערט צו זען מיט די אייגענע אויגן און צו הערן מיט די אייגענע אויערן די אַלע לעגענדאַרע זאַגאַכצן וואָס זיינען צעשפּרייט און מפורסם ווייט איבער די גרעניצן פון עסבורי פּאַרק, וואָס אין שטאַט ניו־דזשוירזי.

וואָס אַזוינס האָט טאַקע געוויזן דאָס שטעטעלע, וואָס עס צינדט אַזוי די פאַנטאַזיע פון אַן אַנשי שלומינוניק? — אַז די פראַזע „אחינו כל בית ישראל" איז דאָרט באַלעבט מיט אינהאַלט און איז געלאָדן מיט וואָג פון גאָלד. אָט־די פראַזע, פאַרוועלטלעכט און פאַרמאָרדעניזירט, האָט זיך אויסגעצירט אין דעם נייעם לבוש פון „אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד", וואו יעדער איינוואוינער פון שטעטל איז אַ בכבודיקער מיטגליד, אַ באַלעבנדיקער בירגער, און אַ פליייש־און־בלוטיקער חבר. דער אירלענדישער מעיאָר פון שטעטל — וואו עס הויזן אויך 15 טויזנט ניט־אידן — באַגריסט יעדן אידישן בירגער פון עסבורי פּאַרק מיט אַ נאַטירלעך־אויסריידנדיקן „חבר" און די סענאַטאָרן פון שטאַט ניו־דזשורזי רעדן אַרויס דאָס וואָרט „פאַרבאַנד" מיט עכט־אידישן אַקצענט.

דאָס שטעטל אָטעמט פאַרבאַנד־לופט יעדע שעה און יעדע רגע מחוץ די אָפיציעלע מיטינגען. אָבער אויך דער מיטינג פון דעם עסבורי פּאַרק יהואָש ברענטש 150 א. נ. א. פ. איז ניט קיין אָפּקור־מעניש; דאָ צאָלט ניט ווער־וועמען קיין צינזן; מ'דערפילט דאָ ניט קיין פליכטן, קיין אָבליגאַציעס. עס איז דער יום־טוב פון שטעטל, צו וועלכן מען גרייט זיך, און צו וועלכן מען קוקט אַ ר ו י ס. מען קומט דאָ זעטיקן די נשמה און זיך לייטערן בזיו השכינה. צי דאָס איז דער יובל פון אַ אידישן שרייבער, צי די פייערונג פון אַ וויכטיקער דאַטע אין דער אידישער געשיכטע — מען גייט אַוועק פון מיטינג באַרייכערטע און דערהויבענע.

אַלע געשעפטן פון ברענטש — ד. ה. פון שטאָט — ווערן דורכגעפירט פון דעם עקזעקוטיוו־פערסאָנעל. און די געשעפטן זיינען היפשע און פאַרשידנאַרטיקע: אַלגעמיין־שטאַטישע און אידיש־שטאַטישע; פאָליטישע און ציווילע; פראַגן פון פרנסה און דעליקאַטע ענינים פון שלום בית. דאָ ווערן חברים ד ע ר צ ו י ג ן צו פירערשאַפט. אַ פאַרזיצער מוז זיך גוט אונטערגאַרטלען ביז צו זיין גראַ־

דואירונג. דער איצטיקער פּאַרזיצער, (ראָבערט פרידלענדער), אַן אָנ־געזעענער אַדוואָקאַט, האָט זיך היפּש געגרייט צו זיין אַמט. אַזוי אויך זיין פאַרגייער, דוד גאָלדשטיין, איצטיקער „יו.־עס.־קאָמישיאָנער״. אַזוי די ברידער — דר. נח פרענקל און טשאַרלי פרענק, דער נאָר־וואָס־דערוויילטער וויצע־פּרעזידענט פון „פאַרבאַנד״. אַ פּאָר מנינים אַקטיווע און פירנדיקע חברים וואַרטן אויף דער זכיה׳דיקער ריי צו פאַרזיצערשאַפט. דער באַרופענער פירער, ז י מ ע ל ר ע ז נ י ק בכבודו, האָלט ניט קיין אַמטן. ער האָלט אָבער אַן אויג. און אַ גענײט אויג.

און די קאָנווענשאָן איז אַן עדות געווען פון אָט־דער גענײטקייט זיינער. פון דער פּלאַטפאָרמע, פון די פּראָטאָקאָלן און צווישן די זי־צונגען האָט מען די איצטיקע 17־טע קאָנווענשאָן פון א.נ.א.פ. דער־קלערט אַלס די געלונגענסטע, אַלס די פייערלעכסטע. מען האָט דאָך געהערט דעם פאַרבאַנד־כאָר זינגען, אָבער צו אַזאַ שלימות פון האַרמאָניע און מתיקות האָט נאָך דער כאָר, דאכט זיך, ניט דער־גרייכט. מען האָט דאָך געהאַט באַנקעטן, אָבער צו אַזאַ פיינער, פאָלקסטימלעכער היימישקייט און ווירדיקייט צוגלייך איז נאָך קיין באַנקעט ביים „פאַרבאַנד״, דאכט זיך, ניט דערגאַנגען.

ה.

עס איז געווען די גרויסע געלעגנהייט פאַר דעם גאַנצן „פאַרבאַנד״ צו אַראָפּנידערן קיין עסבורי פּאַרק, און צו קענען לערנען דאָרט אַ שיעור לדוגמא. צי האָט ווער טאַקע געלערנט דאָרט דעם ריכטיקן שיעור ? — דאָס וועט בלייבן צו זען.

דערוויל האָט מען זיך קעגנזייטיק קריטיקירט : די „עמך״־דע־לעגאַטן האָבן צוגעטראָגן זייערע טענות צו דער שוועל פון דער גע־נעראַל־עקזעקוטיווע, און די באַאַמטע האָבן אָפּגעענטפערט מיט פליג־קער און גוט־געשולטער קעגן־קריטיק.

האָט האַרבע רייד גערעדט פנחס גינגאָלד : דער פאַרבאַנד איז איצט ניט אייגנאַרטיק אין די מערסטע שטעט און שטעטלעך אין לאַנד... די יום־טובים — זיינען הו־הא טומלענישן, ניט קיין פייערונגען... ביכער און בראָשורן פון „פאַרבאַנד״ ווערן צוריק־געשיקט... רעזאָלוציעס וועגן היגן אידישן קולטור־לעבן בלייבן

אויפן פּאַפּיר פון יאָר צו יאָר... פיר יאָר קולטור־אַרבעט — אַ בי־טערער פּיל אַרונטערצושלינגען.

מיט שאַרפע רייד קעגן ליקווידאַציע פון פאַרבאַנד־פּרינציפּן האָט אויף איינער פון די קאָמיסיע־זיצונגען וו. געלבאַרד, מיטגליד פון געג. עקזעקוטיווע, אויפגעברויזט די פּאַרזאַמלטע; אונזער ציוניזם נעמט ניט נאָר אַריין מדינת ישראל, נאָר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט עם ישראל און מיט אידישן המשך.

האָט מיט איראָניע גערעדט משה דיקשטיין, אַז זיין קליין לאַנד, קאַנאַדע, האָט צוגעשטעלט מער חלוצים, ווי די גרויסע אַמע־ריקע; אַז די פאַרבאַנד־לייטונג האָט אפילו ניט אויסגענוצט די פּראָ־ספּעריטי־יאָרן, וואו ס׳איז לייכט געווען אָנצוקומען צו דעם פאַר־באַנד אויף אַ געהעריקער געשעפטלעכער הויך, — ווען מען וואָלט געקענט ווי געהעריק שפּייזן אַלע איינדאַרנדיקע פאַרבאַנדישע אינסטיטוציעס.

און אַפילו מאיר בראון, דער פּרעזידענט, האָט איין מאָל וואָרנענ־דיק אויסגערופן: „אַ תקופה איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין לעבן פון אונזער פאָלק און פון „פאַרבאַנד״. אָדער מיר האָבן נאָך וואָס צו געבן דער אידישער גאַס, אָדער מיר וועלן איינטריקענען.״

און אַזוי האָט מען עטלעכע היפּשע דיקע ביכער מיט קריטיק אָפּגערעדט אין לויף פון די 5־6 קאָנווענשאָן־טעג, און מען איז אַוועק־געפאָרן, — אַוועקגעפאָרן מסתמא מיט דעם וואָס די לייטונג איז געווען פאַראינטערעסירט דורכצוזעצן.

ז.

עס איז דאָ ביי אונז אין לאַנד אַ שאַבלאָן פון קאָנ־ווענשאָנס, און קיין קאָנווענשאָן קען ניט, ווי עס זעט אויס, פריי זיין פון דעם. נאָר דאָ האָט אַ קאָנווענשאָן געהאַט די אויסנאַמלעכע גע־לעגנהייט צו לערנען די גראַנד־סטראַטעגיע פון כבוש הארץ. זימעל רעזניק מיט זיינע חברים האָבן פאַר אַלעמען, אַלעמען געוויזן די תכסיסי מלחמה, מיט וועלכע מען קען איינעמען שטעט מיט אַזאַ גרינגלעכקייט, אַז היגע גויים זאָלן, ווי אין אונזערע היימישע שטעט־לעך, וויסן ווי און ווען צו מאַכן „המוציא״.

דער ריזיקער ציפער פון צוויי טויזנט נייע חברים — אין משך פון 4 יאָר — אין פאַרבאַנד אין ליכט פון מדינת ישראל איז גאָר ניט

אַזוי חנ׳עוודיק פאַר די לייטער און רודערער פון דער פאַרבאַנד־אימפעריע.

עס ליגן דעריבער גרייטע הונדערטער שטעט און שטעטלעך פאַר דעם כבוש־הפאַרבאַנד.

פאַר דער ווידער־באַשטעטיקטער הויפּט־לייטונג בלייבט דעריבער איצט די אַלטערנאַטיווע:

אַ פּרואוו־טאָן די תכסיסי מלחמה פון די לעגענדאַרע העלדן אונזערע פון דער וואונדערלעכער פאַרבאַנד־שטאַט עסבורי פּאַרק וואָס איז אין די גרעניצן פון שטאַט ניו־דזשוירזי, אָדער בלייבן זיצן אויף קאָמפאָרטאַבעלע שטולן, ווייטער אָנפירן די ביוראָקראַטישע רוטין, איינהאַלטן מיט גוט־געאיבטער מאַשינעריע די איינטריקנדיקע ביינער פון אַ באַרופענער גורלדיקער אָרגאַניזאַציע ביז צו דער נעקסטער אסיפה אין פיר יאָר אַרום.

די אידישע פרעסע הינטער צי אין זייט פון מדינת ישראל

א.

די לעצטע וואָכן פון אָנהויב יאָר 1950 איז מיר אויסגעקומען צו לייענען פּולוּוער־אַרטיקלען אין היגן „מאָרגן זשורנאַל", געליפערט פון אַן אָרונטערגעזעצטן רעדאַקטאָר און איצטיקן קאָרעספּאָנדענט פון דער נעמלעכער צייטונג. די פּולוּוער־אַרטיקלען האָבן, באַמבע־מעסיק, אויפגעריסן ניט איין הויז פון מחנה ישראל אין אַמעריקע. נערוון זיינען געוואָרן אָנגעשפּאַנט, אַלאַרם האָט גענומען די לופט פאַרהילכן, און אַט־אַט, עס צעפּלאַקערט זיך שיר־ניט אַ ברודער־קריג אין אַמעריקאַנישן אידנטום, אַ קריג וואָס וואָלט זיך, לאַגישערוייז, אַריבערגעטראָגן איבער די גרענעצן פון אונזער ציטעריקער מלוכה, און וואָלט, חלילה, צעפּולווערט די נאָך־ניט־טיף־גענוג באַפעסטיקטע מדינה ביז צו אירע גרונטן.

מיט אַט־דער פאַרזאָרגונג מיינער איז מיר די טעג אויסגעקומען צו טיילן זיך מיט איינעם פון די אָנגעזעענסטע זשורנאַליסטן דאָ אין לאַנד, מיט איינעם וועמען מען האָט, אפשר, געקענט פאַרדעכטיקן צו גיין אין אַט־דער דעליקאַטער קאָנטרעווערסיע אין ריטם פון פּאַליטיש־פאָרמאַליסטישן רעליגיעזן דרך. און ווי אָנגענעם איבערראַשט בין איך געוואָרן ווען ער האָט, מיט איין זאַץ, דראַמאַטיזירט זיין שטעלונג אין אַ פראַגע וואָס האָט, ווי געזאָגט, די לעצטע וואָכן, באַשווערט דעם אומקרייז פון דער מלוכה־מאַשינעריע אונזערער, האָט געדראָט מיט אַ קריזיס דעם ישראלישן קאַבינעט און שיר ניט פאַרוואַנדלט דאָס גאַנצע לאַנד אין אַ שלאַכטפעלד פון ברודער קעגן ברודער.

— צוליב אַ פּאָר אונטערגעשאָרענע פּיאות פון אַ תימנער אינגל וויל עס אַט־די כלומרשט־אָרטאָדאָקסישע צייטונג, דורך דער פען פון אַ הפקרדיקן זשורנאַליסט, אויפהעצן צו אַ בירגער־קריג אין ישראל ?!

ב

און אויב אַזאַ אין אידישער טראַדיציע פאַרוואָרצלטער שרייבער — חוץ זיינע אַנדערע מעלות, פּליוסן און קרעדיטן — קען זיך אַזוי

אויפטרייסלענדיק אויפרעגןביים אַנריר פון אַט־דעם וואונדיקן פונקט, איז שוין די העכסטע צייט, טראַכט איך זיך, צו עקזאַמינירן, אין פו־לער שניידיקייט, די ראָלע פון דער אידישער פרעסע אין אַמעריקע אין איר שייכות צו דער אידישער מדינה.

מיין באַשיידענער פעדער איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צו קאָמענטירן וועגן דער מלוכה־אונטערוועגנס, ווי עס שטעלט מיט זיך פאָר די אידישע וועלט־פרעסע. קיין וויכטיקע געשעעניש האָט אין דער מאָדערנער אידישער היסטאָריע צום לעבן ניט געקענט קומען אָן דעם שאַפערישן צוריר פון דער אידישער פען. אָבער קיין אי־נערלעכע צעשטערונג און צעפרעסונג אין אידישן לעבן, אין דער מאָדערנער אידישער היסטאָריע, האָט פונקט אַזוי ניט געקענט צע־ווערימען און צענישטן די פולע מיט־מי־געשאַפענע בנינים, פיזישע און געזעלשאַפטלעכע, אָן דעם גיפטיקן צוריר פון דער נעמלעכער אידישער פעדער. די אידישע פרעסע האָט ווייט ניט די קלענסטע ראָליע געשפילט ביים דערוועקן, דערוווערבן און אויפטורעמען די אידישע מדינה. זי קען, אָבער, גלייכצייטיק פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געפערלעכער וואָפע קעגן אַט־דער אייגענער מדינה. און וועגן דעם רייסט זיך איצט אַ וואָרט צום אויסדרוק.

ג

אין זיין אומגיי אויף דער וועלט, האָט דער איד קיין שפרינקעלע ניט געטאָרט לאָזן פאַלן אויף זיין אויסערלעכן לבוש, און האָט זיך אויך שטענדיק געמוזט לייטערן פון אינערלעכע פגימות און נסיונות. פון דער הויך האָט אויף אים אַראָפּגעקוקט דאָס אַל־זעעוודיקע אויג פון דעם מלך מלכי המלכים, דער יודע מחשבות, און פון דער נידער האָט צו אים אַרויפגעקוקט די תרח׳ש געשטאַלט פון דעם חם און פון דעם געצנדינער.

אין די לעצטע דריי־פיר דעקאַדעס האָט די אידישע פרעסע אי־בערגענומען, אין אַ גרויסער מאָס, די שליחות פון די מוסר־ספרים, צו העלפן דעם אידן פורעמען זיין גייסטיק פנים, ער זאָל קענען זיין אַ נר און אַ נס לעמים, און אַז אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אידישער שאַפערישקייט זאָל זעגלען אונטער דער פאָן פון אי־דישער פרעטענזיע. על אחת כמה וכמה דער קום־דערלעבטער אי־דישער שטאַט.

און — ווי דער איינצלנער איד אין זיין הנהגה, אַזוי מוז וועג־ווייזעריש זיך נוהג זיין די מדינה אונזערע. און די פרעסע, די אידישע, מוז אויך דאָ שטיין הינטער דעם שטאַט אין זיין פּאַראויסגייעדישקייט.

עס איז צום גליק פון דער אידישער רעפּובליק וואָס דער שרביט המלוכה געפינט זיך אין קאָפּ פון דעם אַחריותפולן ליבעראַל־באַזינטן דענקער חיים ווייצמאַן. און עס איז צום מזל פון דער יונגער מדינה וואָס די וועטעראַנען פון חלוציות און פון פריידיקער אַרבעט שטייען מיט זייערע מוסקולן הינטער דעם אַרבעטער־שטאַט. „בשוב ה׳ את שיבת ציון היינו כחולמים״. און, ס׳איז גאָט־צו־דאַנקען, וואָס ביים איצטיקן שיבת ציון זיינען די אויגן פון די חולמים ניט אינגאַנצן געווען געווענדט צו די הימלען, נאָר זיי זיינען אויך געווען רירעווודיק אַרום דעם באָדן וואָס אונטער זייערע פיס.

אין זייער אַנגעשפּיצטער וואַכזאַמקייט האָבן די אויסגעפּרובירטע לייבאָריטן די ערשטע דערזען די „אַלטעלאַנאַ״ אויפן האָריזאָנט פון אידישער רענעסאַנס, און האָבן, אַזוי אַרום, געראַטעוועט די עופּהלע־מדינה פון פאַשיסטישער צעפּולווערונג, פּונקט ווי דער עלאַסטישער בן־גוריון לאָזט איצט די רעליגיעזע מיניסטאָרן אויפשפּילן און אויסשפּילן זייער פולע סטראַטעגיע, אין אַנגעזיכט פון אַן ערנסטן נאָך־ניט־פאַריבערגייענדיקן קריזיס אַרום דער נשמה פון אידישן קינד.

און דאָ דאַרף מען ריידן קלאָרע דיבורים: ווי שטייט די אידישע פרעסע — די דריי אידישע הויפּט־צייטונגען אין אַמעריקע — אין אַט־די אַלע כוחות־געראַנגלערייען פון דער אידישער מדינה? אויף וועלכער פון אַט־די צייטונגען קען די אַרבעטער מדינה, מיט אַ רואיקער האַרץ, אַנפאַרטרויען איר גורל, און איר האַלטן פאַר אַ פאַרבינדעטן, פאַר אַן אח לצרה און אַן אח לשמחה.

ד

עס איז צום שטוינען ווי דער אַזוי־גערופענער בעסערער לייענער, אַפילו, איז ניט אָריענטירט אין אַט־דער פראַגע. עס איז כדאַי, לשם אילוסטראַציע, צו וואַרפן דאָ עטוואָס ליכט אויף אַ ביי־געשעעניש אין דעם לעבן פון אַ וויכטיקער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אין שייכות מיט אונזער דיסקוסיע. איך בין דאָ מכוון די לעצטע קאָנפערענץ פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין עסבורי

פּאַרק. פינף טעג בין איך דאָרט געווען. האָב כמעט אַלץ פאַרנומען וואָס דאָרט איז פאָרלאָפן (כאָטש דער „באָס"־סעקרעטאַר האָט מיך „אָפיציעל" ניט דערזען). אויף איניקע פּונקטן איז מיר אויסגעקומען צו קאָמענטירן, און אויף איניקע וועל איך נאָך זיך, אפשר, צוריק־קערן. ביי צוויי געלעגנהייטן איז דאָרט דערמאָנט געוואָרן די אידישע פּרעסע. צום ערשטן מאָל, ווען דער סעקרעטאַר פון „פאַרבאַנד", לואי סיגאַל, האָט פאַרגעשטעלט דעם איצטיקן רעדאַקטאָר פון „טאָג", מרדכי דאַנציס, אַן אידעאָלאָג פון „אַלטעלאַנאַ". ביי דער געלעגנ־הייט האָט זיך דער סעקרעטאַר דערלויבט צו געבן גראַדנווייזע קאָמ־פּלימענטן דער פּרעסע. אין דער ערשטער ריי, דעם „טאָג", אין צווייטער ריי — דעם „מאָרגן זשורנאַל" און אין דער דריטער ריי — מיט אַ דריי מיטן נאָז — דעם „פאָרווערטס". איך, וועלכער בין קיינמאָל ניט געווען קיין „פאָרווערטסיסט", און זוך ניט מיט דער מינדסטער שטעלע צו פאַרבינדן זיך מיט דער צייטונג, בין אויפגעשפרונגען. עס האָט מיך ווי אַ ברען געטאָן. אויך אַנדערע דעלעגאַטן און געסט האָבן צו מיר, מיט שטוינונג, גערעדט וועגן דעם. דעם צווייטן מאָל האָט זיך מאַניפעסטירט אָט־די באַציאונג פון אַ ציוניסטישן אַרבעטער־טוער אין דער דאַנק־רעזאָלוציע צו דער אידישער פּרעסע.

ניט זייענדיק קיין דעלעגאַט, האָב איך אויף דער קאָנווענשאָן גופא ניט געקענט רעגיסטרירן מיין פּראָטעסט, האָב פונדעסטוועגן „געוואַגט" צו טראַכטן: איך בין אַ מיטגליד אין „פאַרבאַנד" שוין באַלד דרייסיק יאָר. בין געווען אַקטיוו אין ניו־יאָרקער שטאָט־קאָ־מיטעט פון „פאַרבאַנד" איידער לואי סיגאַל איז אַנגעקומען אַהער אַלס באַצאָלטער אַנגעשטעלטער. פאַרטרעט אויך מיך טאַקע סיגאַל ווען ער דרייט מיטן נאָז אויף דער אַרבעטער־צייטונג און נעמט אויף אַזוי פאַ־ראַדנע דעם רעוויזיאָניסטישן אידעאָלאָג? און שפּילט ער ניט אַזוי און אַזוי וויל דער פּרינציפּן־וויכער רעדאַקטאַר און פּרינציפּן־וויכע צייטונג גיט דאָס גרויס־האַנטיקע רעקלאַמע דעם „פאַרבאַנד", צע־לייגט אויף טעלערלעך אַלע גוואַלדאָוונע אויפטואונגען און חכמות פונם סעקרעטאַר, און קוקט בכלל זייער פאַרזיכטיק סיגלען אין מויל אַריין? און איז אַזאַ הנהגה טאַקע אין די בעסטע אינטערעסן פון דער ליבאַריטישער רעגירונג פון ישראל? איז דאָס דער רעזולטאַט פון פאַראַיאַריקן לייבאָר־כינוס, איינגעאָרדנט פון די היגע פּועלי־ציון, אַלס אַנוואונק, מסתמא, פון דער „הסתדרות", צו שאַפן אין אַמעריקע

אַ געזונטע הינטערלאַנדיקע באַזע פאַר דער מפאַי׳אישער פּאָליטיק און מפאַי׳שער מלוכהשער סטרוקטור? און — קען דען ניט פּאַסירן אַז אין איינעם אַ ריינעם מיטן־מיטוואָך זאָל דער נעמלעכער דאַנציס זיך ווידער ניט אַרויפכאַפּן אויף דעם „בענד־וואַגן" פון די „חירות׳ניקעס". צי פון די תימנער און זאָל ווידער ניט וועלן דערלאַנגען די הסתדרות־מענטשן מיט אַ פריטשמעליענדיקער דובינע פון נייעם פּאָליטישן פוטש־אויפשפּיל?

אָט ווי ווייט עס גייט די ניט־אָריענטאַציע פון דעם בעסערן לייענער, אַפילו, אין שייכות צו דער היגער אידישער פּרעסע אַלס בריק צו מדינת ישראל. דאָס איז — מעג עס דאָ ווידערהאָלט ווערן — אַ בריק איבער וועלכער עס קענען אַריבערגעוואָרפן ווערן מענטשן־כוחות פון אויפבוי, זעלנער פון פרידן, און דאָס איז אויך אַ בריק אויף וועלכער עס קענען, חלילה, אַריבערגעוואָרפן ווערן זעלנער, מאַסקירטע, אין געוויסע אוניפאָרמירטע העמדלעך, מיט גיפטיקע שפּיזן ביים זייט. און דערפאַר, שטאַטסמענער פון ישראל און פּאָליטיקער פון היגן אַר־בעטער־ציוניזם, זאָל דער ענין „צייטונג" ניט אַזוי לייכט גענומען ווערן.

ה

איך זאָג דאָ גאַנץ אָפן. אַלס צייטונגסמאַן לייען איך אַלע אידישע צייטונגען, אָבער אַלס אַ פאַרשמאַיעטער איד אין אַמעריקע וועלכער האָט ניט די צייט און ניט די אויפגעלייגטקייט צו לייענען אַלע צייטונגען, וואָלט די גרויסע אידישע צייטונג, וועלכע שטייט ווי אַ פעסטונג הינטער דער לייבאָריטישער רעגירונג פון ישראל, — דער „פאָרווערטס"—געווען מיין טעגלעך ברויט. אָט נעמען מיר אַלס בייַ־שפּיל דעם איצטיקן ערב־קריזיס אין ישראל צוליב די רעליגיעזע מיניסטאָרן־מיטגלידער פון קאַבינעט. בין איך, דער מאמין אין פרייד־פון־אַרבעט, פאַרטרוילעך אַז די היגע אידישע אַרבעטער־צייטונג וועט נעמען די יושרדיקע און ריכטיקע שטעלונג אין אָט־דער קאַמף־פראַגע. און איך, דער פּועלי־ציון, מלידה ומבטן כמעט, וואָלט ניט געקענט, ניט אַנדערש און ניט שטאַרקער אָפּשלאָגן אַן אַטאַקע פון „בונד" קעגן פאַרווירקלעכטן ציוניזם, ווי עס טוט דאָס צ. ב. היינט (מיטוואָך, 22טער פעב., 1950) דער „פאָרווערטס", בעת איך שרייב אָט די שורות. און „די פּרעס" וואַרט. למען האמת, און אויס גערעכטיקייט צום „פאַר־

ווערטס״, וועלכער ווערט נאָך אַלץ, מילד גערעדט, מיסרעפּרעזענטירט, ניט פון איינעם פון די לייבאָריטישע פּרעטענדענטן, „גיב״ איך דאָ, דעם פולן ענטפער פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע צו דעם „בונד״.

אַן ענטפער פון דער „פאָרווערטס״־רעדאַקציע

„אין דער דערקלערונג, וואָס מיר דרוקן אויבן, ווערט אָנגעגעבן אַ ציטאַטע פון אַן אַרטיקל אין דער בונדישער צייטונג, „אונזער צייט״, און אויך אַ שטעלע פון דעם ענגלישן ביולעטין.ביידע האָבן זיי אַ קנאַפּע שייכות צו דעם לייט־אַרטיקל אין „פאָרווערטס״. דער „פאָר־ווערטס״ לייט־אַרטיקל האָט זיך באַצויגן אויף אַ שטעלע אין דעם ביולעטין, וועלכע די ערקלערונג פאַרגעסט צו דערמאָנען. די שטעלע לייענט זיך ווי פאָלגט:

„די גרויסע מאַיאָריטעט פון די אידן אין דער גאַנצער וועלט האָבן אַ רעכט צו פאָדערן פון ישראל ניט צו שטעלן אין געפאַר דעם פרידן פון דער וועלט, און ניט צו שטעלן אירע נאַציאָנאַלע, זעלבסטזיכטיקע אינטערעסן העכער ווי דעם ווילן פון פעלקער־פאַרבאַנד״.

דער געדאַנק פון אָט דער שטעלע איז, אַז דערמיט וואָס ישראל איז געגן דער אינטערנאַציאָנאַליזאַציע פון ירושלים, „שטעלט זי אין געפאַר דעם פרידן פון דער וועלט״, און אַז מיט דער פאָדערונג אַז ירושלים זאָל בלייבן ביי די אידן, „שטעלט ישראל אירע נאַציאָנאַלע, זעלבסטזיכטיקע אינטערעסן העכער ווי דעם ווילן פון פעלקער־פאַר־באַנד.״

ווי מ׳קען זען פון דער שטעלע, האַנדלט זיך דאָ ניט, ווי די בונ־דישע דערקלערונג וויל דאָ מאַכן גלויבן, וועגן סתם טריישאַפט צו די באַשלוסן פון פעלקער־פאַרבאַנד. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז די אידישע פאָדערונג איז אַ „זעלבסטזיכטיקע״ און אַז זי קען פירן צו אַ מלחמה.

אָט דאָס האָט דער „פאָרווערטס״ אין זיין לייט־אַרטיקל באַצייכנט אַלס אַ „העצע״, און אַ „דומע לעכערלעכקייט״. ס׳איז אַ העצע צו באַ־שולדיקן ישראל, אַז אירע מאָטיוון אין פאָדערן אַז ירושלים זאָל געהערן צו די אידן שטאַמען פון נאַציאָנאַלע זעלבסטזיכטיקע מאָטיוון. ירושלים (די נייע שטאָט), איז הונדערט פּראָצענט אידיש. אידן האָבן איר אויפ־געבויט און די גאַנצע באַפעלקערונג איז אַ אידישע. ישראל האָט אויך אַ רעכט אויף ירושלים צוליב היסטאָרישע און קולטורעלע אור־זאַכן.

און עס איז אויך אַ „דומע לעכערלעכקייט״ צו זאָגן אַז די אידישע האַנדלונג אין באַצוג צו ירושלים קען שטעלן אין געפאַר דעם פרידן פון דער וועלט.

אין די יאָרן וואָס די יו־ען עקזיסטירט, זיינען געווען צענדליקע פאַלן ווען גרויסע און קליינע פעלקער האָבן זיך אַנטזאָגט אויסצופאָלגן אירע באַשלוסן אין פראַגן וואָס זיינען געווען הונדערט מאָל מער פאָליטיש געפערלעך ווי די ירושלים־פראַגע, און דער פרידן פון דער וועלט איז פון דעם ניט געשטערט געוואָרן.

און איצט וועגן דעם צווייטן פונקט, וועגן דעם צושטאַנד אין די לאַגערן פון די אידישע אימיגראַנטן.

דער „פאָרווערטס״ לייקנט ניט, אַז די לאַגע אין די לאַגערן איז אַ שרעקלעכע. די ישראל־רעגירונג אַליין לייקנט עס ניט. פאַרקערט, זי וויל אַז די אידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן וויסן וועגן דעם. ס׳איז אמת וואָס די בונדישע דערקלערונג באַהויפּטעט, אַז דער „פאָרווערטס״ האָט אַליין געדרוקט אַרטיקלען וועגן דעם. דאָס וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט געדרוקט, און דאָס וואָס די ישראל־רעגירונג פאַרעפנטלעכט, זיינען עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס דער בונדישער ביולעטין דערציילט.

אין די באַריכטן פון צייטונגס־קאָרעספּאָנדענטן און פון פאָרשטייער פון ישראל, ווערט דערציילט וועגן די שרעקלעכע פיזישעליידן פון די אידן אין די לאַגערן, וועגן דער ענגשאַפט, וועגן קראַנקהייטן, וועגן מאַנגל אין דאָקטוירים, א. אַז. וו. פאַר די אומשטענדן קען מען קיינעם ניט האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך, אויסער אפשר אונז אַליין, אונז אַמעריקאַנער אידן, וואָס גיבן ניט גענוג געלט די לאַגע צו לינדערן.

גאַנץ אַנדערש איז אָבער דאָס וואָס ווערט דערציילט אין דעם בונדישן ביולעטין. דאָרט רעדט זיך וועגן „קאָרופּציע און כאַבאַר״, וועלכע זיינען „דהי אָרדער אָוו דהי דעי״ (אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג). דאָרט ווערט געגעבן אַנצוהערעניש, אַז די אימיגראַנטן ווערן געהאַלטן אַזוי ווי אַרעסטאַנטן „הינטער שטעכעדיקע דראָטן״. עס ווערט דאָרט אויך געזאָגט, אַז די עפנטלעכע מיינונג אין ישראל איז „הילפלאָז צו ענדערן די שרעקלעכע אומשטענדן פון וועלכע צענדליקע טויזנטער איינוואוינער אין די קעמפּס ליידן.״ דאָס מיינט, אַז מ׳וואָלט געקענט פאַרבעסערן די לאַגע אין די קעמפּס, ווען מ׳וואָלט נאָר געוואָלט, נאָר די רעגירונג וויל ניט.

אָט די באַהויפּטונגען פון בונדישן ביולעטין, און נאָך אַ סך פון

דעם זעלביקן סאָרט, האָט דער „פאָרווערטס״ באַצייכנט אין זיין לייט־אַרטיקל אַלס אַ העצע. אַזוינע באַשולדיקונגען קעגן דער רעגירונג האָבן קיינע פאַראַנטוואָרטלעכע קאָרעספּאָנדענטן אין דער אידישער און אַמעריקאַנער פּרעסע ניט געמאַכט. דער בונדישער ביולעטין זאָגט, אַז ער האָט די „פאַקטן״ גענומען פון אַן ערקלערונג וואָס אַ געוויסע פּרוי האָט געמאַכט. האַלט דער „בונד״ אַז אַן ערקלערונג פון „אַ געוויסער פּרוי״ איז אַ גענוגנדיקער גרונט אַרויסצוטרעטן מיט אַזוינע שוידערלעכע באַשולדיקונגען קעגן דער ישראל־רעגירונג ?

געוויס האָט דער „בונד״ אַ רעכט אויף זיינע מיינונגען, אָבער עס איז וויכטיק אַז דער אידישער עולם זאָל וויסן, אַז אין דער פראַגע פון ישראל פאַרטרעט דער „בונד״ גאָר אַ קליינע גרופּע, און אַז די ריזיקע מאַיאָריטעט פון דער אידישער, סאָציאַליסטישער און אַרבע־טער באַוועגונג זיינען אין פולער סימפּאַטיע מיט דער ישראל־רעגירונג, און אַז אַנשטאָט העצן קעגן איר, ווילן זיי העלפן ישראל בייקומען איר שווערן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס״.

ו.

דאָ קען נאָר ווידערהאָלט ווערן, אַז אַ פול־בלוטיקער ציוניסט וואָלט ניט געקענט שאַרפער און ציוניסטישער ענטפערן דעם „בונד״ ווי די „פאָרווערטס״־רעדאַקציע האָט דעם ענין „געדעקט״. אויף דער לינגאַ פון ספּאָרט וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז דער „פאָרווערטס״ האָט דאָ, אָן שום צערעמאָניעס, דערלאַנגט אַ „נאָקאַוט״ צו זיינע אַמאָליקע גענאָסן און מיטקעמפער.

וואָס איך בין דאָ מכוון איז אַזוי: דער מענטש פון אַרבעט, אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן און אין זיין טאָג־טעגלעכער מחשבה, מעג זיך לייענען אַלע אידישע צייטונגען. ער דאַרף, אָבער, וויסן, אַז די צייטונג איז ניט אַזאַ נייטראַלע באַשעפעניש. עס איז אַ לעבעדיקס, וואָס קען געבן נאַרונג און קען ברענגען טויט. אין שייכות צו מדינת ישראל איז מיין פליכט צו באַריכטן צו מיינע פאַרטרויענסווערטע לייענער, אַז די איינציקע צייטונג וואָס האָט אין שייכות צו דער איצ־טיקער רעגירונג פון מדינת ישראל פאַרדינט דעם צוטרוי אַלס וועג־ווייזערין איז די אַזוי אָפּט־פאַרלוימדטע און נאָך מער מיסרעפּרעזענ־טירטע אידישע אַרבעטער־צייטונג — דער „פאָרווערטס״. עס איז נאָך מער מיין ספּעציעלע פליכט צו נעמען איצט דאָס וואָרט, ווייל די לעצטע פּאָר חדשים האָבן אַ ריי מיטאַרבעטער פון „וואָכנבלאַט״, אויף

דעם אָדער יענעם אופן, זיך באַנוצט מיט דער פרייע־פּרעסע פרייהייט־
לעכקייט אונזערע, און האָבן גאַנץ שאַרף רעאַגירט אויף געוויסע
געשעענישן אין דעם היגן אידישן צייטונג־וועזן. אין ליכט פון די
בולטע דעגענעראַציע־פּראָצעסן וואָס קומען פאָר פאַר אונזערע אויגן
סיי אין „מאָרגן זשורנאַל" און סיי אין „טאָג" מוז אַן אומפּאַרטייאישער
איד נאָך מער קרעדיטירן דעם „פאָרווערטס", פאַר האַלטן זיך אויף
אַ געוויסער הויך פון זשורנאַליסטישער חשיבות בכלל און זייענדיק
די איינציקע טעגלעכע צייטונג מיט אַן אויסגעהאַלטענער און לאָגי־
שער ליניע אין שייכות צו דער אידישער אַרבעטער רעפּובליק.

יע, די אַמאָליקע „בונדיסטן", אַנאַרכיסטן און אינטערנאַציאָנאַ־
ליסטן, וועלכע זיינען די איצטיקע מיטגלידער פון „פאָרווערטס" אַסאָ־
סיאיישאָן האָבן זיך מיט זייער צייטונג, זינט דעם אויפקום פון מדינת
ישראל, אַזוי אויפגעפירט, אַז זיי פאַרדינען מיין פולן צוטרוי אַלס
לייענער און קויפער פון זייער טעגלעכער צייטונג, — מיין טעגלעך
ברויט.

אַפּאַטיע — אונזער שונא

א

אין דער איינאָרדענונג פון אונזער נאַציאָנאַלער באַלעבאַטישקייט אויף אַמעריקאַנישן באָדן באַגעגענען מיר פאַרשידענע שטרויכלונגען; לויערן אויף אונז כלערליי מינים שונאים — אינערלעכע און אויסערלעכע. נאָר, אפשר, דער גרעסטער לויערער אויף אונזערע נאַציאָנאַלע גיטער איז אַן אומגעריכטער אָנגרייפער, אַן אָנגרייפער וועמעס כוח פון אַטאַקע באַשטייט אין לויז־לאָזן די גלידער פון דעם אַטאַקירטן פאָלקס אָרגאַניזם, אין פּאַראַליזירן ממש די ענערגיע פון כמעט אַלע שיכטן פון דעם אָנגעגריפענעם פאָלק און מאַכן אים אומפעאיק צו ווערן זיך קעגן דעם פאַרניכטנדיקן שונא. אָט־דער מעכטיקער קריגער, וואָס פאַרמעסט זיך אויף דער האַלדז פון דעם פאָלק קומט גראָד פון אינעווייניק. זיין פחד אָנוואַרפנדיקער נאָמען איז — אַפּאַטיע!

דער מינדסטער באַאָבאַכטער פון דעם אידישן קהלשן לעבן אין אַמעריקע וועט, אָן איבעריקע אונטערזוכונגען, איינזען די טויטנדיקע אַפּאַטיע אין די אידישע פאָלקס־מאַסן צו אַ ליאַדע קהלשער אידישער אונטערנעמונג דאָ אין לאַנד. און כל־זמן עס זעט זיך נישט דער באַרופענער רופא צו אָט־דעם אפשר געפערלעכסטן פאָלקס־חולאות זיינען מיר צוגעקומען צו אַ טויט־פּונקט אין אונזער ערנסטן פאַרמעסט פון אויפטאָן עפּעס אויף דעם געוואָגטן וועג פון פאָלקס־איבערבוי.

אַ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו וואָלט זיכער אַ זכות געפונען אויף דעם אידן פון קאָלאָמבוסעס מדינה. ער וואָלט, צ.ב... אָנגעוויזן אויף דעם אומגעהויערן געראַנגל, וואָס יעדן פּיאָנערישן יחיד איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין די ערשטע 30־40 יאָר פון זיין פּרואוו צו איינאָרדענען זיך אין דעם „גאָלדענעם לאַנד". און אַ לוי יצחק וואָלט מיט רעכט אויך אָנגעוויזן אויף דעם טראַגישן פאַקט, וואָס כמעט יעדער איינער פון די פּיאָנערישע יחידים האָט זייער טייער באַצאָלט פאַר דעם פּרואוו פון וועלן זיך איינאָרדענען אין לאַנד פון גאָלע מעג־

לעכקייטן, אין צויבער־לאַנד פון פולע פרייהייטן; ווייל אין לאַנד, וואָס איז דער סינאָנים אַליין פון לויטערער דעמאָקראַטיע פּאַסירט אין די 30־40 יאָר פון וועלן ווי עס איז געווינען דעם קאַמף פאַר מלחמת הקיום איינע פון די צוויי פאַלן: אָדער 1) דער באַרג אַרויף קלעטע־רער באַוויזט ניט אין לויף פון די 30־40 קלעטער יאָר גענוג כוחות אַרויפצוקלעטערן צום שפּיץ פון דעם באַרג און פאַלט אַ קרבן אויף זיין איינזאַמען וועג; אָדער 2) אויב דער געגעבענער פעכטער איז געבענטשט מיט אַן עטוואָס גרעסערער מאָס ענערגיע, צי פון חכמה, וואָס פאַרמעגלעכט אים צו דערקלעטערן צום שפּיץ פון באַרג רו — געפינט ער זיך אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, אַ צעבראָכענער — אַן איבעריקער לוסט צו געניסן פון די ברכות, פון דער שפע, וואָס דער שפּיץ־באַרג קען אים געבן אונטערטראָגן.

און דערפאַר וואַרפט זיך אין די אויגן אָט די שאַרפע אַנדערש־דיקייט. אין זיין טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג, אַלס לוין אַרבעטער, אַלס קליינער געשעפטסמאַן און אַלס גראַנד־אונטערנעמער זעען מיר דעם אידן אין פולן שפרודל, אין פלינקסטן מאַנעוור. ער גיט בליצ־אַרטיק אַ מאָביליזיר זיינע כוחות. זיין גרעסטן אינטעלעקטועלן און פיזישן אָנשטרענג — פאַר דאָס בידנע מלחמת החיים. אָבער אויפן אַזוי־גערופענעם געזעלשאַפטלעכן יאַריד איז ער אָדער אינגאַנצן ניטאָ, אָדער ער שטייט מן הצד — ווי דער גאַנצענער ענין וואָלט ניט אָנ־געהויבן צוריידן צו זיין האַרץ און צו זיין קאָפּ!

אָט־דאָס, רבותי, איז דער באָדן אויף וועלכן עס זיינען אויסגע־וואַקסן און איינגעוואָקסן געוואָרן אונזערע שלל־באַאמטע, וועלכע רעדן פאַרן פאָלק און וועלכע זיינען באַלד־באַלד דאָס פאָלק גופא. דאָס אמתע פאָלק איז דערווייל ניטאָ אויף אונזער קהלשן יאַריד.

ב

אַ זעלטענעם מוסטער ווי עס אַרבעט דאָס באַאַמטום־פאָלק האָבן מיר געזען, מיט 4 יאָר צוריק, אין 1946, אין דעם ספעקטאָקל וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קליוולאַנד. דער נאָמען פון דער פּיע־סע איז געווען „דריטע סעסיע פון דער אַמעריקאַנער אידישער קאָנ־פערענץ". די דאָזיקע פּיעסע איז געווען אַזאַ סוקסעס, אַז מען האָט באַשלאָסן אויפצושפּילן אָט דעם ספעקטאָקל נאָך אַמאָל און נאָך מיט מער פּאָמפּ — וואָס אויף דעם פאָדערט זיך, זאָגט דאָס באַאַמטענטום־

פאָלק — פולע פופצן חדשים פון ערנסטע הכנות, אויספאָרשונגען און וואָס ניט.

מיר ווייסן גוט, וויפיל דעמאָקראַטיע עס הערשט אין די רייען פון דער „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע". ס'איז אָבער אויך אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד אויף וויפיל דאָס אמתע פאָלק איז פאַרטראָטן אין דעם פּרעטענציעזן „לעטערהעד", וואָס הייסט „אַמעריקען דזשואיש קאָנגרעס". איצט זיינען אַוועק די דעמאָקראַטן פון אַט די אויבנדיקע און אונטנדיקע פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפטן און האָבן באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל: לאָמיר, ענדלעך, אויפשפּילן די אמתע דעמאָקראַטיע! האָט מען זיך געטין־טאָן איבערטאָן אין עטוואָס אַנדערע רעקלעך און מען האָט זיך אויף די לאַצן אָנגעטעגט מיט נייע דעלעגאַטן־צייכנס — די אמתע אַל־אידישע פאַרטרעטערשאַפט און אין ענגליש — „די אַמעריקען דזשואיש קאָנפערענס".

ג

און מיינט איר, רבותי, אַז די דאָזיקע דעמאָקראַטיע לעבט נאָר אַזוי שפּרודלדיק ביי די ענגליש־ריידנדיקע אָרגאַניזאַציעס? אַז איר וועט אָנמעסטן די געהעריקע אויגן־גלעזער, וועט איר באַלד האָבן געטראָפן די זעלביקע מאָס ביי די סאַמע אידיש־ריידנדיקע, ביי די סאַמע עמך׳־דיקסטע אָרגאַניזאַציעס. פּרטים — ביי אַ געלעגנהייט.

אויב מיר זאָלן נאָך אַמאָל דערלעבן צו אמתער דעמאָקראַטיע אין אידישן לעבן פון אַמעריקע — פון פאָלקס־פאַרטרעטערשאַפט וועגן וועלכע עס האָבן געטרוימט אברהם שאָמער און אַנדערע ערנסטע דעמאָקראַטן וועט די ישועה ניט קומען פון דעם איצטיקן ציקל באַאַמטע וואָס באַשיינען די „לעטערהעדס" פון אַלע „נאַציאָנאַלע" אָרגאַניזאַציעס און וואָס פאַרנעמען יאָר איין און יאָר אויס די זעלביקע בענקלעך פון אַלע אַסיפות, קאָנפערענצן און קאָנגרעסן. די התחלה וועט דאַרפן געמאַכט ווערן פון קליינע אָרגאַניזאַציעס, פון אַ סך קליינע אָרגאַניזאַציעס, — אַזוי גרויס אין צאָל און איינפלוס אַז זיי זאָלן ניט בטל ווערן פאַר די „אויבערשטע" דעלעגאַטן — אַז דאָס אמתע פאָלק, ווען עס וועט אַמאָל דערוואַכן, זאָל ניט דאַרפן אָפּטרעטן ס'פּלאַץ פאַרן באַאַמטנטום־פאָלק...

פּאָליטישע איבערגרופּירונג אין ליכט
פון אידישן שטאַט

א

די דערשיינונג פון דעם אידישן שטאַט אויף דעם אינטער־קאָנ־טינענטאַלן געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט אונזערן — אַ געשעעניש פון ראַציאָנאַלער אומבאַגרייפלעכקייט און אָן שום היסטאָרישע פּאַראַלעלן — האָט געדאַרפט כאָטש עטוואָס אָפּטעמפּן די קוצו־של־יוד שפּיצן פון אונזערע פּאַרטייאישע לג־בעומר שווערדלעך און כאָטש עטוואָס מילדערן די שפּריצנדיקע שנאה פון די הענער־אויגן, אין אָנגעגע־ניש פון כלערליי פּאָליטישע פעלדפעבעלס, די אידישע, און אַלערליי־ראַנגיקע אַנדערע אָפּיצערן און אונטער־אָפּיצערן אויף דעם אַנגעגליטן באָדן פון דער צעפּאַרטייאישטער אידישער קעניגרייך, וואָס שלענגלט זיך דורך די אַלע מדבריותן און שניידט זיך אַדורך די אַלערליי וואַ־סערן און די אַלע מינים זאַמדיקע שטחים וואָס אונטער דעם רשות פון דעם פּאַרקנעכטעטן הער מענטש.

ב

ווען דעם תוך פון אַט־דעם עטוואָס־לענגלעכן זאָץ הער איך ניט אויף צו טראַכטן אין די וואָכע שעהן פון מיין לעבן, און אין גע־וויסע מאָמענטן פון מיין שרייבעריש־געזעלשאַפטלעכער רודעריי נעמען אַט די טראַכטענישן מיינע אָפּט אָן קרעשטשענדאָ־פאָרמען. עס ווילט זיך פרעגן אויף די העכסטע אָקטאַוועס: ווי וואָגן כלומרשטע פירער פון אונזערע טעג צו פירן און אָנפירן דופּליקיר־שטאָבן, מיט דופּליקיר־הוצאות, א. אַז. וו. און אַזוי ווייטער, — אין אָנגעזיכט פון אַזוינע מוראדיקע אידישע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען וואָס די הערשערין פון פעלקערלעכע גורלות — די געשיכטע „אין פּוירסאָן” — טוט אַזוי דראָענדיק פון אונז פאָדערן?

מיר האָבן שוין ניט איינמאָל זיך אַ ריר־צו געגעבן צו דעם וואונ־דיקן פּונקט פון דעם פּראָפעסיאָנעלן אידנטום — אַ אידנטום וואָס

נערט זיך אויף שטעלעס און דזשאַבס — באַקוועמע בענקלעך אַזעלכע מיט וועלכע קיין שטערבלעכער וויל זיך, ווי עס זעט אויס, ביים לעבן ניט אָנטשרויפן פון זיי. „דאָס פאָלק", האָבן מיר שוין אויך ניט איין מאָל אָנגעוויזן, איז אויף יענער זייט פלויט פון געזעלשאַפטלעכן יאַריד אונזערן. בלייבט, אפשר, איבער נאָר דער אויף־די־פינגער־איבער־ציילנדיקער אַקטיוו, וואָס אַרבעט פאַר דער־און־דער אידייע לשמה. און צוליב אָט־דעם אַקטיוו וואָלט כדאי געווען אפשר אַ רעד־טאָן עטלעכע אָפענע ווערטער. אולי?

ג

עס איז מיר די טעג אויסגעקומען בייצווזיין עטלעכע זיצונגען פון אידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. די פאַר הונדערט מענטשן אויף דער קאָנפערענץ האָבן פאַרטראָטן אַ גוטן האַלבן מיליאָניקן אָנאָנים. און אָט־די מענטשן, האָב איך צו זיך געטראַכט, דאַרפן דאָס, אין זייער הנהגה, אין זייערע רייד און אין זייערע רעזאָלוציעס, זיין צו מיר, — דעם אָנהענגער פון דער פועלי־ציוניסטישער פילאָסאָפיע, — אַזוי תכליתדיק פרעמד, אַז איך זאָל אין מיין דמיון נאָך אַמאָל באַרעכטיקן די עקזיסטענץ פון אַ פאַראַלעלער אָרגאַניזאַציע: דער ציוניסטישער אַרבעטער קאָמיטעט.

און אָט הער איך ריידן אַ בונדיסט. שטוינט, איר הימלען! ווער רעדט דאָס? — ב. טאַבאַטשינסקי. כ'בין זיך מודה, איך האָב אים קיינמאָל, דאַכט זיך, ניט געזען אויף קיין פּלאַטפאָרמע. נאָר ווען ער האָלט ניט אין איין אַקצענטירן זיין בונדיזם, וואָלט איך אָסור גע־וואוסט אַז עס רעדט פאַר מיר אַ טריף־פסול. באַראַכאָוו אַליין וואָלט ניט געהאַלטן קיין אַנדערשדיקע רעדע. באַראַכאָוו דער רוסיפיציר־טער אינטעלעקטואַל, וואָלט, אפשר, ניט באַהערשט אַזאַ לומדישן אידיש ווי דער ביאַליסטאָקער פאָלקס־אינטעליגענט האָט דאָ פאַר מיר אויפגעשפילט. ער וואָלט זיך, אפשר, אויך ניט געוואָרפן אַזוי פריי־גיביק מיט ציטאַטן פון משנה און גמרא. אָבער דער תוך וואָלט ביי באַראַכאָוון ניט געקענט זיין שאַרף אַנדערשדיק.

און ווער, דענקט איר, האָט אַ זאָג־געטאָן, מיט באַדויערן, אַז „מיר טוען ווייניק אין ישראל"? — דער נעמלעכער טאַבאַטשינסקי. און — ווען די טאַבאַטשינסקיס באַדויערן זייערע באַגרענעצטע מעשים פאַר ישראל און די אידעאָלאָגן פון „ציוניסטישן אַרבעטער קאָמיטעט"

וואָלטן זיך אָנגעהויבן מער פאַרענטפערן פאַר ניט טאָן גענוג פאַר די „נויטן אויף די ערטער״ וואָלט מען געקענט גיכער און דרייסטער צוטרעטן צו דער פאַראייניקונג פון אָט־אַזעלכע צוויי פּאַראַלעלע אָר־גאַניזאַציעס, און דערמיט איינשפּאָרן אַזוי פיל פון דער טייערער, שעצבאַרער און באַגרענעצטער יידישער ענערגיע.

ד

דעם זעלביקן טאָג האָב איך בייגעוואוינט אַ שמחה פון אָט־די מענטשן. האָב געוואָלט דערפילן זייער יום־טוב. פאַרנעמען זייער געזאַנג. און עס האָט מיר הנאה געטאָן צו זען ווי דער אַמעריקאַניש־דערצויגענער פירער, אַדאָלף העלד, פאַסמאַקעוועט זיך מיט אַ האַרציק אידיש פאָלקסליד, ווי ער און די זייניקע קוויקן זיך מיט אַ אידישן און אַפילו חסידישן ניגון. און ווי ווייט, טראַכט איך זיך, זיינען אָט־די מענטשן פון אַ „הבה נגילה״? אַ התקרבות וואָלט געווען אַ מזל־ברכה פאַר ביידע מחנות. ביי די פּועלי־ציון מערקט זיך לעצטנס די דער־נענטערונג־טענדענץ צו די „אַלגעמיינע״ זיאָנים, אַ גוט־ברודערשאַפט מיט דעם ענגליש־ריידנדיקן און געמעסיקטן ציוני. דער סאָציאַליזם פון די „גענאָסן״ וואָלט עטוואָס צוריקגעבראַכט די פּועלי־ציון צום באַלד־פאַרגעסענעם באָראָכאָוויזם, און דאָס אידיש־פאָלקסטימלעכע פון די גענאָסן וואָלט זיי אויך ניט געשאַדט. עס וואָלט זיי ווידער דערמאָנט אָן דער ראָמאַנטישער פּעריאָדע פון די פּועלי־ציוניסטישע העריגג־באַנקעטן. די גענאָסן, ווידער, וואָלטן עטוואָס אַ נאַש־געטאָן פון דער פּועלי־ציוניסטישער התלהבות און פון דעם „געזאַנג פון דעם עמק״.

אַ פאַראייניקונג פון אָט־אַזוינע צוויי פּאַראַלעלע רעליף־קאָמי־טעטן וואָלט געקענט פירן צו רייד וועגן ווייטערע עטאַפּן פון פאַראיי־ניקונג, ווי צווישן די פּועלי ציון און דעם אידישן סאָציאַליסטישן פאַר־באַנד און צווישן דעם אַרבעטער־רינג און דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

אָט־די צוויי מחנות האָבן זיך, לעצטנס, פאַראייניקט אַרום דער וויכטיקער אינסטיטוציע פון אידישן לערער־סעמינאַר און האָבן זיך גאַנץ פיין איינגעטיילט מיט די אַמטן און מיט די שטעלעס אַרום דעם אידישן קולטור־קאָנגרעס.

און—דעריבער איז ניט איצט די העכסטע צייט צו נעמען טראַכטן

הויך וועגן פּאַראייניקונג אין ברייטערע טערמינען? עס איז! ווייל די דערשיינונג פון דעם אידישן שטאַט אויף דעם אינטערקאָנטינענטאַלן געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט אונזערן פאָדערט פון אונז אַן איבערטאַש פון אָפּגעלעבטע ווערטן, און דערהויבן זיך צו דער געשיכטלעכער הויך פון דער אידיש־שטאַטלעכער דערשיינונג — אַ געטלעכער אַקט וואָס האָט ניט קיין שום היסטאָרישע פּאַראַלעלן, און קען ניט באַ־גריפן ווערן מיט קיינע פון די ביז־איצטיקע ראַציאָנעלע וואָגן און מאָסן, וואָס אין רשות פון דעם מענטשן.

אין אינטימען טאָן

א

דעם 6־טן דעצעמבער, 1946, האָב איך, כהאי לישנא, אָנגעשטעלט אַן אינטימען טאָן:

„מיט דער אַדיטאָריע פון אַט־די „קאַפּיטלעך" וויל איך מיר דאָ דערלויבן — צי אפשר, מוז איך מיר איצט דערלויבן — איבערצורעדן אין אינטימען טאָן, וועגן די דראַענדיקע געפאַרן וואָס הענגען איבערן סאַמע קאָפּ פון אַט־די קאַפּיטלעך און וועגן די אַנדערע פּרקים, וואָס האָבן זיך איינגעהיימישט אין די כמו־אימפּראָוויזירטע ווענט פון דעם בנין „וואָכנבלאַט".

איך האָב אָנגעפאַנגען דעם אַלאַרם־וואָכנבלאַט דורך די קאַפּיטלעך וועגן די קאַפּיטלעך גופא, כדי אויפטרעטן דאָ ניט נאָר ווי דער גרויס־יחוסדיקער אַרויסגעבער פון דער צייטשריפט, און ניט נאָר ווי דער רעדאַקטאָר און שרייב־סטאַף־פאַרטרעטער פון אַט־דעם עקשנותדיקן זשורנאַל, נאָר אויך ווי אַ מיטאַרבעטער פון „וואָכנבלאַט". אויף וויפיל מיין זכרון דינט מיר, איז עס דאָס ערשטע מאָל וואָס איך דערלויב זיך צו נעמען אַזאַ מין וואָרט. איך בין שולדיק אַט־דעם מין וואָרט צו דער פאַרדינסטפולער קולטור־אינסטיטוציע אויף דער אידישער גאַס — אַן אינסטיטוציע וואָס איז אַ יחידה במינה ביי אידן — און איך וועל זיך באַמיען אים צו נעמען מיט פרומער ערנסטקייט, מיט ניט־ווייניקער ערנסטקייט, אַלנפאַלס, ווי ווען איך נעם די פעדער אין האַנט אין דינסט פון דער אידייע, אין דינסט פון מיין פאָלק.

נעם איך דאָ, קודם כל, אַ וואָרט ווי אַ שרייבער פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". איך בין איבערצייגט, אַז נאָר אין „וואָכנבלאַט" האָב איך, ווי אַ שרייבער, געקענט פאַרעפנטלעכן מיין לעצט־וואָכיקן קאַפּיטל „אַ שטיקל נייעס וואָס וויל ניט אַלט ווערן". אויף וויפיל איך קען דעם כאַראַקטער פונם אידישן צייטונגס־וועזן אין אַמעריקע, זע איך ניט, ליידער, די טריבונע וואו איך וואָלט געקענט אַזאַ מין אַרטיקל פאַרעפנטלעכן. דער אַרטיקל וואָלט, וואָרשיינלעך, געפּסלט געוואָרן סיי צוליב זיין אַפּיקורסישן אינהאַלט און סיי צוליב זיין

אַנדערשדיקייט פון אויסדרוק, אַ ניט־קאַנווענציאַנעלע פאָרם וואָס קען נאָר קומען צום לעבן ווען ניט געבויט אויף די יסודות פון קאָמפּראָמיס און „ליניע״־און „אינטערעס״־צופּאַסונגען.

שוין דער פאַקט גופא וואָס דער אינהאַלט פון מיין לעצט־וואָכיקן קאַפּיטל איז אין קיין שום אידישער צייטונג פון ניו־יאָרק ניט דיס־קוטירט געוואָרן, מיט קיין איין שורה אין ערגעץ ניט קאָמענטירט געוואָרן, ווייזט ווי ניט־וועלקאָמען אַזעלכענע קאָמענטאַרן און אַזעל־כענע קאָמענטאַטאָרס זיינען אין אונזערע צייטונגען — מיט אַלע זייערע קרעדיטן, מעלות און פאַרדינסטן.

און ווייל דאָס „וואָכנבלאַט״ גיט מיר, אַ אידישן שרייבער, די פולע פרייהייטן פון אינהאַלט־אויסדרוק און פאָרמע־אויסדרוק איז דאָס מיין פליכט צו וואָרענען מיין חשובע לייענערשאַפט וועגן דער ערנסטער געפאַר וואָס לויערט איצט איבערן גורל פון „די קאַפּיטלעך פון דער וואָך״ און איבערן גורל פון דעם גאַנצן בנין „וואָכנבלאַט״.

אויב די לעצטע עטלעכע יאָרן זיינען די לייענער און פריינט פון „וואָכנבלאַט״ ניט אַלאַרמירט געוואָרן וועגן דעם קיום־געפאַר פון אונזער צייטשריפט, הייסט עס ניט אַז די געפאַרן זיינען ניט געווען. די דראָאונגען זיינען, אָבער, ניט געקומען מיט אַזאַ פּלוצלונגדיקייט און מיט אַזאַ שאַרפקייט, ווי דאָס „וואָכנבלאַט״ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין די סאַמע לעצטע טעג.

איך האָב אָנגעפאַנגען ווי אַ מיטאַרבעטער פון „וואָכנבלאַט״ צו אויסשרייען דעם „גוואַלד״ אין דער עפנטלעכקייט און איך דערוואַרט אַז יעדער מיטאַרבעטער וועט טאָן זיין פליכט. זאָל יעדער איינער גלייך אָנהויבן זיינע אַלאַרמירנדיקע ווערטער אין זיינע קרייזן. זאָלן געוויסע כוחות מאָביליזירט ווערן פאַר דעם ווייטערדיקן אָנהאַלט פון אַ אידישער טריבונע אין אַמעריקע — אַ טריבונע אין וועלכער איבער צוויי הונדערט אידישע שריפטשטעלער, דיכטער און דענקער האָבן געהאַט די אויסנאַמלעכע געלעגנהייט צו קענען זאָגן זייער אַפּיקורסיש וואָרט און אַ טריבונע פון וועלכער טויזנטער אידישע אינטעליגענטן האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו קענען געניסן פון דעם אַנדערשדיקן וואָרט און געדאַנק.

איך האָב אָנגעהויבן מיינע רייד צו אייך, לייענער און פריינט פון „וואָכנבלאַט״, ווי אַ שרייבער, אַ קאָלומניסט פון דער צייטשריפט. איך דין אָבער דעם „וואָכנבלאַט״ אויך אויף אַנדערע געביטן. איך בין אויך דער פינאַנסיר פון דער צייטונג — פינאַנסיר וועמען עס דאַרף

יעדע וואָך דאַרן זיין מוח: „מאַין יבוא עזרי״ — וואו וועל איך נעמען דעם קאַפּיטאַל צו פינאַנסירן די צייטונג היינטיקע וואָך? פאַר אָט־דער דילעמע בין איך געשטאַנען וואָך־איין און וואָך־אויס אין משך פון די אַלע יאָרן וואָס די צייטונג עקזיסטירט. דאָס פאָדערט די פולע אויפמערקזאַמקייט און די פול־וואָכיקע פאַרנומענקייט פון אַ מענטשן. און בעת איך שרייב אָט־די שורות קען איך נאָר האָפן און בטחון האָבן אַז מיר וועט געלינגען צו שאַפן די פינאַנצן פאַר דעם היינטיקן נומער. אין קאַסע פון „וואָכנבלאַט״ זיינען זיי, לײדער און לײדער, ניטאָ.

איך דין אויך דעם וואָכנבלאַט ווי איר רעדאַקטאָר. און אויך אָט־די אַרבעט קען ניט אָפּגעטאָן ווערן מיטן שם המפורש. די אָרימסטע צייטשריפט אויף דער אידישער גאַס האָט איר אָנגעשטעלטן רעדאַקטאָר, וועלכער טוט קיין אַנדער זאַך ניט חוץ זיין רעדאַקטאָרישקייט. דאָס פילט אויס זיין וואָך אַרבעט, צי זיין חודש אַרבעט און פון דעם ציט ער זיין בכבודיקע חיונה.

בין איך, צו דעם, אויך 4) דער פאַרוואַלטער פון „וואָכנבלאַט״; 5) דער עקספּעדיטאָר; 6) דער סעקרעטאַר; 7) דער איינציקער פון צייט־צו־צייט רייזנדיקער פאַר דער צייטשריפט; 8) דער אַנאָנסן־קריגער; 9) דער אַראַנזשירער פון די „וואָכנבלאַט״־קאָנצערטן און יום־טובים און 10) דער לעקטאָר״.

ב

מיט עטלעכע יאָר פריער, דעם 16טן אָקטאָבער, 1942, אין מיטן פון דעם מלחמה־פלאַקער, ווען פּראָספּעריטי איז דאָ אין לאַנד געווען ברומו של עולם, און שלוחים פאַר אַלץ־און־אַלעם פלעגן פון נעוויאָרק הבירה פאָרן און גלייך צוריקקומען מיט אָנגעלאָדענע זעקלעך „מעזומאָ״, האָב איך, אונטער דער לאַסטיקער געפּענטעטקייט פון מיינע צען־גאַרנדיקע פליכטן, זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן פון יוניאָן סקווער, און אין רעזולטאַט, האָב איך געמוזט „נעמען דאָס וואָרט״, און, צווישן אַנדערעס, ריידן צו אונזערע לייענער וועגן זייער מינימום התחיבות צום „וואָכנבלאַט״:

„אויף דעם קאָלום פון דעם „וואָכנבלאַט״ איז אונז שוין ניט איין מאָל אויסגעקומען צו ריידן צו אונזערע דיסקרימינירנדיקע לייענער סיי וועגן די אויפגאַבן פון דעם איינציקן פּאַרטיילאָזן זשורנאַל ביי אידן און סיי וועגן די מיטלען ווי אים צו באַפעסטיקן און אים פאַרזיכערן מיט אַ מער־ווייניקער נאָרמאַלער עקזיסטענץ. כאָטש

איניקע פריינט וואַרפן אונז פאָר, אַז מיר רעדן ניט אָפּט וועגן די וויכטיקע אויפגאַבן פון אונזער־אייער צייטשריפט, אַז מיר רעדן ניט הויך גענוג וועגן אירע מעלות, דאַכט זיך אונז, אָבער, אַז מיר מעגן האָבן צוטרוי צו דער אינטעליגענץ פון דעם וואָכנבלאַטניק — אַז ער האָט, אין בולטע שטריכן, תופס געווען דעם עצם מהות פון דער אַזוי־גערופענער „וואָכנבלאַט״־פילאָסאָפיע. וואָס עס איז, אָבער, שייך צו זיין אינטערעס אין העלפן געפינען די מיטלען אויף צו באַפעסטיקן אָט־די שריפט — דאָ האָט דער „קורא נכבד״, ליידער, (מיט קליינע אויסנאַ־מען, נאַטירלעך), ניט דערפילט דעם מינימום, אַפילו, פון זיינע התחייבותן. וואָס הייסט — וועט אונזער יחסנדיקער לייענער פרעגן — דער מיני־מום התחייבות וואָס זיין צייטשריפט דערוואַרט פון אים? עס הייסט — אין סאַמע ערשטער ריי — אָפּצאָלן דער ווייט־ניט־רייכער שריפט די אַבאָנעמענט־סומע. פון דערפילן אַזאַ מין „קליינקייט״ וואָלט דאָס „וו.״ (ווען יעדער לייענער וואָלט אַליין אַריינגעשיקט זיין אַבאָנעמענט־אָפּצאָל), באַרייכערט געוואָרן מיט אַ היפּשער סומע געלט — אַ סומע, מיט וועלכער מען וואָלט געקענט אָנהויבן בויען אַ נאָרמאַל־ציר־קולירנדיקע וואָכנשריפט. אָן אָט־דער סומע קען מען נאָר פירן אַ קלעגלעכע עקזיסטענץ. אָן דער קאָאָפּעראַציע פון די מערסטע אונזערע לייענער קענען מיר, פשוט, ניט צעשווינגען אונזער אַרבעט — אָן אַרבעט אין און פאַר די אינטערעסן פון דעם זעלבשטענדיק־דענקענ־דיקן אידישן מענטשן״.

ג

אין קומענדיקן נומער, פון 13־טן נאָוועמבער, 1942, האָב איך, ווי געוויינלעך, אין פולער אָפנקייט, גערעדט צו אונזער לייענערשאַפט, אַז דאָס „וואָכנבלאַט״ איז „אין קלעם״:

„די באַשיידענע דערקלערונג פון דער „וואָכנבלאַט״־רעדאַקציע אין פאַריקער אויסגאַבע האָט, ליידער, ניט אַרויסגערופן צום לעבן די געוווינטשטע רעטונג־כוחות. דאָס „וואָכנבלאַט״ איז נאָך אַלץ אין קלעם. פון אייער טריבונע קען נאָך אַלץ רעגלמעסיק, וואָך־אין־וואָך, ניט געהערט ווערן דאָס געגאַרטע וואָרט. און כל־זמן דעם זעלב־שטענדיק־דענקענדיקן אידישן לייענער איז ליב אָט־אָ־דער צושטאַנד איז ער אונז — די פרייע, בונטאַרישע שריפטשטעלער — ניחא.

מיר האָבן אין לעצטן נומער ניט גערופן דעם לייענער אונזערן צו ברענגען, חס־וחלילה, וועער ווייסט וועלכע קרבנות. מיר האָבן ביי

אים געמאַנט זיין אַבאָנעמענט־אַפּצאָל — און אַט־די סומע האָט ער אויך פאַרריגלט־און פאַרזיגלט מיט ריזיקן שלאָס פון זיבן פּאָר אויגן.

אין זעלביקן נומער „וואָכנבלאַט”, וואו אונזער רוף איז דערשי־נען, זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אייניקע אַרטיקלען — ווי אין יעדן נומער, כמעט — וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויסן אינטערעס אין אונזער לייענער־מחנה. „דער אַרטיקל פון דעם און דעם איז אַ מיליאָן־דאָלאַר אַרטיקל”, „די פּאָלעמיק פון פלוני בן פלוני איז טויזנט דאָלאַר אַ וואָרט”. וואָס מיינען די אַלע ווערטער אויפן וואָג פון מעשים? פון די אַלע ענטוזיאַסטן צוזאַמען און ניט אַריינגעקומען קיין איין הונדערטער אַפילו.

איצט, ליבער לייענער, לאָמיר נעמען אַ פעדער און מאַכן דעם חשבון: קיין פּאַרטיי צו סובסידירן אייער פרייע טריבונע האָט ניט דאָס וואָכנבלאַט, דער מעצענאַטן־אַרטיקל (אַלאַ אומות העולם) איז ביי אונז ניט בנימצא. האָט דאָס „וואָכנבלאַט” שלום־געמאַכט מיטן געדאַנק צו שפּייזן זיך לויטן בודזשעט פון קופּערנע מטבעות. און וועגן אַט־די קופּערנע מטבעות האָבן מיר גערעדט צו אייך אין לעצטן נומער וואָכנבלאַט!

צו אייך! ווער־איז־ווער צווישן אייך? פאַראַן פּרעזידענטן פון בענק און פאַראַן פּרעזידענטן פון אידישע קולטור־אינסטיטו־צעס — קיין לעבעדיקן פּינפּערל פאַר אַ פּריש־צאַפּלדיקן אידישן זשור־נאַל האָבן זיי ניט אַריינגעשיקט.

צו אייך — ווער איז דאָס מוכן ומזומן לאָזן אונטערגיין אַ וויכ־טיקע אידישע צייטשריפט — די איינציקע אין איר מין אין פּיל היגזיכטן? — מענטשן וואָס האָבן אָנגעזאַמלט אוצרות פון אידישן וואָרט, לייט וואָס זיינען דאָ אין לאַנד פּעט געוואָרן פון דער בידנער מומעניו אידיש.

און איצט, ליבער לייענער, אַז מיר האָבן פּאַר אייך אויפגעהויבן דעם שלייער און געוויזן אייך דעם אמתן אמת פון דער לאַגע, וועלן מיר, פונדעסטוועגן, ניט אָנשלאָגן קיין טאָן פון אַלאַרם. מיר ווילן נאָר דאָ ווידערהאָלן: דאָס ניט־רעגלמעסיקע דערשיינען פון וואָכנבלאַט איז מער אייער פאַרלוסט ווי עס איז דער פאַרלוסט פון דעם פרייען אידישן שריפטשטעלער.

ווידערהאָלן מיר: קלאַמערט זיך אַרום דעם „וואָכנבלאַט” כל־זמן די צייטשריפט איז נאָך דאָ, ווייל און ווייל — קיין וואָכנבלאַטס ווערן ניט געשאַפן מדי יום־ביומו.”

ד

סוף דעצעמבער, 1950, האָבן מיר ווידער גערעדט צו אונזער משפחה וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ 16־זייטיקן פאָרמאַט, אין וועלכן לבוש דאָס „וואָכנבלאַט" מוז זיך אויסצירן כדי צו קענען אָנהאַלטן דעם חן ביי זיין שפייזער, — זיין עקסעלענץ, דער אַבאָנענט.

„כדי, אָבער, מיר זאָלן קענען, מיט אַ רואיקן קאָפּ, פּלאַנירן און אָנפירן אָט־די פאַרגרעסערטע קולטור־אינסטיטוציע — מוזן אונזערע פריינט אויך פאַרקאַשערן די אַרבל. ערשטנס, פאַרגרעסערן מיר דעם פרייז פון „וואָכנבלאַט" אויף איין (1) דאָלאַר אַ יאָר — ד. ה. פון 6 דאָ־לאַר אויף 7. אָבער דאָס איז ווייט ניט גענוג. צו דעם מוזן מיר האָבן אַ צאָל „ספּאָנסאָרס" מיט אַ יערלעכער באַשטייערונג פון 25 דאָלאַר און מער. אָט־די „ספּאָנסאָרס" וועלן מיט זיך פאָרשטעלן דעם אמתן כוח מיט וועמעס שטיצע דאָס פרייע „וואָכנבלאַט" יועט קענען נאָך פעסטער זאָגן און פאַרטיידיקן דאָס בונטאַרישע וואָרט.

„אָט־די „ספּאָנסאָר"־אידייע איז ניט אינגאַנצן קיין נייע אין לעבן פון „וואָכנבלאַט". מיר האָבן זיי געהאַט ביז איצט, און אָן זיי וואָלט קיין קיום־„וואָכנבלאַט" ניט מעגלעך געווען. אָבער איצט מוז זייער צאָל פאַרגרעסערט ווערן ביז מינדנסטנס 400.

„מיר טרעטן, דעריבער, אַריין אין 16־טן יאָר, מיט פולן צוטרוי אין אונזערע אויסגעפּרובירטע פריינט — די 400 „אינדעפּענדענטס" פון דער אינטעלעקטועלער אידישער אַמעריקע."

ה

וואו האַלט איצט דאָס „וואָכנבלאַט", און וויפיל „ספּאָנסאָרס" האָבן זיך אָנגערופן?

ענטפערן מיר: אין גאַנצן קיין קול קורא במדבר איז אונזער רוף ניט געווען. די פופציק „ספּאָנסאָרס", וואָס האָבן זיך אָפּגערופן קען מען ניט ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. עס איז, מערטטנס, זיי צו פאַרדאַנקען דער קיום פון „וואָכנבלאַט" אין די ערשטע דריי חדשים פון היינטיקן יאָר, אָבער די 350 „ספּאָנסאָרס", וואָס געפינען זיך אין אונזער מחנה, און די וואָס פאַרהאַלטן די 25־קער, נעמען דערמיט אָוועק דעם רוח־חיים, דעם זויער־שטאָף, פון זייער־אונזער צייטשריפט.

צו דעם וואַרטן כמעט אַלע לייענער אויף „בילס״, אויף דעם פאָרמעלן חשבון, און שיקן דערוויייל ניט אַריין די סובסקריפשן־געלטער פאַר 1590. — די זיבן־דאָלאַרדיקע, וואָס זיינען דער סאַמע פונדאַמענט פון דעם „וואָכנבלאַט.״

בעת די שורות ווערן געשריבן איז שוין די זיבעטע וואָך וואָס אייער צען־גאָרנדיקער באַדינער איז — פאַר די פולע 18־שעהדיקע זיבן טעג פון וואָך — אַ ניט־באַצאָלטער דינער, ווייל די קאַסע איז ליידיק, לײדיק, און נאָר די איינציקע יענטע סערדאַצקי האָט מיט איר זיבעטן חוש דערשמעקט די געפאַר און האָט פון אירע רעליף־געלטער אָפּגעריסן אַ לייבן־טייל, און האָט, אַזוי אַרום, שוועסטער־אַרטיק, דראַמאַטיזירט איר פול־מויליקן „הושיעה נאָ״.

פון סיום צו בראשית...

א

אין מיין איצטיקן קאַפּיטל, ווי אַ דערוואַרטעטער סך־הכל פון 400 פאַרענדיקטע „וואָכנבלאַט"־געביידעס, וועל איז מיך באַגרענעצן מיט 400 ווערטער, כדי וואָס מער לעכצנדיקע מיטאַרבעטער (און מעג־לעכע מאַרגנדיקע אַנטרינענע) זאָלן קענען קומען צום וואָרט.

אויף צו מסביר־זיין, ווי געהעריק, אַט־דעם נאַר־וואָס־אָנגעשרי־בענעם זאַץ, וואָלט איך געדאַרפט מאַנאַפּאַליזירן דעם גאַנצענעם נו־מער, — און דער באַרופענער לייענער וואָלט געשטוינט פון דער ספור המעשה אונטער וועלכע אומשטענדן עס איז מיר אויסגעקומען צו גרונ־טיקן און טורעמען יעדן איינעם פון די 400 בנינים „וואָכנבלאַט".

ב

זינט דער באַהאַלטענער איד קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט אַמע־ריקע איז נאָך קיין היגער וועכנטלעכער פּאַרטיילאָזער זשורנאַל ניט דערקראָכן צום סיום־גרענעץ פון ערשטן יאָר. קיינעם, הייסט עס, ניט קיין יחיד און ניט קיין גרופּע, איז ניט געלונגען צו דערווערבן דעם שם המפורש מיט וועלכן צו שטרייטן קעגן די אַל־מאַסקירטע מלאכי חבלה, כדי דאָס געפּענטעטע וואָרט זאָל זיך אויף דער פריי קענען אַרויסרייסן — און כדי די דאָן־קיכאָטישע „זוכער פון אמת" זאָלן אים קענען דערהערן. בין איך, דעריבער, אין דער אַבסאָלוטער אויסנאַמלעכער לאַגע, צו קענען דערציילן פּאַטעטישע פּרטים וועגן יציאת־ה„וואָכנבלאַט", וואו יעדער איינציקער נומער האָט נאָר גע־קענט צום לעבן קומען לויט אַ באַזונדערן געשטאַלטיקטן פּראָיעקט, אַזוי אַז די ספורי־„וואָכנבלאַט" וואָלטן מיט זיך פאַרגעשטעלט די דברי הימים פון 400 אידישע קולטור־פּראָיעקטן אין אַמעריקע.

ג

הכל יודעים, אַלע ווייסן, אַז כדי אַ חי, אַ לעבעדיקס, זאָל קענען זיין אַ „נושא את עצמו", זאָל זיך האַלטן, הייסט עס, אויף איי־

גענע פיס, מוז עס אָטעמען לופט. טאָ ווי איז דער דין, אַז מענטשן ווע־מען איך האָב אין לויף פון מיינע קאַרגע 30 יאָר פּאַרלעגערישע און רעדאַקטאָרישע טעטיקייטן זיי היפּשע שטרעקעס מיטגעטראָגן אויף מיינע געבויגענע שולטערן, ביז איך האָב זיי, לפי כוחי, געהאָלפן דער־קלעטערן צו שטעלעס, בכבודיקע, אין אַלע היגע אידישע צייטונגען, און זיי, אין זייער נאָבלקייט, האָבן מיר דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט — טאָטאַלער אַנטלופטונג? ווייסט איר, רבותי, דעם טייטש פון טאָטאַלער אַנטלופטונג? דער טייטש איז: ווען אָט־יענע מיטאַרבעטער מיינע האָבן דערוואָרבן פיינע שטעלעס, טעגלעכע קאָלומס און צענדליקער טויזנטער לייענער האָבן זיי אין לויף פון די אַלע יאָרן פון מיינע מוראדיקע ראַנגלערייען באַוויזן ניט איין־איינציקן מאָל צו דערמאָנען דאָס וואָרט „וואָכנבלאַט”, בעת זיי האָבן גאָרניט אויפגעהערט צו צע־שרייבן זיך מיט קאָלומס אויף קאָלומס איבער אָ ליאַדע בלעטל, — אָט־דאָס, מיינע פריינט, איז דער טייטש פון טאָטאַלער אַנטלופטונג.

און כאָטש איך ווייס אַז די אידישיסטישע סדום־ועמורהס וועלן ווייטער אָנהאַלטן זייער אַנטלופטונג קעגן „וואָכנבלאַט”, וועל איך, „כל זמן שהנשמה בקרבי”, מיט גאָטס הילף, מיין פאָכנדיקע שווערד ניט צוריקציען אין שייד, נאָר נעמען פעכטן מיין נייעסטן שלאַכט־פּראָיעקט.

די פּאָן, די האַנט און די מחנה

כּדי אַ געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג — וועלכע באַוועגונג עס זאָל ניט זיין — זאָל זיך קענען מיט אימפּעט און מיט אַנזען געבן אַ הויב אָן, זיינען נויטיק, אוממיטלבאַר, פאַר איר: 1) אַ פּאָן; 2) אַ האַנט וואָס זאָל זיך אין אָט דער פּאָן געבן אַ קלאַמער איין און איר הויכן און הויבן; און 3) אַ מחנה פון אויסגעפּרובירטע הייסע אָנהענגער וואָס זאָל גרייט זיין נאָכצוגיין אָט־דער האַנט וואָס הויבט און הויכט די פּאָן.

אונזער לשון אידיש אין אַמעריקע פעלן אָט־די דריי פאַק־טאָרן: 1) קיינער, ניט קיין יחיד און ניט קיין גרופּע האָט ניט גע־מאַכט פון אידיש קיין פּאָן; 2) קיין איין האַנט, ניט פון קיין יחיד און ניט פון קיין גרופּע האָט ביז איצט ניט אַרויסגעוויזן דעם ווילן, דעם דראַנג צו וועלן איינקלאַמערן זיך אין אָט־אַזאַ פּאָן ווען זי זאָל זיך אַ וויי־טאָן און 3) עס זעט זיך ניט די באַשטימטע שיכט, צי גרופּע מיט אויסגעשטאַלטן ווילן און קאַמף פאַר אידיש וואָס זאָל נאָכגיין, זעלנעריש, געמושטירט, שורותוויז הינטער אָט־דער האַנט וואָס טראָגט די כוואַליענדיקע קעמפערישע פּאָן פון הייליקן לשון אידיש אין יונגן לאַנד אַמעריקע.

די אַפּוועזנדיקייט פון אָט־די דריי פאַקטאָרן איז אי מערק־ווירדיק אי אומפאַרשטענדלעך. מערקווירדיק, ווייל אַמעריקע איז דאָס סאַמע לאַזבאַרע לאַנד פאַר כלערליי, מעגלעכע און ניט־מעגלעכע, אויפגייעניש, באַוועגונגען, פלענער, „פאַונדיישאַנס" און קאָמיטעס. איז פאַרוואָס זאָל זיך ניט יאַווען אויך אַ ווייטסטער קרוב, צי גואל פאַר דער בידנער שטיף־שוועסטער, אידיש? און אומפאַרשטענדלעך, ווייל פון אַ ריין מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט האָט געדאַרפט און געמוזט עקזיסטירן אַ שטאַרקע פּראָ־אידיש אָרגאַניזאַציע — צו פאַרטיידיקן די פּראָסט־און־גראָבע קעשענע־אינטערעסן פון די צענד־ליקער־טויזנטער פּראָפעסיאָנאַלן וואָס ציען זייער טעגלעכע חיונה פון דער אידישער שפּראַך. איך זע זיי אין די טויזנטער און טויזנטער, כן ירבו. די טויזנטער אידישע לערער; די הונדערטער אידישע שרייבער; די צענדליקער אידישע סעקרעטאַרשעס; די טויזנטער אי־דישע רעדנער; די הונדערטער אידישע אַקטיאָרן; די צענדליקער אי־

דישע יוניאָן־פירער; די טויזנטער אידישע משולחים; די הונדערטער אידישע פּובליסיטי־לייט; די צענדליקער פּאָליטישע אידישע אַלץ־וויסער און אַזוי־געררופענע ראַטגעבער; די טויזנטער אידיש־אידישע רבנים און כלי־קודש; די הונדערטער פּרעזידענטן און שלל־באַאַמטע פון די סאָסייעטיס און די צענדליקער שיינע באַלעבאַטים וואָס האָבן אַ טבע פון צייט צו צייט אַ פלירטעווע צו טאָן מיט דער היפּש־חנוודיקער בלאַנדינקע — פריילין אידיש.

גאָט אין הימל! וואָס פאַר אַ מעכטיקע אַרמיי אָט־די אַלע קאַטעגאָריעס אידן האָבן דאָס געקענט און געדאַרפט און געמוזט אויסמזשטירן פאַר אידיש־אידישקייט אַלס די גרעסטע דאַמבע קעגן דער איינשלינגונג פון דער אידישער מינאָריטעט מצד די אימהדיקמעכטיקע אַסימילאַציע־שטראָמען וואָס טראָגן זיך אַזוי אוממיטלבאַר איבער אונזערע קעפּ! זיי האָבן דאָס געדאַרפט און געמוזט טאָן, ווי געזאָגט, שוין צוליב די גראָבע קאַריעריסטישע אינטערעסן. די אָבוועזנקייט פון א פאָן אידיש, אַ האַנט שכולו אידיש און די מחנה־אידיש — איז דאָס ניט די גרעסטע געזעלשאַפטלעכע אוםפאַרשטענדלעכקייט אין דער יונגער געשיכטע פון דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע?

און אויב אָט־די אַלע גרופּן, שיכטן זאָלן האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייערע קלאַסן־ (רוף עס קעשענע־) אינטערעסן — טאָ זאָל זיך וועגן דעם דער אַלץ־לייזנדיקער און אַלץ־פאַרזאָרגערישער מאַרקסיזם זאָרגן. די באַוועגונג פאַר אידיש קען, ווי עס זעט אויס, ניט קריגן דעם ערשטן ריר פון ריין־אוטיליטאַרישע מאָטיוון. קען ניט און וועט ניט. דאָ מוז אַ ווייע טאָן אַן אַנדער מין ווינט. ווייל אין פּאָטענץ איז אַלץ גרייט צו נעמען זיך רירן, פורעמען, אָננעמען געשטאַלטונג. אַלץ איז שוין גרייט. און די פאָן — לאָמיר אייך מגלה סוד זיין — איז שוין אויך דאָ. מען דאַרף זי נאָר אַרויסנעמען פון די טשערנאָוויצער קעלערן און זי אָפּשטויבן, אויסגלעטן. און אַ האַנט, אַ קלאָמערנדיקע, איז שוין אויך דאָ. די צאַרטע „וואָכנבלאַט״־האַנט איז גרייט, אין פולן ערנסט, מיט אויסגעפּרובירטער עקשנות און מיט אָנגעגליטן ווילן אויפצוהויבן אָט־די דגל מחנה־אידיש. אַלץ וואָס פעלט איז די מחנה פון הייסע אָנהענגער וואָס זאָל גרייט זיין צו ענטפערן אויף דעם ערשטן רוף אין דינסט פון אידיש־אידישקייט.

די פאָן איז גרייט, די האַנט איז אויסגעשטרעקט און זיי ביידע, די פאָן און די האַנט, וואַרטן אויף דער מחנה.

די „פינעף־און־צען" מעצענאַטן

אונזער חשובער קאָלעגע גרשם באַדער, אין זיין היינט־וואָכיקן ערנסטן אַרויסטריט קעגן דער פּאָליטיק אין אַ גלאָז וואַסער וואָס עס בלעזלט זיך אַרום די מ׳שטיינס־געזאָגט פּריזן, רעדט נאָר אַגב־אורחא־דיק וועגן די „עטלעכע הונדערט דאָלער". און גראָד וועגן דעם ווילט זיך זאָגן אַ וואָרט.

עס זעט מיר אויס, אַז אויך דער פּרייז־אַראָפּפאַל פון מעצענאַטס־טוואָ אויף אונזער ליטעראַרישער עוועניו דאַרף צוגעשריבן ווערן צו דער מלחמה. ווען מען זאָל, צ. ב., אויסלייגן אַ נייעם שליאַך פון בלייענע שורות — בלייענע שורות פון אידישע אותיותלעך וועגן דעם איבערנאַכט־אויפגעקומענעם גוואַלדאַ־מעצענאַט לואיס לאַמעד — וואָלטן די שורות געקלעקט פון ניו־יאָרק אַזש ביז דעטראָיט — די מעקאַ פון ניגעריש־געבענטשט־און־געזאַלבטער מעצענאַטסטוואָ. ווען ישראל מעץ, מאָריס אייזמאַן, בנימין ווינטער, א. אַנד. פלעגן „אין די גוד אָלד דעיז" אויסגעבן אויף דער אָדער יענער קולטור־אונטערנעמונג טויזנטער — אויב ניט צענדליקער טויזנטער — דאַלאַרן פלעגט מען ניט בלאָזן וועגן דעם אַפילו מיט אַ פינף־סענטיקן פייפל. זעלטן־ווען פלעגן עטלעכע ווינקל־פּאַררוקטע שורות געדרוקט ווערן וועגן דעם אין דער אידישער פּרעסע. און היינט, אָבער, היינט — וויפל ווערט דאָ צעליאַרעמט וועגן די עטלעכע הונדערט דאָלער אַ יאָר וואָס דער לאַמעד־פּריז באַטרעפט? שוין באַלד נישט געבליבן אויף איסט־בראָדוויי קיין אידישער צייטונג־אַנגעשטעלטער וואָס זאָל ניט האָבן באַשריבן די וואונדוירים פון דעם דעטראָיטער אידישן סוחר.

דער שעדלעכער רעזולטאַט פון אַט־דער לאַמעד־רעקלאַמע איז, אַז טאָמער האָט ווער געחלומט פון אַרויסשלעפּן אונזער פאַרהאַקטן ליטעראַרישן פערד־און־וואָגן, אויפן ברייטן טראַקט, האָט אים די וואולגאַרע רעקלאַמע אַרום דער גראָשענער מעצענאַטסטוואָ פאַרשלאָגן דעם אַפּעטיט.

די אינטערעסן פון יעדער ליטעראַטור, און אַ פשיטא שוין פון דער אידישער, פאָדערן אַז מען זאָל ניט פאַרציגיינערן ערנסטע, אויב ניט אייביקע, גייסטיקע ווערטן. און אין דעם פאַל, פאָדערט די פשוטע אַנשטענדיקייט, אַז מען זאָל ניט טרומייטערן אַזוי פיל וועגן אַזוי ווייניק . . .

אידיש אויף סובסידיע

מען לערנט ביי אונז לעצטנס פאַלש דעם פשט פון קיום אידיש. אויב, לערנט מען, אַ אידיש־אינסטיטוציע האָט, לויט די כללים פון חכמת החשבון, אַ געלט־פאַרלוסט, — ד. ה., אַז די הוצאה קען זיך ניט באַלאַנסירן מיט דער הכנסה — האָט ניט, במילא, די געגעבענע אינסטיטוציע קיין זכות הקיום, ווייל ס'איז אַ שרייענדיקער סימן פון אומפאַרמיידלעכן אונטערגאַנג.

אַזוי לערנט מען ביי אונז לעצטנס דעם פשט וועגן קיום־אידיש. און אַזוי טייטשן אַ הויפּט־קאַפּיטל פון אונזער קולטור־לעבן איז פאַלש, איז עוולהדיק, איז שעדלעך און אומברענגעריש.

און אַ ראיה וועלן מיר ברענגען פון אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקע און פון אַזאַ שפּראַך ווי אַמעריקאַניש, ד. ה. ענגליש.

נעמען מיר, אַלס ביישפּיל, די פּאָעזיע אין דער ענגלישער שפּראַך. ס'איז אַ פאַקט, און אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז פאַר עכטע פּאָעזיע־ביכער פאַר דערוואַקסענע איז ניטאָ קיין מאַרק אין אַמעריקע, און, במילא, שלאָגן די פראָפיט־נישטערנדיקע פאַרלעגער ניט אָפּ די שוועלן פון די גרעניטש־ווילעדזש יחסנים. ווען מען נעמט נאָך אין באַטראַכט די כלערליי קולטור־פאַבריקלעך וואָס וואַרפן אַרויס יערלעך פאַרן בוך־מאַרק אַזוי־פיל און אַזוי־פיל מיליאָנען פּאָטענציעלע קאָנסומענטן, אָנהויבנדיק פון די פינף־יעריקע מתמידים פון די „נוירסערי־ריימס", ביז די זוברעוועך פון די לאַנגפעלאָו־פערזן, און די ווייטערדיקע שפּאַן־שטעלער צו קאָלרידזש אַזש ביז צו שעקספּירס — באַגרייפט מען דען וואָס פאַר אַן אַרמיי עס מאַרשירט אויף לאַנד אַמעריקע אין שלונג און אין פרעס פון פּאָעזיע? און ווייסן דען מיר ניט דעם גוואַלדאַ־ווערט פון עטלעכע און צוואַנציק טויזנט צייטשריפטן וואָס גיבן זיך יעדע וואָך אַ צעזינג און אַ צעזאָג וועגן די 48 פערזן־זייטלעך פון דעם און פון יענעם דיכטער־יונג?

און דאָך, און דאָך — קיין פאַרלעגער, — קיין איין־און־איינציקער איז פאַר פּאָעזיע ניטאָ.

און שפּילט, לעצטנס, אויך די ראַדיאָ — ווי די מאָדע, הפּנים, פאָדערט — אויף דער לירע פון דער שירה, און אין כמה־וכמה מיליאָנען היימען ווערט אויף זילבערנע טאַצן, מיט אַזוי פיל גראַציע, און פאַר־וויגנדיקער זינגעוודיקייט אַזש צום מויל צוגעטראָגן דאָס מאַניענדיקע

לירישע וואָרט פון די יונגע און קיינמאָל־זיך־ניט־עלטערנדיקע על־טערע אַמעריקאַנישע דיכטער, — נאָר צו קיין מאַרק דערגייט עס ניט. דאָס נעמלעכע לאָזט זיך הערן פון דער אָפּערע,—וואו די אַנשי־400 פוילן זיך ניט צו משלם־זיין צוויי־מאָל ח״י דאָלאַרן ביי יעדן פאַרנויג פאַר דער טיר, נאָר צו קיין תכלית קומט עס ניט. יעדן יאָר דערגייט דער אונטערגאַנג־געשריי פון דער „מעטראָפּאָליטן אָפּערע־הויז״ עד לב השמים.

און וואָס איז מכוח די מיליאָניקע „פאַונדיישאַנס״ וואָס ווערן וואָך־איין־וואָך געגרינדעט און געגרונטיקט לטובת אַ קאָלומביאַ או־ניווערסיטעט, צי אַ „יעיל״, צי אַ האַרוואַרד? ווען ניט די מיליאָניקע מתנות, און די מיליאָניקע ירושות וואָלט קיין אוניווערסיטעט, — קיין טעמפּל פון גייסט און פון תורה, — ניט געקענט זיין אַ נושא את עצמו.

און אָט איז נאָך אַ ראיה: דער באַרימטסטער פון אַלע ענציקלאָ־פּעדיעס אין אַמעריקע — די „בריטאַניקאַ״ — וואָלט שוין לאַנג צו באַנקראָט דערגאַנגען ווען ניט דער אידישער פילאַנטראָפּ ראָזענוואַלד מיט זיין 10־מיליאָניקער סובסידיע־מתנה.

היוצא מדברינו: קיין אינסטיטוציע פון גייסט און פון לערע, — קיין טעמפּל פון עסטעטישע, צי פון עטישע ווערטן, — קען אין אַ וועלט־פון־געלט ניט עקזיסטירן אָן די זיילן פון סובסידיע. און ווען מען ליאַרעמט אַז אידיש גייט אונטער, ווייל ס׳איז דאָ און דאָרט פאַראַן אַ געלט־דעפיציט איז עס פאַלש, איז עס עוולהדיק, איז עס שעדלעך און אומברענגעריש.

אידיש איז נאָך איצט אַ גרויסער ענין אין אַמעריקע. אידיש איז נאָך איצט אַן אומגעהויערער דערפאָלג דאָ אין לאַנד. מען האָט נאָר פאַלש געלערנט דעם פּשט. מען האָט פון דעם אידיש־קוואַל געוואָלט אַרויסשלאָגן אַזעלכע קוואַנטומס מיט רווחים, וואָס דער פיל־צאָליקערער ענגליש־מאַרק קען דאָס ניט באַווייזן.

און וועט מען, מיט התמדה, נעמען אַנדערש אויסזינגען דעם פּשט פון מסכתא אידיש, אַז דאָס געזונטע אידיש־לאַנד נויטיקט זיך, — צוליב עקספּאַנסיע און צוליב פאַרטיפונג, אין געלט־סובסידיעס, צי אין אַרבעט־סובסידיעס (ווי עס איז דער פאַל מיט דעם קולטור־טוער חיים סיגאַל מיט זיינע חברים אין פאַסייק, וועלכע קענען גענומען ווערן אַלס מוסטער פון אַרבעט־סובסידיע — און וועגן וואָס ס׳וועט זיך לאָזן זאָגן אַ וואָרט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט) — וועט דאָס לערנען האָבן אַ פּעולה, און אידיש וועט נאָך אין אונזערע טעג דערהערן די טריט פון גאולה.

„פויל, זענט איר פויל"

„ויאמר נרפים אתם
נרפים על כן אתם
אומרים נלכה נזבחה לה'"
שמות, ה', י"ז

א

איך ליי דאָ אויס דריי ווערטער פון פרעה מלך מצרים („נרפים, אתם נרפים" — „פויל זענט איר פויל"), און וויל מיט אָט־די דריי ווערטער מעורר־זיין יעדן איינעם וואָס האָט נאָר דעם מינדסטן שייכות מיט אָנפירערשאַפט פון דעם אידישן לעבן דאָ אין לאַנד, אַז יעדער אַקטיוער ער און יעדע אַקטיווע זי זאָלן זיך פרייווילליק און פריידיק שטעלן אין דינסט פון נאַציאָנאַלע אידישע אינטערעסן און גלייך נעמען שעפן פון שפּעפולן היגן באָדן פולע הויפנס ענערגיע, ערדישע פעטקייט, לעבנס־קראַפט פאַר דער בויאונג און קרעפטיקונג פון אונזער גאַנצער נאַציאָנאַלער אידישקייט דאָ־הי.

און איבערהויפּט ציל איך מיט די דריי ווערטער צו די באַרו־פענע פירער, — די מושכי בשבט סופר, די וואָס ציען מיט דעם סופרישן רוט — די שרייבער. איך וועל בפירוש דאָ אויסלאָזן אַלע מינים פירער און געזעלשאַפטלעכע רודערער פון אונזער עוועניו, און וועל זיך באַ־נוגענען נאָר מיט דעם שרייבערישן צעך. און עס זעט מיר אויס, ווען יעדער שרייבער־מאַן און יעדע שרייבער־פרוי זאָלן, כאָטש פאַר דער מאָביליזאַציע־צייט פון עטלעכע יאָר, שטעלן אין דינסט פון זייער פאָלק זייערע טאַלענטן און זייערע געבענטשטע ענערגיעס, און כאָטש פאַר אָט־די עטלעכע יאָר פאַרגעסן אָן דעם וואַנזיניק־פאַרגרעסערטן פינטעלע איך, וואָלטן אָט־די באַרופענע פירער — די שרייבער — געקענט נאָך איצט לייגן די פונדאַמענטן פאַר גאַנצער אידישקייט דאָ־הי.

ב

איך וויל דאָ פאַר זיי ברענגען אַ ביישפּיל פון זייערס אַ קאָלעגע — אַ זעצער. יעקב פישמאַן, הייסט ער. נאָך אַ טאָג זעצעריי,

פלעגט אָט־דער פּישמאַן געפינען נאָך אין זיך שאַפונג־כוחות, ביז ס'איז אים איינמאָל אויפגעלויכטן דער באַפרזכפּערנדיקער געדאַנק פון אַן אַמאַטאָרישן טעאַטער אין ניו־יאָרק. זייענדיק אַן אַרבעטער, מיט אַן אַרבעטער־אידעאָלאָגיע, מיט אַ חוש פאַר געזעלשאַפטלעכער אויסלעבונג, מיט שוישפּילערישע חלומות און אידעאַלן, — איז פון דעם אַלעם אויסגעוואַקסן די „פרייע אידישע פאָלקס־בינע", מיט אַ פּאָרדינסטפולער געשיכטע הינטער זיך פון זעקס און דרייסיק יאָר ערלעך־געשטרעבטן און אײדל־אויסגעשפּילטן אידיש טעאַטער.

און ווען איך בין די טעג געזעסן אין ראַדין־אוידיטאָריום, ביי זייער נייסטער אויפפירונג, און געזען ערנסטן שוישפּיל פון די „אַלד־טיימערס" — יהושע זעלדיס, חיים זיינער, מיכל ניידיטש, — פונקט ווי דעם פיינעם שוישפּיל פון די אינגערע מיטגלידער רענעי ספּעקטאָר, ליובאַ בלום־קאַנדעל, שמעון לוקס, און די אַנדערע, איז מיר פון רעיון ניט אַרונטער דער גוואַלדאַ־פאַקט, וואָס די איבער צוואַנציק מענטשן אויף דער בינע און אַרום דער בינע זיינען אַלע היפּש־באַשעפטיקטע, אַלס אַרבעטער, צי אַלס געשעפט־מענטשן, און האָבן גענוג אידעאַליזם און יוגנטלעכע באַגייסטערונג אין זיך צו אַרבעטן שווער דורך די טעג און ניט פויל־זיין דורך די אָוונטן אין משך פון פולע צוועלף־דרייצן וואָכן אויף דורכצוגיין, טאָג־אין־טאָג, אינטענסיווע רעפּעטיציע־אַרבעט פאַר דער פאָרשטעלונג, פונקט ווי פאַר די צענדליקער וויכטיקע פריער־דיקע פאָרשטעלונגען.

און ווען מען האַלט פאַרן אויג, אַז די פאַרטראַכטונג און די עקשנותדיקע דורכפירונג פון דער איצטיק־אַנערקענטער און קרע־דיטירטער אינסטיטוציע איז דער פאַרווירקלעכטער חלום פון אַ יחיד, און אַז יעדע אינסטיטוציע איז די שאַפונג פון דעם צי פון יענעם אויס־טרוימער, — ווייסן דען די שרייבער וויפיל אינסטיטוציעס, וויפיל קולטור־פעסטונגען אין פאַטענץ, עס וואַרטן אויף יעדן איינעם פון זיי?

ג

און איצט, נאָך אַ ביישפּיל פון דעם שרייבערישן שיכט:

דעם ערשטן זשורנאַל מיינעם — „אויפגאַנג" — האָב איך אין יאַנואַר, 1923, געגרינדעט, רעדאַקטירט און אַנגעפירט, זייענדיק, דורך די טאָג־שטונדן, פאַרנומען מיט מלחמת החיים ביי גאַנץ פּראָזאַ־אישע טעטיקייטן. זינט דאַן האָבן מיינע אַרויסגעבערישע און רע־

דאָקטאָרישע אַפּעטיטן זיך צעוואַקסן: פאַרלאַג „אידיש לעבן", מיט צענדליקער ביכער; צוויי יאָר „אויפגאַנג"; פינף יאָר „אונזער בוך"; צוויי יאָר „נייע יום־טוב בלעטער"; צוויי יאָר „אונזער פאָלק" (וואָכנ־שריפט) און איצט — „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", וואָס פאַרענדיקט מיט דעם נומער זעכצן יאָר פון געראַנגל פאַר קיום, פון איין זייט, און 16 יאָר פון קאַמף קעגן קליקעאיזם, גוד־באָאישקייט, ליקווידאַ־ציע און קאַפּיטולאַציע פון בילקסטן מין — פון דער צווייטער זייט.

אַנגעהויבן מיינע ליטעראַרישע עסקים האָב איך מיט די געלדער וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון דער באַראַקאָוו־שול אויף איסט־בראָדוויי, ד. ה. מיט נול, ווייל די דאָזיקע קינדער־אינסטיטוציע איז באַזוכט געוואָרן פון עטלעכע און דרייסיק אַרבעטער־קינדער, מערסטנס טאָקע, פון אָרעמע היימען. האָב איך איבער אַ יאָר געקנעלט דאָרט, ביישפּיל־לאָז, אָן שום האָנאָראַר. ווען איך דאַרף איצט איבערלעבן יענע עפּאָכע, וואָלט איך, האָפּענטלעך, ניט אָפּגעווייכט פון יענער ליניע מיינער. אָבער, דאָס איז געווען מיין אָפּגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל. און זינט דאַן זיינען שווערע צענדליקער, צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן גע־שאַפן און אויסגעגעבן געוואָרן אויף דרוק־אַרבעט.

אַנפירנדיק מיט אַזאַ באַשיידענער וואָרט־מלוכה, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו זען די גוואַלדיקע מעגלעכקייטן פאַר קולטור־בויאונג דאָ אין לאַנד. נאָר זייענדיק אַליין באַשעפטיקט אין אַ ניין־צען קאַ־פּאַציטעטן פון מיין באַלאַסטיקטער מלוכה, האָב איך, אַפילו אַלס פאַר־שריגענער כמו־„סופערמען", ניט געקענט אַריבערשפּרייזן דעם גבול פון באַגרענעצטער מענטשישער ענערגיע און וויטאַליטעט, און האָב ניט געקענט אונטערנעמען נייע אידיש־פּראָיעקטן, פרישע קולטור־אונטערנעמונגען. אָפן גערעדט: מען וועט דאַרפן שווער, שווער זוכן אַ שם התואר, צו באַצייכענען די שווערע מי וואָס איך האָב, אָן שום מאַרטירער־פּרעטענזיע, אַריינגעבויט אין מיינע עטלעכע וואָרט־בנינים.

אָבער — האָב איך ניט אויפגעהערט צו מאָנען אין דער שטיל און צו פאָדערן בקול רם — וואו זיינען די קרוב פון צוויי טויזנט אַנדערע אידישע שרייבער אין אַמעריקע? פאַרוואָס הויבן זיך ניט זייערע מוסקולן צו דער באַלעבונג־אַרבעט פון צוויי טויזנט קולטור־פּראָיעקטן וואָס וואַרטן, אין פּאַטענץ, אויף דעם זיווג־מעסיקן צוריר פון זייערע פינגער? צענדליקער פון זיי האָבן געדאַרפט און געמוזט אין לערער זיך פאַרוואַנדלען, און ווערן, אַזוי אַרום, אין קלענערע שטעט די פירערס און גייסטיקע אויסקנעטער פון די דאָרטיקע אידישע

געמיינדעס. צענדליקער פון זיי האָבן, כאָטש פאַר דער באַשטימטער מאָ־ביליזאַציע־צייט פון די עטלעכע יאָר, זיך געשטאַלטן געדאַרפט אין רייזנדע קולטור־אַמבאַסאַדאָרן, און ברענגען אין פאַרוואָרפענע אידישע ישובים דאָס קוויקנדיקע און היילנדיקע וואָרט פון לערע און פון גייסט. פון צענדליקער שעפערישע מוחות זייערע האָבן געדאַרפט אויפבליצן פראָיעקטן, פון אַלץ און פון אַלעם וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן אַלעף: פון אַ גאַנצער שולע, ביז אַן אוניווערזיטעט, ביז אַ בית ועד, אַ קלוב, אַ פאַרלאַג, אַ יוגנט און אַ פאַלק.

אָבער פונקט ווי דער גרעסטער רוב פון זיי איז וואַזיניקערהייט קאָנצענטרירט אויף דאָס פינטעלע איד, אַזוי זיינען זיי, פונקט פאַר־קערט, געשלאָגן מיט אַ פאַרשאָלטענער פוילקייט ביים מינדסטן צוריר צו קהלשע אינטערעסן.

וואָרט איך, נסים־אַרטיק, אויף דעם וואונדערפולן וועקער, וואָס זאָל מיט די אַנטליענע פרעהשע דריי ווערטער צעטשוכען דעם שריי־בער־עולם פון זיין פאַראַזיטישן דרימל, אַרויסרופן אין אים דעם ווילן פאַר נאַציאָנאַלע מעשים, און, אַזוי אַרום, אים ענדלעך, ענדלעך, אַרויפ־פירן אויף דעם וואָרטנדיקן דרך פון אמתן שרייבערישן באַרוף.

שאַרעט־שערטאָקס שטיף־ברודערישער ערנסט

א

עס זיינען דאָ פאַלן פון כבוד־פאַרשוועכריי אין דעם לעבן פון אַ פאָלק, — פונקט ווי אין דעם לעבן פון אַ יחיד, — וואו די חשיבות פון פאָלק, ווי פון יחיד, פאָדערן וואָס גיכער אַט־דעם אומווירדיקן עפּיזאָד צו פאַרבייגיין, און וואָס שנעלער אים פאַרגעסן, ווייל וועלכער עס איז אָפּשטעל אויף אַט־יענער אומווירדיקייט וואָלט צוגעגעבן וואָג צום פאַרשוועכער און אום־כבוד צום געלעסטערטן. עס זיינען, אָבער, דאָ פאַלן פון נאַציאָנאַלע, צי פערזאָנאַלע זלזולים, וואָס טאָרן בשום אופן ניט פאַרשוויגן ווערן, נאָר, פאַרקערט, די חשיבות פון פאָלק, צי פון יחיד, פאָדערן אַ־וואָס־דרייסטערע שטעלונג, אַ וואָס־מוטיקערע שטים פון מאָנונג און פון פּראָטעסט.

און — אַזאַ מאָמענט פון לעסטערונג קעגן אַ פאָלק, אין דעם פאַל, קעגן דעם קולטור־כבוד פון אידישן פאָלק — האָט לעצטנס פּאַסירט, — „בהתאסף ראשי עם", ווען די קעפּ פון אונזער אומה האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער אַמעריקאַנער קאָנווענשאָן־שטאָט, אין אַטלאַנטיק סיטי, צו לינדערן אידישע נויטן, און צו לייזן האַרבע אידישע פּראָבלעמען.

ב

עס האָט פונקט אַזוי פּאַסירט, אַז דער „להשכיחם תורתך" — דאָס צוגעוואוינען דעם היגן אידן צו פאַרגעסן וועגן דער לערע פון זיין שפּראַך, פון זיין טייערסטן קולטור־אוצר — אידיש — איז געווען חנוכה־צייט. נאָר בעת דעמאָלט איז די נאָבעלע עצה פון „להשכיחם תורתך" געקומען פון דעם מויל פון „מלכות יון הרשעה", קוועלט איצט די נעמלעכע עצה פון אַ אידנס מויל, מפּי משה שרת, אַ ישיבה־בחורשער דיפּלאָמאַט, וועמען „אומשטענדן" האָבן דערהויבן צום שטול פון אויסלאַנדס־מיניסטעריום פון דער יונגער מלכות ישראל, און וועמען

דער גאָט פון חכמה האָט, קענטיק, מיט די פיינסטע זאַלבן זיין קאָפּ באַשמירט אַזש אויפן שפּיץ פון הר הזיתים.

נאָר פאַר אַן אויסערן־מיניסטער פון ישראל איז נאָך ניט גענוג נאָר מזל, נאָר שבע חכמות, ער קומט אויך באַגאַרטלט מיט דעם רוח הנבואה. און מיט אָט־דעם גייסט פון נבואה איז ער זיך מתגלה פאַר די ראשי העם אין אַטלאַנטיק סיטי.

און ווען האָט אויף אים אַ שיין־געטאָן דער רוח ה׳? — אין מיטן טאַנץ אַרום דעם עגל הזהב! ווען די ציפּערן־שפּראַך האָט פאַרב געקראָגן, ווען שווינדלענדיקע סומען פון כסף וזהב האָבן גענומען בלענדן מיט זייער אַלמעכטיקן גלאַנץ — דאַן האָט אויף אים אַ שיין־געטאָן מיט געטלעכן גייסט, און — אַרומוויקלענדיק זיך אין זיין כמו־אליהושער פּאַלערינע — האָט ער אין פּראָפעטיש־אימפּעראַטיוון טאָן אָנגעזאָגט די שלוחים פון אַמעריקאַנישן אידנטום די פריילעכע ידיעה, די הייליג־דיקע בשורה, פון אידיש פאַרשווינדונג, פון באַלדיקן אונטערגיי פון זייער גלות־האַרב, — פון זשאַרגאָן.

ג

שאַרעט־שערטאָקס אָנקלאַפּן אין די לאַדן פון בית ישראל:

— תפוצות ישראל, זענט ווּיסן אַז אידיש איז געשטאָרבן, און „אל תבכו למת“, „איר זאָלט ניט צופיל באַוויינען דעם מת“ — האָט גע־האָט די היפּוכדיקע ווירקונג. עס האָט ספּאָנטאַן מאָביליזירט פאַר־טיידיקונג־כוחות. עס האָט אויפגעוועקט אַפילו אַזאַ לאַמיר־געמאַך־אָרגאַניזאַציע ווי דעם י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין. מע האָט שוין לאַנג פון אָט־דעם פאַראיין ניט געהערט, און אַוודאי ניט אַזאַ שטאָלץ־מענטשישן לשון. און אויך איינצלנע שרייבער האָבן זיך גענומען אויפרעגן. אפשר וועט די אויפרעגונג דערשטייגן צו דער הויך פון נקמת אדוני, ווייל אויב „אידיש איז געשטאָרבן“, דאַרפן זיך דאָך מעלדן די יורשים... וועט מען, אפשר, איצט זיך אַרומקוקן און דערזען ווער איז ווער. די אמתע יורשים וועלן דאַרפן ווייזן זייער יחוס־בריוו. און וועלן אַלע יורשים מאַכן איצט דעם אמתן געליאַרם, וועט מען נאָך אפשר אָפּ־שרייען דעם מת. די גערולדיקע געשיכטע האָט שוין בייגשוואוינט אַזעלכע דעטורן. דאָס אידישע פאָלק אַליין האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין פון די פאַרשוואונדענע. וויפל זעאונגען פון ליכטיקע מוחות האָבן

שוין געדאַרפט זיין אויסגעלאָשן און וויפל אידעאַלן פון אנשי הרוח האָבן שוין אויף די עולמי האמת געדאַרפט רוען.

נאָר פונקט ווי הערלעכע טרוימעריי מוז זיך אָנגעגענען אָן איר זיווג־מעסיקן פאַרווירקלעכער, און פונקט ווי עכטע זעאונג מוז דורכ־בליצן די וועלט פון פינצטערניש, אַזוי קען די וועלט פון גייסט ניט באַשעדיקט ווערן פון ערדישע הענט, פון אנשי החומר.

און וואָס איז נאָך מער גייסט, גייסט און קדושה גם יחד, ווי דער לשון אידיש — די מאַרטירער־שפּראַך פון דער קלאַסישער גע־רודפטער אידישער אומה?

מיט אידישן נגון אין ווייטן וועג פון וואַנדער

א.

פאַרשיידן און פילאַרטיק זיינען די וועגן וואָס פירן צום קיום פון דעם אידישן פאָלק. און ניט נאָר אין איין פאָרמע געשטאַלטעט זיך דעם אידישן יחידס אָנגעהעריקייט אָן זיין אומה. וואַרף איך אָט־די ווערטער אין דערמוטיקונג קעגן די עקסטרעמע אַלאַרמיסטן וואָס טייטלען מיט זייערע דרדקי־טייטלען אויף דעם שליידערדיקן באַרג־אַראָפּ פון דעם נאַציאָנאַלן אידישן גוף — אויב די אַלפאַרביקע אידישע גרופּן און גרופּירונגען וועלן זיך ניט אייניקן אויף פלוניס און פלוניס טעאָרעטישן קוצו של־יוד און ביז זיי אַלע, אין אָפּרוף פון פלוניס און פלוניס אַלאַרם, וועלן ניט, פּה אחד, אויסשרייען: נעשה ונשמע. די אַלאַרמיסטן וואָלט ניט געשאַדט צו דערמאָנען אַז אין יעדן דור און דור פון דער איבער־פיר טויזנט־יעריקער אידישער געשיכטע זיינען געווען סיבות גענוג פאַר אונטערגאַנגישן אַלאַרם און ניט זעלטן האָבן זיך, טאַקע, אין לויף פון דער גלותיקער אידישע געשיכטע, געלאָזן הערן די וואָרנדיקע קולות פון די דעמאָלטדיקע עקסטרעמע אַלאַרמיסטן.

און נאָך אַ וואָרט צו די 1951ער מאָדעלן פון אונטערגאַנגישן אַלאַרם: דער לפי־ערך־לאַנגער אידישער קיום קען אויפגעקלערט ווערן אויך דערמיט וואָס אין משך פון די אַלע דורות זיינען, גליק־לעכערוויז, געווען גאַנצע, דעמביקע, מיט תרי״ג מצוות־אָנגעלאָדענע אידן, אין וועמענס שיינע פּאַטריאַרכאַלישע פּנימער דער איד, אין זיין רוב מנין און רוב בנין, האָט זיך געוואָלט און געקענט שפּיגלען.

אין ליכט פון אָט־די איינצלנע זוניקע פּנימער פון די צעאיינצל־טע גרויסע אידן וואָס אין יעדן דור און דור האָבן זיך געוואַרעמט די עטוואָס אָפּגעצערטערע מאַסאָווע אידן, די פאַרהאָרעוועטע, פון־יאָך־פון־שווערן־לעבן פאַרשמאַיעטע אידן, אויסגעשעפּטע אידן, וועמען ס'איז ניט געבליבן קיין סך צייט און כוח גענוג צו קענען דינען גאָט, לויט דעם פולן אידישן געבאָט. ווי אַ שאָטן איז, אָבער, מיט אָט־דעם נאָך־מצוות־הונגעריקן אידן נאָכגעגאַנגען די בולטע געשטאַלט

פון דעם חד בדרא — צו אַט־דער פולער געשטאַלט האָט ער אַרויפ־
געקוקט און זי — אַט די חד־בדרא־געשטאַלט — איז געווען דעם
דורכשניט־אידנס מאָדעל אין זיין טאָג־טעגלעכער הנהגה. זיין שטי־
מע, צי אין האַרבן שטראָף־טאָן פון דעם מוסרניק, צי אין געמילדערטן
נחמו־נחמו־טאָן, האָט דעם אידן באַגלייט אין זיין אומעטומיקער
טאָג־טעגלעכער פּאַרנומענקייט, און זיין וואָרט האָט אים גענערט און
געקרעפטיקט.

נאָר אָפט האָט געטראָפן אַז אַ געוויסע שיכט אידן האָט געהערט
פאַלן רייד פון דעם מויל פון קהלס ראש, נאָר דעם זין פון דעם פאַר־
וויקלטן רעיון איז אים גאָר ניט קלאָר געווען — אין גאַנצן מיט
ליידיקן זיינען אַט־יענע תמימותדיקע אידן ניט אַוועק. דער זיסער,
צערטלענדיקער ניגון וואָס האָט זיך, צוזאַמען מיטן שווערן רעיון, גע־
טראָגן פון דעם פּערלדיקן מויל פון דעם רב צי פון מגיד, האָט
אַריינגעדרונגען אין האַרצן פון יעדן אידן, און מיט אַט־דעם ניגון
האָבן זיי זיך אָפט געקוויקט און געזעטיקט.

תורה און חכמה — זאָל דאָ דעריבער און דעריבער זייער גוט
פאַרשטאַנען ווערן — איז קיינמאָל ניט געווען ניט ביי אונז און
אַוודאי ניט ביי קיין אַנדער אומה ולשון דער קנין פון דעם רוב
מנין און רוב בנין פון פאָלק. ס'זיינען, אָבער, געווען גראַדאַציעס,
שיכטן־קלעטערונג, אויף דעם באַרג־אַרויף צו דער מוסטער־געשטאַלט.
ווער עס האָט געקענט מעין־זיין אין אַ שטיקעלע „פני יהושע", ווער
אין אַ מהרש"א, ווער אין אַ בלאַט גמרא מיט רש"י, ווער אין אַ פּרק
משניות און ווער אין אַ קאַפּיטל תהלים. אַלע, אָבער, האָבן געקענט
אונטערכאַפּן דעם רבינס נגון, און אַלע זיינען זיך פאַרגאַנגען אין
דער מתיקות פון דעם אידישן זמר.

אויף די פאַרשיידנאַרטיקע וואַנדער־וועגן וואָס פירן צו קיום
היהדות זאָל מען, דעריבער און דעריבער, ניט גרינגשעצן דעם אי־
דישן נגון. ער קען אַמאָל זיין אַן אומגעריכטע מעכטיקע פעסטונג
קעגן דער אַלץ צעשמעטערנדיקער גראַנד־אַסימילאַציע. ער דאַרף ניט,
אַט־דער נגון, קיין געטורעמטע טעמפּלען. ער קען זיך פיין אויפשפּילן
אין אַ ליאַדע אידישער שטוב. — אַפילו אין אַ קעלער. אַלץ וואָס
ער דאַרף איז אַ מנין פשוטע אידן מיט אַ שליח צבור צווישן זיי.

ב

די אידישע געזעלשאַפטלעכע גלעקלער האָבן אַרויסגעפירט
די מאַסן פון די היימען, זיי צוזאַמענגעטריבן אין פרעמדע און קאַל־

טע זאָלן. — דאַרף זיך אָנהויבן אַ באַוועגונג צוריקרופן די מאַסן אין זייערע היימען, אויפריכטן זייערע היימען, געבן אַ תיקון צו זייערע שטיבער — אַ נשמה.

דאָס אָוועקרייסן דעם עולם־איד פון די היימען איז איינע פון די אורזאַכן געווען וואָס יעקבס אוהלים אין אַמעריקע זיינען אַזוי אויסגעליידיקט געוואָרן פון דער נאַטירלעכער אידישער היימלעכ־קייט— דער יסוד אויף וועלכן אַ נאַציע איז געבויט. די אָוועק־רייסער פון די היימען האָבן געהאַט זייערע באַוואוסטע — און היפש־שעדלעכע — כוונות: ווייל זיי האָבן געדאַרפט זייערע הער־צער און זייערע פאַרמעגנס אויף בויען היימען איבער אַלע שבע ימים. — אָבער ניט קיין היים פאַר דעם אידן אין אַמעריקע. און דאָס האָבן זיי גלענצנד דורכגעפירט!

אַ באַוועגונג וואָס פאַרמעסט זיך אויף דעם „השיבנו אָהיים", אויף דער חשיבות פון דער היים, האָט, דעריבער, אַלע פּאָטענצן צו ווערן די מאַסן־פּאַרטיי פון דעם אַמעריקאַנישן אידן און דערמיט וועט פאַרריכט ווערן די גרויסע היסטאָרישע עוולה פון כמעט אַלע פאַרטאַטשישע פאַרטיילער וואָס האָבן אויסגעליידיקט די אידישע היים פון וועלכן עס איז אידישן אינהאַלט, האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ פּוסטקע, אַזוי, אַז אין די היימען פון ישראל ווערט גאָר זעלטן געהערט דער קול פון יעקבן, — אין היימען וועמעס ליידיקע ווענט בענקען אַזוי שרייענדיק נאָך עטוואָס וואָס זאָל זיין אידיש־היימלעך, עטוואָס פון אידישן אייגנאַרט, פון אַ מחיהדיק אידיש וואָרט, פון אַ אידישן קלאַנג און, איבערהויפּט, פון אַ קוויקנדיקן אי־דישן ניגון.

דעם שרייבערס איינציקער אָנשפּאַר...

א

איך הער זיך לעצטנס צו צו די שרייבערשע טענות דאָ און דאָרט, און הער און הער און שטוין.

אַט טענהט אַ איד, אַ גרינער, ערשט עטלעכע יאָר אין לאַנד, און הערט ניט אויף צו טענהן, און זיינע טענות צעלייגט ער אָפּט אויף די קאָלומס פון אַ אידישער אָרטאָדאָקסישער צייטונג אין ניו־יאָרק, און מיט די טענות זיינע צעפּולווערט ער כמעט יעדן אי־דישן שרייבער אין אַמעריקע. קיינער איז פאַר אים ניט גענוג אידיש, ווייל קיינער וואָרצלט — פאַר אים — ניט גענוג אין טראַדיציע און קיינער איז ניט און איז ניט.

קען מען דאָך מיינען אַז אַזאַ גוואַלדיקער פאַרנייגער איז אַליין כאָטש מלא וגדוש מיט אידישקייט און עס ווייעט פון אים ממש מיט זיו השכינה.

האָב איך, אָבער, מיין מאָס פון מעסטן אַט אַזוינע מיני שרייענ־דיקע שרייבער. איז נעם איך אַרויס מיין מאָס און מעסט: וואָס שרייבט אַזאַ איד וואָך־איין וואָך־אויס און מיט וואָס איז ער אַליין, אין זיין שרייבן, אַ מוסטער פאַר די אַלע אַנדערע, וועמען ער פאַר־טיליגט כמעט עד חרמה?

יעדן ערב שבת און יעדן מוצאי שבת האָט אַט־דער איד זיין אייגנאַרטיקן דרך ווי צו דעמאָנסטרירן מיט זיין עצם שרייבן דעם סאַמע מוסטער פון שרייבערשער הנהגה. אַט־דער שרייבערישער מורה־דרך פּירט דורך, פאַלעמיש, מיט פּסעוודאָ־פּעליעטאָניסטישער חכמהדיקייט, פאַר זיינע צאָן־קדשים, די ראשי פּרקים פון די אַמע־ריקאַנער צייטונגען און זשורנאַלן, און שאַפט דערמיט נייגעריקייט צו די נעמלעכע צייטונגען און זשורנאַלן און רופט אַרויס דער־מיט חשיבות צו די נעמלעכע צייטונגען און זשורנאַלן. וואו נאָר אַ זשורנאַלטשיק אין ענגליש צעלייגט ער עס אויף טעלערלעך. יחוסט ער זיך אָפּט מיט אידישע צייטונגען און זשורנאַלן? ווי קען ער? אין קדשי קדשים פון זיין האַרצן האָט נישט, מסתמא, אַזאַ איד קיין איבעריקע אמונה אין דער אידישער פּרעסע און האָט

ניט, מסתמא, קיין צו גרויסע ליבע פאַר דער שפּחהניו אידיש, מיט אַלע אירע גראַנגלען, נסיונות און נצחונות. און, ס׳איז אַ סברא, אַז פאַר זיין אייגן ביסל שרייבן האָט אַזאַ איד אויך ניט די העכסטע מיינונג . . .

ב

אָון אָט הער איך טענות בעל פּה:

— איר, אַזאַ אומדערשראָקענער קעמפער און פּעכטער פאַר גערעכטיקייט, זאָלט פאַרשווייגן וואָס דער קריטיקער פּלוני בן פּלוני האָט געשריבן אַזוי פיל און אַזוי פיל מעסטלעך רייד וועגן דעם עקס הגדול און האָט זיך אין גאַנצן ניט אומגעקוקט אויף דעם און אויף יע־נעם און אויף ניע־נעם!

קוק איך אויף די בעלי טענה, און הער און הער און שטוין:

זיי ווילן מיך איינריידן אַז קריטיקער פּלוני בן פּלוני ווערט ביי זיי, — ביי זיי גופא כאָטש — בטול ומבוטל.

ווי שטימט עס? אויב איינעמס וואָרט האָט קיין וואָג ניט, טענה איך צו די בעלי הטענה — וואָס טויג דאָס וועלן יחוסן זיך מיט אים? אויב, טענה איך צו זיי, איר נעמט אָן מיין טעזיס, אַז קרי־טיקער פּלוני בן פּלוני האָט לגמרי ניט צו טאָן מיט דעם ענין לי־טעראַטור־קריטיק, ווייל צו האָבן אַן אָרגאַנישע שייכות מיט ליטע־ראַטור־קריטיק מוז מען באַזעסן זיין פון דער געטלעכער אומ־מיטלבאַרער שעפערישקייט — וואָס דאָס קען ניט אויסגעקויפט ווערן מיט נודנעם, לעבלאָזן, קאָנוועַנציאָנעלן זשורנאַליזם — וואָס רעשט איר וועגן אים און וואָס שטורעמט איר קעגן אים? וואָס האָט איר גענומען — טענה איך צו זיי — איינעם וואָס איז נאָך ניט געוואָרן אַפילו קיין אידעאַלער לייענער און קען, מהאי טעמא, נישט ווערן קיין באַרופענער שרייבער און אַוודאי און אַוודאי נישט קיין קריטיקער, און האָט אים אויסגעצירט אין אַ צירק־מעסיקער הוט פון אַ גראַנד־שופט?

דער תירוץ איז, זאָג איך צו זיך אַליין, אַז ערגעץ האָבן ניט די און יענע און די דאָרטיקע בעלי־טענה קיין צו־גרויסע אמונה אין דעם כוח פון זייער וואָרט. מוזן זיי, דערפאַר, האָבן דעם אָנשפּאַר פון אַ ליאַדע כאָטש־פון־זיי אַליין־פאַלש־געקרוינטן ריכטער־איבער־די־דיכטער . . .

דער שרייבער פון באַרוף האָט נאָר איין אָנשפּאַר — אויף דער קראַפט פון זיין אייגן און געוואויגן וואָרט; מיט אָט־דער קראַפט שאַפט ער און אין זכות פון דעם לעבט ער.

אַחינו כל בית ישראל

א

מיט דעם אימפּעט פון יעדן טאָג וואָס אונזער מדינה טוט זיך, ב״ה, פּאַרפעסטיקן — מיט דעם זעלביקן אימפּעט שטייגט די רייפקייט פון בית ישראל, פון אויסגלייכן דעם שולטער און מיט ערנ־סטע בליקן אַריינקוקן דער מדינה אין דעם סאַמע שוואַרצאַפּל אַריין, לאמר, אַזוי צו זאָגן:

— לכו נא ונוכחה.

— קומט, לאָמיר זיך אַדורכריידן.

ווענן וואָס איז זיך דאָ צו מתווכח זיין?

— ווענן קיום האומה.

ב

מלוכהשאַפט ביי אידן איז ניט אינגאַנצן קיין נייער באַגריף. די אַלטע אומה האָט שוין אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם דערפון, און די ראשי העם האָבן ניט איין הייסן וויכוח וועגן דעם געפירט. און צוליב אונזער איצטיקן שמועס וועט, אפשר, ניט שאַדן צו אויסהערן אַן עד נאמן, אַ טרייען עדות. וועלן מיר אויפמישן דעם קאַפּיטל ח׳ פון שמואל א׳, און אים ציטירן דאָ אין פול, לויט דעם רבינס טייטש.

דער תנך וואָס האָט מיט דריי ווערטער געקענט אָפּשטעלן די זון אין גבעון און מיט נאָך דריי ווערטער פאַרגליווערן די לבנה ביים טאָל אַילון — אָט דער גרעסטער קמצן אין ווערטער, אין זילבן, און פון אותיות, אַזש ביז צו אַ דגש — דער תנך — האָט ווי פון אַן ערד־ציטערניש פון זיך אַרויסגעלאָזט צוויי און צוואַנציק פּסוקים, כדי מיט זיי צו דראַמאַטיזירן דעם ספּעקטאַקל פון מלוכהשאַפט, אין זיין פולער ברוטאַלקייט און גרויזאַמקייט.

און אַזוי זיינען מיר אין חדר געזעסן, און דער רבי האָט מיט אונז איינגעקנעלט דעם קאַפּיטל ח׳, פון שמואל א׳:

און עס איז געווען ווען שמואל איז אַלט געוואָרן, האָט ער גע־מאַכט זיינע זין אַלס ריכטער איבער ישראל.

און דער נאָמען פון זיין עלטסטן זון איז געווען יואל, און דער נאָמען פון דעם אַנדערן איז געווען אביה. זיי זיינען געווען ריכטער אין באר שבע.

אָבער זיינע זין זיינען ניט געגאַנגען אין זיינע וועגן, און זיי האָבן זיך גענייגט נאָך געלט־גייץ, און זיי האָבן גענומען אונטערקויף, און זיי האָבן געריכטעט פאַלש.

און אַלע עלטסטע פון ישראל האָבן זיך פאַרזאַמלט און זיי זיינען געקומען צו שמואלן נאָך רמה.

און זיי האָבן צו אים געזאָגט: זע דו ביזסט אַלט, דיינע זין גייען ניט אין דיינע וועגן; דעריבער מאַך אַ קעניג איבער אונז, וועלכער זאָל אונז ריכטן, ווי אַלע פעלקער.

אָבער די זאַך איז ניט געפעלן געווען אין די איגן פון שמואל; דאָס וואָס זיי האָבן געזאָגט: גיב אונז אַ קעניג אונז צו ריכטן, און שמואל האָט געבעטן צו גאָט.

און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: הער־צו צו דער שטים פון דעם פאָלק, און אַלעס וואָס זיי וועלן זאָגן צו דיר; דען ניט דיך האָבן זיי פאַראַכטעט, נאָר מיך האָבן זיי פאַראַכטעט, אַז איך זאָל ניט רעגירן איבער זיי.

ווי די אַלע מעשים וואָס זיי האָבן געטאָן, פון דעם טאָג אָן וואָס איך האָב זיי אַרויפגעבראַכט פון מצרים ביז צו דעם היינטיקן טאָג, און זיי האָבן מיך פאַרלאָזן און זיי האָבן געדינט פרעמדע געטער, אַזוי טוען זיי עס אויך צו דיר.

און איצט, הער צו זייער שטים; אָבער דו זאָלסט זיי אָנזאָגן, און זיי דערקלערן דעם קעניגס אויפפירונג וועלכער וועט רעגירן אי־בער זיי.

און שמואל האָט געזאָגט די אַלע ווערטער פון גאָט צו דעם פאָלק, וואָס האָט פון אים פאַרלאַנגט אַ קעניג.

און ער האָט געזאָגט: דאָס וועט זיין די אויפפירונג פון דעם קעניג וועלכער וועט רעגירן איבער אייך; אייערע זין וועט ער נעמען, און ער וועט זיי האַלטן פאַר זיך ביי זיינע רייטוועגן און פאַר זיינע ריי־טער, און זיי וועלן מוזן לויפן פאַר זיינע רייטוועגן.

און ער וועט מאַכן איבער אייך עלטסטע איבער טויזנט און עלטסטע איבער פופציק, און צו באַאַקערן זיין אַקער, און צו שניידן זיין קאָרן־שניט, און צו מאַכן זיינע שטרייט־געווער, און אַלעס וואָס געהערט צו זיינע רייטוועגן.

און אייערע טעכטער וועט ער נעמען, פאַר פרויען וועלכע מאַכן זאַלבן, און קעכינס און בעקערינס.

און אייערע פעלדער און אייערע ווייגערטנער און אייערע אויל־בוימער וועט ער אַוועקנעמען, און ער וועט זיי געבן צו זיינע קנעכט.

און פון אייערע זאָמען און פון אייערע וויינגערטנער וועט ער נעמען אַ צענטן טייל, און ער וועט עס געבן צו זיינע דינער און צו זיינע קנעכט.

און אייערע קנעכט און דינסטן און אייערע בעסטע יונגעלייט, און אייערע אייזלען וועט ער צונעמען און ער וועט זיי געברויכן צו זיין אַרבעט.

פון אייערע שאָף וועט ער נעמען אַ צענטן טייל, און איר וועט אין גאַנצן ווערן שקלאַפן צו אים.

און איר וועט אין יענעם טאָג שרייען וועגן אייער קעניג, וועלכן איר האָט זיך אויסדערוויילט, אָבער גאָט וועט אייך ניט ענטפערן אין דעם זעלביקן טאָג.

אָבער דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט הערן צו דער שטים פון שמואל, און זיי האָבן געזאָגט: ניין, מיר מוזן דורכאויס האָבן אַ קעניג.

און מיר זאָלן אויך זיין ווי אַלע פעלקער, און אונזער קעניג זאָל אונז ריכטן, און ער זאָל אַרויסציען פאַר אונז, און ער זאָל פירן אונזערע שטרייטן.

און שמואל האָט געהערט די אַלע רייד פון דעם פאָלק, און ער האָט צו זיי גערעדט פאַר די אויערן פון גאָט.

און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: האָרך צו זייער שטים, און מאַך איבער זיי אַ קעניג. און שמואל האָט געזאָגט צו די פאַרנעמסטע פון ישראל: גייט יעדערער נאָך זיין שטאָט.

ג

אויב אין די טעג פון די שופטים האָט דער המון עם ניט געוואָלט זיך צוהערן צו די רייד פון גאָט און צו די תחנונים פון זייער אויסגעפּרואווטן מנהיג און באַשיצער, שמואל הנביא — וואָס־זשע האָט מען שוין געקענט דערוואַרטן אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער ווען די מלוכה האָט געמוזט איינשפּאַנען אַלע פאָלקישע כוחות אין שטענדיקער באַשיצונג קעגן שכנישע אַריינדרינגער און קעגן דער ניט קלענערער סכנה פון אינערלעכע מורדים?

נאָר דאָך פלעגט וואו־ניט־וואו אויפבליצן אַ וואָרט פון אַ נביא, אַז די מלוכה זאָל עטוואָס אָפּלאָזן די טיראַנישע האַנט איבער בית ישראל, ווייל גאָטס אויג איז תמיד וואַכזאַם, און קען אין אַ ליאַדע טאָג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אל צבאות, אין אַן אל קנא ונוקם.

ד

נאָך דעם חורבן בית שני, האָבן מיר פאַרלאָרן די משמני הארץ, און האָבן זיך אָנגעהאַנגען אָן דעם טל השמים. איבער 18 הונדערט יאָר האָבן מיר, מיט ביישפּיללאָזער ערדישער בענקשאַפט, געשפּאַנט אויף דעם פּאַפּירענעם בריק ביז מיר זיינען אָט־איצט ווידער דער־גאַנגען צו אונזער צוריקגעוואונענער מלוכה.

און ווידער וואָלט איצט געדאַרפט אויפשטיין אַ שמואל און מיט הימלישער וואולקאַנישקייט אַ טרייסל טאָן די סאַמע זיילן פון מלוכה־שאַפט, כדי וועמען צו דערמאָנען אַז עס איז דאָ אַ בית ישראל וואָס וואַרט אויף דער גאולה, וואָס ווערט פאַרשמאַכט אין איר וואַרטונג.

און קומען מיר ווען פנים אל פנים מיט די בני המדינה — די מלוכהשע שלוחים אונזערע־זייערע — איז וואָס זעען מיר, און וואָס הערן מיר?

נאָר זיי זאַמלען אויף אונזערע גיטער, און נאָר זיי נעמען צו אונזערע קינדער. אויף דעם פאַרחלשטן פאָלק קוקט מען זיך ניט אום. די הענט פון די בני הנביאים זוכן זיי ניט צו שטאַרקן. די רייד פון די בני הנביאים ווילן זיי גאָר ניט הערן. זיי גייען, שמייכלענדיקע, נאָר צום עגל־טאַנץ פון צעווילדעוועטן המון־עם.

שטייען די בני הנביאים, אין אַנגסט און אין פאַרצווייפל, און זיינען מתפלל פאַרן בורא עולם:

— שומר ישראל, שמור שארית ישראל.

— דערבאַרעם זיך, פאָטער אין הימל, איבער אַחינו כל בית ישראל.

„זייער" משפט און אונזער משפט

א

דער 18טער אָקטאָבער 1945 דאַרף אַריין אין דער געשיכטע פון דער אַזוי גערופענער אַנשטענדיקער וועלט ווי דער ערשטער וועלט־משפט קעגן וועלט־פאַרברעכער. ביז איצט האָבן מיר געוואוסט פון ווינקל־פאַרברעכער; געגנט־פאַרברעכער; פאַרברעכער מיט דער נאָבעלער אַמביציע פון אַ שטאַט־דאָמינאַציע; פאַרברעכער מיט אַ כשר־פאַרדינטער נאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע. און — דאָ איז געווען דער גרענעץ. דאָס אַלץ — וועט דער כראָניקער פאַרצייכענען — איז געווען ביז דעם 18טן אָקטאָבער, 1945. אַז פאַרברעכער זאָלן זיך האָבן דערדינט צו אינטערנאַציאָנאַלער „אָנערקענונג", פון דעם האָט די „געשיכטע" ניט געהערט ביזן 18טן אָקטאָבער 1945. אָבער אין אָט דעם נעמלעכן טאָג איז דערשינען אַ בוך פון 41 זייטן מיט אָנגעפּיקעטן לייען־שטאָף פון דעליקאַט־אויסגעטאָקטער לעגאַליסטישער פראַזעאָלאָגיע, מיט וועלכער די וועלט קרעדיטירט די ערשטע גרופּע פון פיר און צוואַנציק נאַצישע הויפּט־קריגס־פאַרברעכער פאַר דעם גרעסטן פּליוס אין זייער לעבן — פון באַטרעטן דעם אינטערקאָנטינענטאַלן פאַרברעכער־שליאַך אין אַ „פאַרשווערונג צו באַגיין פאַרברעכנס קעגן שלום, קריגס־פאַרברעכנס און פאַרברעכנס קעגן מענטשלעכקייט אין דייטשלאַנד און אין די אָקופּירטע טעריטאָריעס, איינשליסנדיק מאָרד, אויסראָטונג, פאַרשקלאַפונג, דעפּאָרטאַציע און אַנדערע אוממענטשלעכע אַקטן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן ציווילע באַפעלקערונגען פאַר דער מלחמה און בעת דער מלחמה, און פאַרפאָלגונגען אויף פּאָליטישע, ראַסישע אָדער רעליגיעזע גרונטן".

און בעת די רייד פון טאַדל און אָנקלאַגע זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון די מעכטיקע זיגער־ריכטער פון דער וועלט איז אויך אין זעלביקן טאָג געהערט געוואָרן אַ שטימע, אַן איין־איינציקע, פון אינעווייניק — פון „דייטשישן געוויסן". אַ גייסטלעכער, פּאַסטאָר ניעמאָלער, וואָס האָט, וואַרשיינלעך, אויך געהערט פון די 24 געגנאָסן, הערלדן פון דער עררערען־רררעאסססע! אָבער באַשולדיקט

ער זיי? נאָר זיי? אָ, ניין! „דאָס דייטשע פאָלק גופא איז שולדיק פאַר זייער איצטיק ליידן און פאַר די גרוילטאַטן פון די לעצטע 12 יאָר״. און דאָס איז ער ניט געצוואונגען געווען צו זאָגן, איז ניט געווען אונטער וועלכן עס איז דרוק, נאָר ער האָט פרייוויליק געוואָרפן די רייד פון מוסר און פון „געטלעכער״ וואָרנונג אויפן ערשטן מיטינג פון דעם ניי־געגרינדעטן ראָט פון דער עוואַנגעליסטישער קירך אין דייטשלאַנד. און קוקנדיק זיינע קריסטלעכע אַנהענגער אין די אויגן אַריין האָט ער מיט זיי ניט אויפגעהערט צו קנעלן: „די קריסטן אין דייטשלאַנד קאָנען זיך ניט אַרויסדרייען פון פאַראַנטוואָרט־לעכקייט מיט וואָרפן די שולד אויף די מיליטאַריסטן און די נאַציס. ווען די קירך וואָלט געזען קלאָר און געהאַנדלט איינהייטלעך וואָלט צו דער שרעקלעכער מלחמה קיינמאָל ניט געקומען״. און כדי זיינע צאָן קדושים זאָלן ניט קאָנען דרייען און צעדרייען זיין „הימלישע״ סתרי־תורה, האָט ער זיך ניט געפוילט און האָט אין קאַרגע ניין ווערטער רעזומירט זיין רעיון: „קיין קריסט אין דייטשלאַנד האָט ניט קיין ריינעם געוויסן״.

ב

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ וואָס האָט פּאַסירט אין אָט יענעם היסטאָרישן 18טן אָקטאָבער. די בערלינער צייטונג „נוי צייט״ האָט יענעם דאָנערשטיק פאַרעפנטלעכט איר אָנקלאַגע אויף אַ גרויסן טייל פון דער דייטשער יוגנט און אויף אַ גרויסן טייל פון עלטערן דור — וואוביידע דורות — וואָרנט די צייטונג, זיינען דורכגעפּרעסן מיט סם און מיטן זשאַווער פון נאַציישן אַנטיסעמיטיזם וואָס לאָזט זיי ניט איינרוען אין די היימען. רק עס ציט זיי אין דרויסן. און וואָס טוען זיי טין־טאָן אין דרויסן? זיי צעגייען זיך, צעיושעטע, אין דער מתיקות פון דער גראַנד־אַנטיסעמיטיש־כוליגאַנישער הימנע — „דאָס האָרסטוועסעל ליד״.

און — דאָמיט פּאַסירט? דעם זעלבן טאָג איז געמאָלדן געוואָרן אַז אין די אַרכיוון פון אַמעריקאַנישן מיליטער אין דייטשלאַנד געפינען זיך שוין די יחוס־ליסטן פון אַכט מיליאָן נאַצי־קאָנספּיראַ־טאָרס — וואו יעדער איינער, — יעדער איינער, איז אַרומגעגאַנגען אָן אָנגעשרויפטער מיט דעם באַרוף־אידעאַל: פון אַרויפוואַרפן־זיך, ביי דער ערשטער גינסטיקער געלעגנהייט, אויפן קערפּער פון דער

מענטשהייט און טיגעריש־צערייצט זיך איינבייסן אין האַלדז פון דער וועלט, זי דורכבייסן און פאַרטיליקן.

אָט די אַלע ספּאָראַדישע שטימען זיינען אין יענע טעג געווען דער ווידערקלאַנג פון וועלטס ערשטע טריט אויפן וועג פון אויסטיילן צו דער ערשטער גרופּע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברעכער די קריסטלעך־באַנומענע און פאַרשטאַנענע גערעכטיקייט. אמת, אויף דער וואָגשאָל פון זייער מאָס פון שטראָף האָבן זיי אויך — אין שטימונג פון גנעדיקייט — אָוועקגעלייגט די „ספּעציפישע אידישע קלאַגעס" — די מיליאָנען אידישע קרבנות און די ביליאָנען־ווערט פון יחידישן און קהלשן אי־דישן פאַרמעגן; נאָך מער: זיי האָבן אַזוי ערנסט און טיכטיק געאַר־בעט אויף אונזער „קעיס", אַז ס'איז ממש צום שטוינען פון זייער אויס־פאָרשערישער און בוכהאַלטערישער „עפישענסי". זיי זיינען געווען אין לאָדזשער אידישער געטאָ און האָבן איבערגעציילט 133 טויזנט דערשאָסענע אידן; אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק האָבן זייערע ספּעצן אונ־טערגעצויגן אָ „דעטאָ" פון 31 טויזנט מאַסן־דערשאָסענע אידן און צווישן זיי, אין אָ באַזונדער רובריק, 13 טויזנט אידן, אָבער „אַנדע־רע" אידן, פון אונגאַרן געבראַכטע. און אַזוי ווייטער, און ווייטער: פון לוצק און פון לעבן ריגע; אין סאַרני, אין קיעוו און אין דניע־פּראָפּעטראָווסק; אין מינעראַלניע וואָדי, אין ראָוונע אין קאָוונע און פון וואו־ניט און — דער פינקטלעך־פּונקטיאַליסימאַ־ציפער פון די כלערליי מיתי־משונה־אומגעבראַכטע אידן וואָס זיי האָבן צוזאַמענ־געחשבונט איז פינף מיליאָן מיט זיבן הונדערט טויזנט עקס־לע־בעדיקע אידן וואָס „זיי" זיינען מרוצה געווען אַריינצונעמען אין „זייער" חשבון.

דאָס, הייסט עס, איז דער אָנהויב פון „זייער" משפּט אויף „זייערע" פאַרברעכער. און „אונזער" משפּט? אונזער משפּט אויף יעדן איינעם פון די אַכציק מיליאָן דייטשן וואָס האָבן זיך געפונען בעת זייער „נאַציאָנאַלע הוליאַנקע" אויף דער דייטשער הייליקער ערד און זיינען ניט געווען הינטער די גראַטעס — אויף יעדן איינעם פון זיי דאַרף ערשט קומען דער טאָג פון אונזער דין און די שעה פון אונ־זער רעכענונג.

ג

די טבע פונם מענטשן איז צו פאַרגעסן אַפילו די פיינפולסטע איבערלעבונגען. ביי יחידים אַזוי און אויך ביי פעלקער. אין די רגעס, מינוטן, שעהן, צי טעג ווען די ליידן באַוועלטיקן די געגעבענע יחידים,

צי פעלקער גאַנצענע, דוכט זיך דאַן די געליטענע, אַז זיי וועלן דעם טעם פון די ענויים אייביק האַלטן רעזערווירט אונטערן גומען. ביי וויפל, אָבער, פון זיי ווערט אַנגעהאַלטן אָט־דער ניט־איבעריקס־אָנגענעמער טעם? און אויף ווי לאַנג?

דערפאַר איז ניט צו שכלדיק צו דערוואַרטן אַז די נאַצי־פאַר־פאָלגטע פעלקער און יחידים וועלן, חלילה, צו לאַנג זיך אומטראָגן מיט די „זכרונות" זייערע פון ממשלת גערמאַניע — זכרונות וואָס זאָלן וועקן און רופן צום זיסן און גליאיקן וואונטש פון נקמה.

לכן, איז גוט, זייער גוט, וואָס די ניט־אידישע נאַציאָנען יאָרי־דעוועז נאָך, לויט זייער השגה, טעמפעראַמענט און פּאָליטישן הויך־בליק, מיט די נאַצי־משפּטים. און כל־זמן זיי וועלן האָבן אינטערעס און ענערגיע אויף אָנצוהאַלטן די פּאַרמעל־יורידישע „אונטערזוכונ־גען" פון די נאַצישע קאַרפּן־קעפּ און דערנאָך, אפשר, פון קלענערע לויתנס דאַרף אונזער טאַקטיק זיין פון איינעם וואָס שטייט מן הצד. ווי דער גאַנצער ענין פון נאַצי־משפּטים וואָלט מיט אונז די מינדסטע שייכות ניט געהאַט. זיי וועלן משפּטן, פאַרמשפּטן, אייניקע פון די גע־אורטיילטע וועלן ווערן עטוואָס אומגעדולדיק און זיך אַ ביסעלע אַ זעלבסטמאָרדעווע־טאָן — מיר בלייבן די סאַמע זייטיקע לייט אויף אָט דעם יאַריד.

אין דער מינוט, אָבער, ווען זיי, די ריכטער פון דער וועלט, וועלן האָבן פאָרמעל און פאַקטיש פאַרענדיקט די משפּטים, און עטלעכע צענדליק נאַצישע דעגענעראַטן זאָלן האָבן געענטפערט דעם קול פון גערעכטיקייט — דאַן, ערשט דאַן וועט בליצנוויז אויפשלאָגן די געבענטשטע רגע פון דעם אָנהויב פון אונזערע משפּטים.

אין דער ערשטער ריי וועט פאַר אונז אַליין דאַרפן קלאָר זיין: וועמען משפּטן מיר? די פירער פון די נאַציס, צי אויך דעם ליאַדע פאַרטיי־מיטגליד? די יונקער־קעפּ, צי די מיליאָנען בלינד נאָכפאָלגנ־דיקע? די מאָנאַרכיסטן, צי, חלילה, אויך זייערע אַזוי גערופענע „רוי־טע"? און עס וועט ניט דאַרפן לאַנג נעמען אונז צו באַנעמען און דערזען די שולדיקע, די אָנגעקלאָגטע, צאָל דייטשן. מיר וועלן נאָר אויף יעדן פון די אַכציק מיליאָן דייטשן אָנשטעלן אַ פּסיכישן עקס־רעי: ווער פון איך, 80 מיליאָן־צאָליקע נאַציע, האָט געוואַגט צו ציען אַ רעוואָלווער־קויל אין האַרץ צי אין מוח פון איינעם, כאָטש איינעם, פון אייערע ניט וויניק אָנגעפלאָדעטע הימלערס און היטלערס? פאַק־טיש ווייסן מיר ניט פון קיין איין פאַל אַזאַ. דאָס לאַנד פון אידעאַלי־

זירטן מיליטאַריזם האָט פון אַזאַ שאָס גיט געהערט. מען קען, אָבער, טייטלען אויף פלוני און פלוני וואָס הינטער די גראַטעס, אַז ער און ער האָט דאָס געדאַרפט זיין דער פּאָטענציעלער גואל־הדם. מעגן מיר דאָ מלמד־זכות זיין און זאָגן: אפשר?

איז ווי קען מען אַזאַ איינעם דערקענען — אַז ער געהערט נאָך צו דעם מין מענטש־וואָס־נאָך־מענטש? ווען אַזאַ איינער וועט, אַלאַ גלח ניעמאָלער, זיך אויסצירן אין אַ קין־צייכן און וועט דערקלערן בפני כל עם ועדה אַז „דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק איז שולדיק אין די נאַצישע מעשי־תעתועים." דאָס וועט פאַר אונז דינען ווי זיין פּאַס־וואָרט אויף צוריקשטאָלטן אים צו דעם מין מענטש.

און ווי לאַנג דאַרף דויערן אונזער משפט? — כל זמן מיר וועלן קענען נאָרונג געבן צו אונדזער נאָך־נקמה־דורשטיקן נאַציאָנאַלן גוף. עמלק דאַרף, אין אונזער נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, זיין לג־בעומר־ביקסל מין פון נקמה לגבי די פינסטערע הונען פון אייראָפּע. צוזאַמען מיט די שלשה עשר עקרים וועט יעדער איד, ביים אויפשטיין, בלעטערן מוזן די נייע קינות וואָס וועלן פון אונזערע באַרופענע צוזאַמענגע־שטעלט ווערן. און וועלן מיר אַליין געגערט זיין מיט די הייליקע נקמה דורשטן וועלן מיר, זאָלן מיר, אַט די שליחות אונזערע ניט פאַרמיידן אויף פון אונזערע פעלקער־שכנים.

אַזוי אַן ערך וועט זיך אָנהויבן אונזער קאַפּיטל משפטים איבער דעם אויף אייביק פאַראורטיילטן און צום שאַנד־זייל צוגענאָגלטן אָפּ־פאַל־שטאָף פון דער גאָרער מענטשהייט — משפטים וואָס וועלן, האָפנטלעך, דערפירן, אַז פון דער הערררן־רראַססע זאָל בוכשטעבלעך קיין שריד ופליט מער ניט בלייבן אונטער גאָטס זון, אַז דאָס איינצי־קע בלייבענישן זייערס לדורות וועלן זיין די מאָנומענטן פון זייערע מאָנסטערהאַפטע מעשי תעתועים.

שוואַרץ נעמט אָן דעם אָקס ביי די הערנער

א

אין זיין אַקטואַליזירטער אויפפירונג פון לעאָן קאָברינס אָן על־טערער דראַמע „ריווערסאַיד דראַיוו״ — וואָס איז אַן אַמעריקאַנער אויפלאַגע פון „האבות והבנים״, — האָט מאָריס שוואַרץ אַוועקגע־שטעלט דעם פּראָבלעם „קיום פון אידישער שפּראַך״ מיט דער שניי־דיקייט פון אַ חלף, — פון אַ חלף אָן אַ פּגימא.

מיין פּעדער, וועלכע ווערט ניט מיד פון שטרייכן און אונטער־שטרייכן, אַז אידישע גייסטיקע ענערגיע זאָל זיך נאָר ריכטן דורך די קאַנאַלן פון אידישן אַלף־בית, וויל דאָ, מיט איר גאַנצענער תמימות, פעסטשטעלן, אַז דער לשונדיקער שטנעז פון דער פאָרשטעלונג, ווי פאַקוסירט פון דעם שרייבער און רעזשיסאָר מאָריס שוואַרץ, איז בפירוש קאָרעקט און געזונט: צום געזונט פון אידיש!

עס איז אמת, אַז ווען פּרענציס אַדלער, וועלכע שפּילט געטריי איר ראָליע אַלס גוירטרוד דזשאַפּע, דערשיינט ביי דער סאַמע דערעפענונג פון דער פאָרשטעלונג מיט אַן ענגלישן צונג, און גלייך לעבן איר וואַקסט אויס אַ צוועלף־יאָריק בחורל, וועלכער פאַרגאַנצט די סצענע מיט דער „אַקטועלקייט״ פון זיין אַמעריקאַנישן באַנעם, אַנגלאַזאַקסישן באַגריפן־וועלט און ענגלישן לשון ווערן מיר אַלע שאָקירט. אויף אַזאַ „ספּעקטאַקל״ האָט זיך קיינער, קיינער פון דעם עולם ניט גע־ריכט. און דערפאַר טאַקע — וואָג איך צו זאָגן — איז אַזאַ סצענע און אַזאַ פאָרשטעלונג צום געזונט און צום חיות פון אידיש. די צו־שויערס אין זאָל קריגן דעם זעלביקן מין „שאָק״ וואָס פּסיכיאַטאָרס גיבן צו געוויסע גייסטיקע חולאים. שוואַרץ האָט מיט אָט דער פאָר־שטעלונג היפּש צוגעדינט און צוגעשפּילט מיט דראַמאַטיזירן דעם קאַמף פון די היגע חלוצים פאַר אידיש, אידישיסטישע אוהבים, ווע־מעס צאָל,ליידער און ליידער, איז אַ פיינלעך־באַגרענעצטע.

שוואַרץ האָט דאָ, חוץ זיין אייגענעם גרויס־צוגיקן שוישפּיל, געוויזן אַ קרומען שפּיגל צו די מערסטע אַנוועזנדיקע יענעם אָוונט אויף דער פּרעסע־נאַכט אין פאַרקוועי טעאַטער: קומט, בליקט זיך

אַזוי גוט אײַן אין מײַנע ענגליש־רײדנדיקע סצענעס װאָס איך האָב בכוונה אַרײַנגעקאַרבט אין דער פּיעסע, און זאָגט מיר, צי איז עס ניט קיין רעפלעקסיע פון אײערע הײמען, פון אײערע ביוראָס, פון אײערע ראַנדעװאױען און פון אײערע רעדאַקציע־צימערן אַפילו.

װײל אױב אין זאַל איז געװען צ. ב. אַזאַ איד װי א. גלאַנץ, װעלכער קריגט גוט־געלט פאַר שרײבן אין אַ אידישער צײטונג און קריגט נאָך עקסטרע געלט פאַר שפּילן די ראָליע פון דר. זשיטלאָװסקיס אַ תלמיד, — פאַר אים — און פאַר אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע אידישיסטן — װעט די פאַרשטעלונג אפשר זײן צו רפואה. אפשר װעט אים אַזאַ פאַר־שטעלונג אױסהײלן פון דער מחלה פון רעדן ענגליש מיט אידיש־אידישע שרײבער אין אַ אידישער רעדאַקציע. װײל קײנער האָט מיך אַזוי ניט באַלײדיקט מיט זײן ענגלישן „קרײען" װי אַט־דער פּסעװדאָ־אידישיסט, און קײן אידישער שרײבער האָט מיך מיט אַט־דער אַנטי־אידיש הנהגה אַזוי ניט שאָקירט און אַזוי אָפּט ניט שאָקירט, װי אַט־דער אידישיסטישער פעלדפעבעל, װעלכער הערט גאָרניט אױף צו מוסרן אַלץ און אַלעמען פאַר ניט־גענוגנדיקער לאָיאַליטעט צו אידיש.

ב

אַן עקסקורסיע צו דער געפּאַלמעסטער הױז אױף „ריװערסאַיד דראַיװ" איז אַ מוז און אַ הײלונג ניט נאָר פאַר די מערסטע שרײבער, נאָר אױך פאַר די מערסטע לײענער, און ניט־לײענער. װײל דער אמת איז דאָך, אַז, לכל הפּחות, אין דער פראַגע פון אידיש זײנען אַלע קראַנק: כמעט אַלע שרײבער און כמעט אַלע זײערע לײענער. און די רפואה פאַר זײ איז אהבת־אידיש חלוציזם, טרעפלעך פאַר־זאַניפיצירט פון גוסטאַװ בערגער אַלס דיכטער־אינספּיראַטאָר דוד קאַהען און שאַרלאָט גאָלדשטײן, אַלס אַדעל, װעלכע קוקט אים אין מױל אַרײַן, אין באַװאונדערונג פון די אידיש־פּערל װאָס הערן ניט אױף צו פאַלן פון זײנע ליפּן.

מאָריס שװאַרץ מיט זײן איבערגעבױטער „ריװערסאַיד דראַיװ" איז, משיח־מעסיק, געקומען און — אין צײט. ס'איז אַ צײט װען אידיש האָט ניט באַלד קײן גואל, איז פאַרלאָזן אַפילו פון אַ װײטסטן קרוב, און איז נאָר געבליבן בײ עגאָצענטרישע און קאַריעריסטישע יורשים. דעם ענטפער צום פּראָבלעם גיבן, װי דערמאָנט, צװײ הי־געבױרענע מענטשן: חלוצים. רײניקער פון אידישן װילד־פלײש און אַפּהיטער

פון אידיש־אידישער שײנקײט. די בײדע חלוצים דאַרפן װערן מוסטער־געשטאַלטן פאַר די היגע אידישע יוגנטלעכע, װי בן־יהודה איז עס געװאָרן פאַר דער תחית השפה העברית. די היגע געזעלשאַפטלעכ־קײט קען זיך און זאָל זיך פיל אױסקױפן איר זינד צו אידיש, אױב זי זאָל פאַרמעגלעכן אַז אָט־די פּראָבלעם־פּיעסע זאָל האָבן די ברײטסטע פאָרשטעלונג.

װײל נײער שבח זאָל דאָ געזאָגט װערן צו שװאַרצן: מיט זײן אַקטואַליזירן „ריװערסאַיד דראַיװ” האָט ער ניט נאָר באַרײכערט זײן גאַלעריע פון קינסטלער־געשטאַלטן מיט נאָך אַ װיכטיקער ראָליע, נאָר מיט זײן געװאָגטן אופן פון פּיעסע־איבערבױ און רעזשי האָט ער אָנ־גענומען דעם אָקס בײ די הערנער.

פון יום טוב צו יום טוב

אין דעם קאַמף פאַרן קיום פון אונזער פאָלק דאַרף מען ניט מי־נימיזירן די וויכטיקייט פון דעם ליבן אידישן יום טוב, די וויכטיקייט פון יעדן איינציקן אידישן יום טוב. אויב ביז מיט עטלעכע דורות צוריק איז דער יום טוב, דער אידישער, געזעסן פעסט אויפן זאָטל פון אונזער לעבן און ער האָט זיך דאָן לחלוטין ניט געניייטיקט אין קיין שום ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, אין קיינע ספּעציעל־אָראַנ־זשירטע אויפשפּילונגען — קורץ און גוט: אין קיין שום פּראָפּאַגאַנדע, מוזן מיר איצט, אין אונזערע ערנסטע באַמיאונגען פון אויפצוהאַלטן אונזער אידישע אייגנאַרט, אָנקומען צו פּלאַנירטער טעטיקייט אַרום דעם גרויסן אידישן געזעלשאַפטלעכן ענין — דער אידישער יום טוב.

אין דעם שטעטלשן לעבן פון אונזער נאָענטן אַמאָל וואָס האָט געפּולסירט מיט געזונטער אידישער וואָכעדיקייט, וואָס איז מילגרוי־מיק אָנגעלאָדן געווען מיט שפּרודלדיקע גאַנצע אידן ביי יעדן ריר און ווענד — אויך דאָרטן האָבן זיך די דעמבענע אידן גאַנץ אָפּט דעם צונג אין מויל איבערגעלייגט און זיך פאַסמאַקעוועט מיטן נאָך־טעם פון דעם קוויקנדיקן אידישן יום טוב וואָס איז אָקאָרשט אַוועק, אַזוי שנעל אַוועק, און האָבן שוין גענומען חשבונען די וואָכן און די טעג ביזן אָנקום פון דעם אָט־באַלד זיך דערנעענטערנדיקן נייעם יום טוב וואָס וועט אויפלעבן און אויפפרישן די נאָך יום טוב־בענקענדיקע הערצער פון די אידישע שטעטלשע פאָלקס־זין און פאָלקס־טעכטער.

אויב אין די היימישע שטעטלעך, וואָס זיינען, אָפּט, גאַנצע אידי־שע מלוכות געווען, האָט די ראָליע פון טראַדיציאָנעלן אידישן יום טוב אַזאַ אומגעהויערע ראָליע געשפּילט, — היינט וואָס פאַר אַ ראָליע דאַרף ער, מוז ער שפּילן אין די איצטיקע טעג פון אונזער לעבן.

נויטיקן מיר זיך, בכן, זייער שטאַרק — אויף דעם אויפלעבונג־וועג פון דעם אידישן ישוב דאָ אין לאַנד — אין דער אויפלעבונג פון דעם אידישן יום טוב גופא. אמת, אייניקע יום טובים ווי ראש השנה, יום כפור, פסח און אפילו חנוכה האָבן, מער־וויניקער, זייער

חשיבות ביים פאָלק, טראָגן מיט זיך, אַפילו אויף דעם היגן באָדן, זייער קדושה און זייער פייערלעכקייט. אָבער דער אמת איז, אַז אַ פ י ל ו ז י י ע ר ראָליע אין היגן אידישן לעבן איז נאָך ניט ווי געהעריק אויפ־געשפּילט געוואָרן. ס׳איז דאָ זייער פיל וואָס צו מתקן זיין סאַי אַרום די שלש רגלים, סאַי אַרום חנוכה און, איבערהויפּט, אַרום די אויס־געבלייכטע און היפש־פאַרנאַכלעסיקטע אַנדערע אידישע יום טובים. ס׳איז דאָ צ. ב. דער פרעמדער, דער ניט־אַסימילירנדיקער עלעמענט אין דעם יום־טוב־רייך און דאָס איז דער ענגלישער לשון. די אמת־אָרטאָדאָקסישע אידן האָבן דאָ געדאַרפט זיין די ראשונים אין דעם איסור פון ענגליש אין די בתי מדרשים. צו דעם אַלגעמיינעם „אסור לדבר" האָט געדאַרפט הענגען אויף די ווענט פון יעדער שול, פון יעדן מקום קדוש אַן ערנסט־געמיינטער איסור און אַ וואָרנונג ניט צו נוצן קיינע פרעמדע לשונות אַפילו אין די קאָרידאָרן פון די בתי כנסיות, שוין ניט צו ריידן אין צייט פון תפילה און אין די ווענט פון גאָטס הויז.

און מיט דעם זעלבן ערנסט צו אידיש האָבן געדאַרפט צוגיין די אַזוי־גערופענע וועלטלעכע אידן. ס׳איז פאַר מיר, צ. ב. ניט פאַר־שטענדלעך פאַרוואָס אַזעלכע אידישע פאָלקס־אינסטיטוציעס ווי דער אידישער לערער־סעמינאַר א. א. זאָלן ביי זייערע יום טובים איינלאַדן ניט־אידישע רעדנער צו דורכאויס־אידישע אידן? וואו איז דער זין און וואו איז די נאַציאָנאַלע אויסגעהאַלטנקייט וואָס אַ פרעמדער אין אַ פרעמדן לשון זאָל ביי אַ וויכטיקן אידישן יום טוב פון אַ וויכטיקער אידישער לערן־אינסטיטוציע פאַרנעמען דעם סאַמע אויבנאָן און די סאַמע לענגסטע צייט.

זאָלן די געאיבטע קאַמפּיינער פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן אונזערע שענקען צו דעם ריזיקן ענין פון אידישע יום טובים אין אַמעריקע כאָטש איין הונדערטסטל פון איין פּראָצענט אויפמערקזאַמקייט און זאָלן די אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע אידן זיך אויך כאָטש עטוואָס אַרומ־קוקן אַרום דער פאַרזשמורעוועטער פריילין — דער אידישער יום־טוב — און צוזאַמען מיט די אמתע אידן, מיט די גאַנצע אידן זיך אַ נעם טאָן ערנסט און פלייסיק שוין איצט, שוין באַלד צו די הכנות פון דעם באַלד אָנקומענדיקן גרויסן און ליבן יום טוב פסח און צו־זאַמען אַזוי גראַנדיעז פאַרנאַנדערשפּילן דעם יום טוב מאָטיוו אין אונזער לעבן אַז מיר זאָלן זיך קענען פול־מויליק נערן מיט אים ביזן אָנהויב פון פרישן יום טוב.

און דער מאָנסטער שפּאַנט און שפּאַנט

א.

איידער די איצטיקע צייט, אין ברייטער היסטאָרישער ראַם, איז, אין די לעצטע געציילטע עטלעכע יאָר, באַטיטלט געוואָרן אַלס די אַטאָמישע ערא, האָט זי געהאַט די אויסצייכנונג אָנגערופן צו ווערן: אינדוסטריעלע ציוויליזאַציע, מאַשין־עפּאָכע, טעכנאָקראַטישע געזעלשאַפט, צי אַנדערע ענלעכע נעמען. די אַלערליי קעפּלעך זיינען דירעקטירט געווען צום קאָפּ פון דער יצירה — צום מענטש. דער מענטש האָט אַזוי לאַנג „אַוועקגעלייגט דאָס לעבן" אויף דער פּערפעקטירונג פון דער מאַשין; ער האָט אַזוי פלייסיק אַריינגעאָטעמט און אַריינגעהויכט אין דעם ראָבאָט זיין חיות און זיין רוח־חיים, זיין נגלה און זיין נסתר ביז דער גולם, מיט זיין אומבאַגרענעצטער מוסקול־קראַפט און זיין „איבערמענטשלעכן" מאָרד־מעכאַניזם וועט באַלד־באַלד „זיך באַפרייען" פון רשות פון דעם מענטשן — אים צו דינען און אין זיין שליחות צו גיין — נאָר וועט ווערן דער גולם־הגדול פון אַן אַטראָפּירטער וועלט, — זי צי באַהערשן און זי צו צעפּולווערן.

ב.

נאָר ביז דעם מענטשן וועט געלינגען צו פאַרענדיקן זיין קרוין ווערק — אַ מושל פון שטאָל און אייזן, דערבליקן מיר פון צייט צו צייט אַ מאָנסטער־פּנים פון בלוט און פלייש ממש — אַן אחד־משלנר־ניק, דאַכט זיך, נאָר וועמעס גאַנצע הנהגה איז, אין קאָרליקשן פאַר־נעם, ווי פון קינפטיקן שטאָל־און אייזערנעם „סופּערמען" וואָס וועט גלאָבאַל צעשטויבן אַלץ און אַלעמען.

אַזאַ מאָנסטער־פּנים האָט די מולטי־מיליאָניקע אַמעריקע די טעג דערזען אין דער געשטאַלט פון קאַסטעלאָ. און אַזעלכע קאַסטעלאַטע פּרצופים וואַרפן איצט זייער אימה אויף יעדער אומה, און פון אַלע אומעטומיקע מקומות ווייעט פון זיי מיט אומעט

און מיט אומרו. זיי זיינען איינגעגראָבן, צו דער שטויבונג פון דער וועלט, אין אלע געביטן פון דעם מענטשנס טעטיקייט, אין זיינע סאַמע דעליקאַטע און צאַרטע געוועבן. זיי סילועטירן, דורך די נעכט, אפילו אין די פּאַלאַצן פון וואָרט־רייך, און וואָגן צו לאַכן אייך אין די אויגן אין שיין פון ליכטיקן טאָג.

ג.

מיין פעדער וואָס האָט נאָר־וואָס געצייכנט די אימה וואָס די קאָסטעלאַטע געזיכטער וואַרפן אָן אויף די קינדער פון יעדער אומה, האָט אויך, ליידער און ליידער, ניט אויסגעמיטן די בני ישראל. דער נביאישער פּראָזשעקטאָר וואַרפט דאָ און דאָרט זיין ליכט אויך אויף אַ טונקעלן אידישן פּנים, אין קאָנספּיראַציע קעגן זיין לאַנד, אין באַטרוג קעגן זיין פאָלק, אין פאַרראַט צו זיין שטאַם. נאָר—שטוינט, איר הימלען און גאַפט, איר שטערן — אָפט גנבעט זיך אַריין דער טונקעלער פאַרשוין אַזש ביז צו דער מאַסקע פון דעם נביא אַליין, און ס׳איז דעמאָלט גאָר־גאָר ניט לייכט צו דערקענען זיין טריפהנעם קול און צו דעשיפרירן זיין סמ׳יקן כתב.

און אַזאַ מין מאָנסטער וואָס האָט, מיט גנבהשער פלינקייט, אַריינגעשלייערט זיך אין דער מאַסקע פון אַ נביא, און האָט צעטרעש־טשעט, מיט זיינע גולמעוואַטע טריט, ניט איין אידישן כרם, און האָט געברענגט צו פאַרוויסטונג ניט איין אידישע גייסטיקע נחלה איז איינער פון אחינו בית ישראל, וואָס אַט איז ער אַ נביא, און באַלד איז ער אַ פּוסק; דאָ איז ער אַ סופר, און דאָרט איז ער אַ מנהיג; דאַכט זיך, אַ חובב, און אומעטעם אַ מחריב; און — בכן ובכן — ליאַרעמט אויף מיין פען — היט זיך פאַר אים, און האַלט אויף אים אַ פאַרגרעסער־אויג, ווייל אונטער כלערליי פאַנען און מאַסקעס פאַראַ־דירט ער צווישן אונז, מיט פרעטענזיע אויף וואו־נאָר כיבודים, טיטולן און שטולן, אונטער דעם קיינמאָל־ניט־געזעטיקטן־אַפּעטיט־נאָמען: דר. אַלעקסאַנדער מוקדוני.

ד.

אַ לאַנגע צייט האָט אַט־דער מוקדוני פאַרכאַפּט און פעסט גע־האַלטן די כהונה פון אידישע טעאַטער־קריטיק. ער האָט, אָבער, אַזוי

לאַנג געפּרא־אדמט אין דעם טעאַטראַלן סאַד, אַזוי לאַנג געבראָכן צווייגן גאַנצענע פון דעמביקעביימער אין ווייַנגאָרטן פון אידישן טעאַטער, ביז אפילו מ י י ן באַשיידענע פעדער האָט זיך מיט מוט אָנ־געגורטן, און האָט אי ן ר ו י ט, אין גענוג שאַרפן רויט סיגנאַליזירט די וואָרנונג: „דער מאַנסטער גייט״, און מען האָט דעמאָלט, מיט געהעריקע מאָביליזירטע כוחות, באַוויזן צו פאַרטרייבן אים פון רשות פון אידישן טעאַטער.

האָט די מוקדונישע סיטרא אחרא אָנגעהויבן לויערן אויף אַ נייעם נעסט, און זיך גענומען פאַרניסטן אין די דעליקאַטע דרכים פון אידישן ביכער־רייך; און אָט־אָט איז ער שיר ניט געוואָרן דער פּוסק־אחרון איבער די שאלות ותשובות פון אידישן געדאַנק, פון אידישע חכמה און פון אידישע שירה. ס׳איז גאָר קיין גרענעץ ניטאָ פון זיין גוואַלדא־בריהשאַפט אין קענען אַריינדרינגען אין אַלע לאַ־בירינטן פון די שבע חכמות, אין אַלע וואַריאַציעס פון די שבע קונסטן און אין אַלע ראַנגלערייען, שפּירונגען, עקסטאַזן, געברויזן און חזיונות פון דעם קינסטלערס נשמה.

און מיט אָט־דער טאַטאַלער מאָס פון אַ יודע הכול און פּוסק־אחרון גם יחד הויבט ער אויף („מאָרגען זשורנאַל״, 1טער אַפּריל, 1951) זיין גולמעוואַטע האַק איבער אַזאַ קערנדיקן שרייבער ווי יצחק באַ־שעוויס, און איבער אַזאַ וואַגיקן בוך זיינעם ווי „פאַמיליע מושקאַט״.

מיט דעם סאַמע אומדערלאָזבאַרסטן אופן פון שרייבן ווי אָט־דער מוקדוני טוט עס, הויבט ער אָן זיין וועכענטלעכן פּאַגראָם־אַרטיקל אויף אַ אידישן גרויס־צוגיקן שרייבער, אונטער דער מאַסקע פון אַ כלומרשטער רעצענזיע:

„עס איז אַ בוך פון קרוב 800 זייטן און איז געטיילט אין צוויי גאַנץ בייכיקע בענד.

(אַפילו ביי ציגיינער וואָלט ניט דערלאָזבאַר געווען צו געשטאַלטן אָט־דעם גאָרניט־זאָגנדיקן זאַץ און די איבריקע 9־10 ווערטערדיקע זאַצן אין באַזונדערע פּאַראַגראַפן — י. ל.)

„אָבער דער אינהאַלט קען איך אייך איבערגעבן אין איין וואָרט:
„זנות.

„פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער איז זנות, זנות און זנות.

„און זינקען אין דעם שוידערלעכן זומפּ פון זנות טוען מענטשן פון אַ משפחה, וואָס הייסט מושקאַט״.

צוויי פולע צייטונג־קאָלומס האָט ער, ווי ציגענע באָבקעס, אָנ־

געבאַלבעט אין זיינע וואולגאַרע, חמ׳ישע זאַצעלעך, וואו אַט־דער פלוידערזאַק האַלט אין איין פּילדערן און פּלוידערן אַז באַשעוויס׳ בוך איז זנות, און דערלויבט זיך ניט צו ציטירן קיין איין שטיקל עברי פון באַשעוויסן אַליין.

טראַכט זיך דער איש תמימדיקער לייענער: דער באַשעוויס איז אַ ווייבערניק, אַ זנות־ליפעראַנט אין וואָרט, אָדער ווי זיי רופן דאָס היינט — „אַ שונד־שרייבער״, און איז שוין זיכער ביי זיך אַז ביי אידן איז צוגעקומען נאָך אַ שונד־שרייבער, עלעהיי, אַ נייער שמר.

קומט די וואַנדאַליסטישע מוקדוני־האַק, און, אין זעלבן טעמפּ, ברעכט ווייטער צווייג נאָך צווייג, אַזש דער בוים גופא טרעשטשעט:

„צי האָט זיך עס אים איינגעגעבן פון ציייטונגס־שטאַנדפּונקט אינטערעסירט מיך ניט, אָבער פון שטאַנדפּונקט פון ליטעראַטור האָט איר דאָ אפילו ניט קיין גאַנצע שונד־דערציילונג. איר האָט שטיקלעך דערציילונג און איטלעכס שטיקל דערציילונג האָט אַ שטיקל עראָ־טישע שפּאַנונג״.

ווערט שוין דער צעטומלטער לייענער מ ע ר נ אָ ך צע־טומלט: איז שוין באַשעוויס קיין שונד־שרייבער אויך ניט אפילו? וואָס־זשע איז ער — ס ת ם אַ שרייבער? (און קיין ציטאַטן ברענגט נאָך אַלץ ניט דער צעיושעטער מאַן מיט דער צעשויבערטער פען).

און ווען אויף דעם באַשעוויס־בוים איז שוין ניט געבליבן קיין איין גאַנצע צווייג אפילו, ווייל ער האָט שוין, דרך אגב, „אָפּגעווישט״ די אַנדערע כמעט־ פון־אַלעמען־אָנערקענטע באַשעוויס־ווערק, האָט זיין מאַנסטער־אויג ניט פאַרפעלט צו זען, דאַכט זיך, וואו איין־איינ־ציק צווייגעלע, און זיין טעמפּע האַק האָט זיך, אין שוואונג, אַ הין אַ לאָז געטאָן:

„און דאָס קומען מיר צו אַן עצם־דיקע פראַגע און נעמלעך:
איז יצחק באַשעוויס סתם אַ שרייבער?

און מיר דוכט אַז ניין, מיר דוכט זיך, אַז ער איז בכלל אפשר גאָר קיין שרייבער ניט״.

איצט ווייסט איר שוין, ווי ליטעראַרישער גענגסטעריזם קונקל־מונקלט אונטער דיין סאַמע ראיה?—צוערשט ווערט מען, דורך כלערליי אויפגעבלאָזענע פּרעטענזיעס: 1) אַ שיינער איד; 2) אַ געדאַקטאָרטער איד; 3) אַ שרייבער; 4) אַ חשובער שרייבער; 5) אַ קריטיקער און 6) שיר־ניט קיין פּוסק אחרון, און דערנאָך, מיט דער גאַנצענער וואָג פון

גנבת הדעת, מאַכט מען אַזאַ מין „דזשאַב": א) מען לאָזט אים, בשום־אופן ואופן, ניט אַריין אין דעם ליטעראַטור־היכל; ב) מע פאַרהאַקט פאַר אים אפילו די טיר פון שונד־שטיבל; און ג) מען מאַכט פון אים שרייבעריש צו אַש און צו בלאָטע, אַז דעם צעטרייסלטן „קרבן" זאָל קיין כוח מער ניט בלייבן צו ווען האָבן די מינדעסטע פּרעטענזיע אויף שרייבערישער אַנגעהעריקייט.

און אַזוי זעט איר אויף אונזער אַזוי־גערופענער ליטעראַרישער עוועניו ווי עס שפּאַצירן שייך־באַבערדלטע אידן, מיט געדאַקטאָרטע עפּאָלעטן, מיט חשיבותדיקע טראָטעלעך, מיט שרייבערשן אָנשטעל, מיט סופערשע „פּענסנע", מיט גראַנד־ריכטערישע שפּאַציר־שטעקעלעך, און, בין מנחה למעריב, גיבן זיי זיך, אין פולער תמימות, אַ ל ע ש־אויס אַ נשמה פון אַ קינסטלער אָן שום אָפּהילך פון אַ שאָס, אָן דעם מינדעסטן שאָרך פון אַ חשד.

ה.

ווען ביי אונז וואָלטן געווען צום האַנט מענטשן מיט חוש פאַר נייגעריקייטן, וואָלט איך אין זיי גערעגט דעם אינטערעס צו שאַפן צוויי יערלעכע פּריזן: 1) פאַר דעם ערגסטן מין שרייבן ביי אידן און 2) פאַר דעם הפקרדיקסטן מין שרייבן ביי אונז.

דער קאַנדידאַט אויף ביידע קרוינען, וועלכער וואַרט אַז מען זאָל אים אַרויפזעצן אויף דעם המנישן פערד, און שרייען אין אַלע גאַסן, אַז „ככה יעשה לאיש"... — איז דאָ. הכול יודעים, אַז זיין קיינמאָל־ניט געזעטיקטער אַפּעטיט־נאָמען איז דר. אַלעקסאַנדער מוקדוני.

וואָס מען קען אַרויסלערנען פון אַ קאָנצערט

אָנשטאָט אַ רעצענזיע, וויל דער שרייבער פון די שורות זיך אַדורכשמועסן מיט דער „וואָכנבלאַט"־לייענערשאַפט וועגן דעם נאָר־וואָס דורכגעפירטן „וואָכנבלאַט"־חנוכּה־קאָנצערט, און וואָס מען קען פון אים אַרויסלערנען.

אין דער ערשטער ריי, ווילט זיך דאָ ווידערהאָלן אַ באַוואוסטן פאַקט, פון דעם שלל טאַלענטן אין דער אידישער אַמעריקע. פון דעם איינעם קאָנצערט, האָט מען געקענט זען, אַז ניט נאָר האָבן מיר געזונטן קינסטלער־מאַטעריאַל פאַר אַ קונסט־טעאַטער, נאָר מיר האָבן אַ שפע פון כּוחות פאַר צען (10) היגע אידישע קונסט־טעאַטערס, — ווי אַ שפּעטערדיקער אַנאַליז פון קאָנצערט וועט באַווייזן.

אין צווייטער ריי, דאַרף דאָ מיט פרייד און מיט געצונג־דיקער שריפט אונטערגעשטראָכן ווערן דער אידעאַליזם פון די אידישע שוישפּילער און קינסטלער, — אין שאַרפן קאָנטראַסט פון די מערסטע אַמעריקאַנער אידישע שרייבער, וועלכע ווערן גאָרניט מיד פון אויפעסן זיך און דעם צווייטן און דעם דריטן, פון פּאַרטיליקן זיך אַליין און דעם שכנישן שרייבער, מיט דער גאַנצענער נאָך־געבליבענער ליטעראַרישער באַלעבאַטישקייט וואָס אין דער אידישער שפּראַך.

און דאָ זאָלן טאַקע גלייך געבראַכט ווערן ביישפּילן. אַ נאָטיץ פאַר אַ יום־טוב פון אַ אידישן זשורנאַל, וועלכער ראַנגלט זיך אַזוי מוראדיק פאַר זיין עקזיסטענץ האָט מען געדאַרפט אויסקעמפן, און אין רעזולטאַט, איז כּדאַי דאָ צו באַריכטן, זיינען אין „פאָרווערטס" דערשינען צוויי (2) נאָטיצן; אין „מאָרגען זשורנאַל" איין (1) פעטיט־נאָטיץ און אין „טאָג" („וואָס ברענגט ליכט") קיין איין איינציקע שורה ניט. ס'איז אַ גליק, וואָס חוץ שרייבער, האָט אַ צייטונג אויך פאַרוואַלטער, און די פאַרוואַלטער זיינען, מסתּמא געשאַפן פון אַן אַנדער ביאָכעמישן שטאָף. ווייל די פיר (4) גרויסע און פרייע אַדווערטייזמענטס אין „פאָרווערטס" זיינען געגעבן געוואָרן מיט עכטער דזשענטעלמענישקייט און פאַרשטענדעניש, און כמעט דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן דער פאַרוואַלטונג פון „מאָרגען זשורנאַל", מיט איר צוטראָג פון צוויי פרייע גרויסע אַדווערטייזמענטס. מאָריס וויינבערג, וועמען

איך האָב געהאָלפן איבערנעמען דעם „טאָג״, האָט, הפּנים, „דערלייגט צום עסק״, און אין רעזולטאַט, האָט ער די נייס פון דעם „וואָכנבלאַט״־יום־טוב באַהאַלטן פון די „טאָג״־לייענער, ווי אַ מיליטערישן סוד.

אין קאָנטראַסט צו דער אומבערענגערישער טאַקטיק פון די אי־דישע שרייבער אין אַמעריקע, דאַרף דאָ אַרויסגעשטעלט ווערן די ספּאָרטישקייט און די גוט־ברודערישקייט פון דער אידישער קינסטלער־וועלט. אַ וואָרט, אַן איין־איינציקער, צו הערי גרינפעלד, דירעקטאָר פון „דאַבליו־אי־ווי־די״, און אַלע „סטאַרס״ האָבן געגומען, בכבודם ובעצמם, שיינען אין דער ריכטונג פון לעיבאָר־טעמפּל, וואו דער „וואָכנבלאַט״־קאָנצערט האָט גערדאַרפט פאָרקומען: צבי סקולער (דער „גראַם־מייסטער״), חנה ספּעקטאָר, בען באַסענקאָ, ישראל לוצקי („דער אידישער פילאָזאָף״), ראַבי זיידמאַן, און — אַהרון אַחרון חביב — דער אַמעריקאַניש־דערצויגענער אברהם עלשטיין. אָט־דער גרוי־סער קינסטלער האָט זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט אויפטרעטן פריי און אַקאָמפּאַנירן אַלע, אַלע זינגער פון קאָנצערט. ער האָט געווידמעט זיין גאַנצע „שאָו״, וועלכע ער פּרעזענטירט יעדן פרי־מאָרגן אויף דער ראַדיאָ צום „וואָכנבלאַט״ בכלל און צום קאָנצערט בפרט. אין זעלבן גייסט האָבן (אָן־געלטלעך) זיך באַטייליקט אַלע קינסטלער. און אין רעזולטאַט — איז טאַקע דער באַזוך געווען אַ גרויסער, דער פיינער עולם איז אַוועק פון קאָנצערט אַן אינספּי־רירטער, אַן אויפגעמונטערטער, און דער איינקונפט פונם אָוונט האָט פינאַנסירט אָט־די איצטיקע אויסגאַבע.

***

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן דער קינסטלערישער זייט פון קאָנצערט.

אב. עלשטיין, דער עכטער אידיש־אַמעריקאַנישער קינסטלער, באַדייטנדיקער קאָמפּאָזיטאָר און פּיאַנאָ־ווירטואָז דערעפנט דעם אָוונט מיט דעם אויפשפּילן פון די הימנעס, און — ווי פריער דערמאָנט — אַקאָמפּאַנירט ער אַלע באַטייליקטע זינגער ניט האָבנדיק מיט זיי קיין איין־איינציקע רעפּעטיציע. די קינסטלער שאַצן עס אָפּ, און פאַרפעלן ניט עס צו דערמאָנען.

דער „וואָכנבלאַט״־רעדאַקטאָר, וועלכער קיניגט איבער דעם יום־טוב, באַגריסט דעם יום־טובדיקן עולם, סאַלוטירט מיט ספּעציעלער

קאַוואַלערישקייט די דאַמען און לייענט, לכבוד זיי, זיין פּאָעמע: „עס רעדט די פרוי".

די וויטערדיקע באַטייליקטע זיינען דערשינען מיט אַזאַ פייער־לעכקייט, און מיט אַזאַ פריי־גיביקייט, אַז יעדער איינציקער פון זיי איז געווען „אַ קאָנצערט פאַר זיך". אַזוי, צ.ב., איז געווען דער אויפטריט פון שריפטשטעלער־זינגער מ. ירדני, וועלכער טרעט אויף אין פיר (4) נומערן: „מי שעשה נסים", „אין שטיל־געזאַנג" (טעקסט פון יצחק ליבמאַן, מוזיק פון מ. ירדני), „קול ירושלים" און „תל אביב". וואָלט ניט געווען אַזאַ שפע פון באַטייליקטע טאַלענטן וואָלט ירדני געקענט זינגען נאָך און נאָך, פאַרוואַנדלענדיק זיין אויפטריט אין אַ רעסייטל. נאָר סיי־ווי איז ער וואַרים און האַרציק אויפגענומען געוואָרן, און איז לאַנג אַפּלאָדירט געוואָרן.

א. ל. באַראַן ווערט דאַן פאָרגעשטעלט; כאָטש ער איז נאָר־וואָס אַריין אין זאַל, פון זיין וועכענטלעכן „בראָדקעסט", דערשיינט ער, ווי אַ טרייער זעלנער, און שפּילט אויף אין זיין דואַלער פערזענלעכקייט (אַקטיאָר און פּאָעט) און געווינט די האַרץ פון אינטעליגענטן פּובליקום מיט זיין לומדישן הומאָר. אויך באַראַן קען איינער אַליין, אין אַן עת צרה, ליפערן באַלערנדיקן און אונטערהאַלטנדיקן מאַטעריאַל פאַר אַ פולן אָוונט.

אויב יעדער איינער פון די אויפטרעטלער יענעם אָוונט איז געווען פול מיט פייער, איז דער אויפטריט פון יעקב זאַנגער געווען אַן „עקספּלאָוזשן". פאַר אַ סך פון דעם אַזוי־גערופענעם פיינשמעקערישן לאַגער איז ער געווען אַן אַנטדעקונג און אַ דערפרישונג. זיין מאַ־טעריאַל איז טיפּיש־אידיש־אַמעריקאַניש, און זיין הומאָר איז ניט קיין אימפּאָרטירטער. ער איז ווי געבאָרן פאַר דער קאָנצערט־בינע. ער איז אויפגעטראָטן, אין געזאַנג און אין רעציטאַציעס, אין דריי (3) נומערן, און נאָך יעדן פינאַל האָט געהילכט דער זאַל. אויב די באַ־זוכער זיינען יענעם אָוונט ניט קראַנק געוואָרן פון היסטערישן לאַכן, זיינען זיי טאַקע מאַקאַביייער.

און דאַן דערשיינט, אין איר פולער שלאַנקייט און בינע־ווירדי־קייט, הענריעטאַ שניצער. זי איז דראַמאַטישע שוישפּילערין ביז דעם מינדסטן נאָגל. איר ערשטער פאַרנוויג איז אין שרה רייזענס אַ מאָ־נאָלאָג. אַ שרייענדיקע שטילקייט הערשט אין זאַל. יעדער איז פאַר־אינטערעסירט; בליקן זיינען געשפּאַנט, און ווען מיס שניצער ענדיקט,

קראַכט שיר דער טעמפּל פון אַפּלאַדיסמענטן. און אַזוי ווידערהאַלט זיך עס ביים סוף פון איר צווייטן נומער. העגריעטאַ שניצער, איז, קודם־כל, אַ בינע־קינסטלערין, נאָר איר שטערן שיינט העל־געגנוג אויך אויף דער קאָנצערט־בינע, ווי זי האָט עס גלענצנד דעמאָנסטרירט יענעם אָוונט.

און נאָך איידער דער עולם „קומט צו זיך" פון שפּאַנונג און אינטערעס, ווערט פאַרגעשטעלט היימי דזשייקאָבסאָן, דער אייך־מענטש־טעאַטער, וועלכער וואַרצלט אין סאַמע טראַדיציע פון אַמעריקאַנישן אידישן טעאַטער. מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט ער ציט זיין איינאַרטיקן הומאָר פון די קעשענעס ממש! ווי אַן אמתער מאַגיקער, האַלט ער זיין פּובליקום ווי היפּנאָטיזירט. אין אים און פון אים רעדט דאָס אמתע אידישע אַמעריקע. פון אים, ווי פון באַראָן, ווי פון זאַנגער, ווי פון לוצקי, א. אַנד. שלאָגן קוואַלן פון היגן הומאָר. דאָס זיינען כוחות, צום אָרגאַניזירן, פאַר אַ גרויס־פאַרנעמיקן סאַטירישן טעאַטער.

און נאָך אַזאַ הומאָר און געזאַנג וואָלקאַנאָ — ווי היימי דזשייקאָבסאָן איז בעצם — ווערט פול און ליכטיק די בינע, —

מיט בעלאַ בעלאַרינע.

בעלאַרינע, וועלכע איז דערצויגן אין דער בעסטער טראַדיציע פון „ווילנער טעאַטער" איז, נאָך אירע עטלעכע און צוואַנציק יאָר דאָ אין לאַנד, אַלץ „אין דער היים" פון דאַרטיקן מאַטעריאַל. זי הויבט אָן „איר ריסייטל" מיט עטלעכע הומאָריסטישע נומערן, וועלכע זי ליפערט מיט אירע אייגנאַרטיקע שוישפּילערישע כלי־זיין, און טרעט דאַן אויף אין י. פּאַטס אַ קאַפּיטל פון זיין בוך וועגן אונזער איצטיקן גרויסן חורבן. דעם קאַפּיטל האָט בעלאַרינע, וועלכע איז אויך אַ שרייבערין, קענטיק באַאַרבעט, צוגעפּאַרטיקט פאַר דער בינע, און דער איינדרוק איז טאַקע געווען אַ קאָלאָסאַלער, — אַזוי קאָלאָסאַל, אַז אַפילו די עטלעכע שטענדיקע רעדנער און שמועסער אין זאַל זיינען שטיל געווען אונטער בעלאַרינעס ממשלה...

מיט דער באַגריסונג צום „וואָכנבלאַט" פון דעם וואָכנבלאַטניק יהודה בליימאַן, וועלכער האָט באַטיטלט דעם „וואָכנבלאַט" ווי אַ נר תמיד, און דאַן גערופן די פאַרזאַמלטע צו קלאַמערן זיך אַרום דער צייט־

שריפט, איר שטאַרקן און קרעפטיקן, האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער טייל פון קאָנצערט.

***

דער צווייטער טייל פון אָוונט האָט זיך געעפנט מיט צוויי געלונגענע וויאָלין־נומערן, פון דעם יונגן קינסטלער יוחנן בירא, געראָטענער זון פון שמעון און פעלאַ בירא. יוחנן בירא איז אַקאָמפּאַנירט געוואָרן פון אַברהם עלשטיין.

אַ גרויסער ליטעראַרישער יום־טוב קען ניט זיין פאַרפולט אָן דער באַטייליקונג פון אַברהם רייזען. און אין דעם גייסט ווערט טאַקע רייזען פאָרגעשטעלט, און ער ווערט קעניגלעך אויפגענומען. אברהם רייזען שטעלט אָן אַ מאַזשאָרנעם טאָן וועגן מלכות אידיש. ער דערגרונטעוועט זיך, אין זיין אימפּרעסיוון רעדן, ביז די שטאַמען פון דער אידישער ליטעראַטור און ער דערגרייכט ביז צו די העכסטע שפּיצן פון יונג־אידיש, פון בונטאַרישן אידיש וואָס געפינט זיין אויסדרוק אין „וואָכנבלאַט". רייזען רעדט אויך פון די פילע טאַלענטן וואָס האָבן געפונען זייער היים אין „וואָכנבלאַט".

אונטער רייזענס השפעה, טרעט טאַקע אויף איינע פון די אָנפאַנגערינס, דינה ליפשיץ, און טראָגט פאר אירס אַ ליד, געדרוקט לעצטנס אין „וואָכנבלאַט".

דער אָוונט ווערט געשלאָסן פון פעלא בירא, אַ טיפּישע קינסטלערין פון די „וואָכנבלאַט"־קאָנצערטן. צוליב דער שפּעטער שעה קען פעלא בירא ניט „פאַרנאַנדערנעמען די הענט", און מוז זיך באַגרענעצן צו נאָר דריי (3) נומערן. מהאי טעמא, האָבן די אַנדערע קינסטלער, וועלכע זיינען געווען אין זאַל, ניט געקענט קומען צום פּסוק.

מיס בירא'ס ערשטער אויפטריט איז אין קאָוונערס אַ ווערק. איר צווייטער אויפטריט, לכבוד חנוכה, איז אין ליבמאַנס פּאָעמע „ניט שרייבן, ניט שלייפן".־ איר דריטער נומער איז אין ביאַלאָסטאָצקיס אַ לענגערער ליד. עס איז צום גרויסן קרעדיט פון פעלאַ בירא, וואָס זי האָט געהאַלטן, אין שפּעטער שעה פון אָוונט, פריש די נייגעריקייט און דעם אינטערעס פון די היפּשלעך־מידע אָנוועזנדע. און דאָס — איז שוין גאָר ניט קיין קלייניקייט!

אָט דאָס, ליבע פריינט, איז אַ קליינער באַריכט פון אַ גרויסן קאָנצערט.

דאָס ערשטע וואָרט וועגן עניין „מאָרגן זשורנאַל"

א

דורך די לאַנגע מיט שאַנדע און ווייטאָק־אָנגעלאָדענע פינעף חדשים וועגן דער „מאָרגן זשורנאַל" איז מיט רציחה אָרויסגעריסן געוואָרן פון זיינע געטרייע לייענער פלעגט זיך מיין באַשיידענע פעדער, כמעט טאָג־אין־טאָג, רייסן צום וואָרט, און דער מוח פלעגט זיך, כהרף עין, אַריינמישן: ניט איצט, נאָך ניט איצט. מ׳קען נאָך, חלילה, באַשווערן דעם טראָט פון פלוני און פלוני, פון די און פון יענע יחידים און גרופּן וואָס באַמיען זיך אויפריכטיק צוריק צום לעבן ברענגען די סאָלידע, די טראַדיציאָנעלע, די אידישלעכע אידישע טאָג־צייטונג.

ווייל עס איז געווען אַזוי פיל רייד אויפן שפּיץ פון דער צונג, אַזוי פיל פולווער אין דיין אינגעווייד, האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניק גבורה איינצוהאַלטן דעם יצר.

אָבער מיט אַן ערך פון דריי יאָר צוריק האָט מיין באַשיידענע פעדער זיך געפעדערט, און, מעשה נביאות, כמעט ווי געוואָרנט די דעמאָלטדיקע רודערער פון „מאָרגן זשורנאַל", אַז זיי זאָלן אויס־רייניקן דאָס הויז פון אינעווייניק.

ב

אַזוי ווי עס ווייזן זיך לעצטנס אין „מאָרגן זשורנאַל" סיגנאַלן קעסטעלעך אויף דער פּראָגנאָזע־זייט, און די צייטונג, זעט אויס, איז נאָך ווייט ניט אַרויס פון געפאַר־גדר, איז, אפשר, כדאַי און ס׳וועט, אפשר, זיין צום געזונט פון דעם רעאָרגאַניזירטן טאָגבלאַט, איבערקוקן עטלע־כע בלעטער פון דעם גאָר נאָענטן עבר זיינעם.

ס׳איז געווען, ווי געזאָגט, מיט אַ דריי יאָר צוריק, — די ירידה־טעג פון „מאָרגן זשורנאַל". אויף דעם „פאָרווערטס", וועלכער האָט פּאַקטיש געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָליע אין ראַטעווען דעם „מאָרגן זשורנאַל" פון די טיוואַלאַנישע הענט פון די באַלעבאַטים פון „טאָג" און,

אים היפש העלפן צוריקברענגען צום לעבן, — איז דעמאָלט מצד די דעמאָלטיקע מ. זש. באַלעבאַטים און רעדאַקטאָרן אָפּגעשפּילט געוואָרן אַ געמיינע אינטריגע, וועלכע איך האָב באַצייכנט „אין קלעם פון העסלעכער קליינשטעטלדיקייט". טאָ זאָלן מיינע דעמאָלטדיקע שורות דערציילן די מעשה שהיה:

ג

„לעצטן פרייטאָג, א׳ כסלו, פ׳ תולדות, בין איך פון דעם נייעם ראש פון דער אָרטאָדאָקסישער אידישער צייטונג פון ניו־יאָרק, פון „מאָרגן זשורנאַל", אַלאַרמירט געוואָרן וועגן „אַן עדיטאָריעל — אין „פאָרווערטס" — וואָס האָט כמעט ניט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פון דער אידישער פּרעסע", און אַז דער „פאָרווערטס" האָט מיט דעם עדיטאָריעל געזוכט „צו מאַכן אַ דזשאָב אויף דער אידישער פּרעסע און אויף דער ציוניסטישער פירערשאַפט און, אומדירעקט, אויף די אידישע ווילער בכלל."

„אויף וויפיל מיין ווייניקייט צוזאַמען מיט דער „וואָכנבלאַט"־מלוכה האָבן אַ שטיקל שייכות מיט דער אידישער פּרעסע איז מיר, דעם אמת זאָגנדיק, דער ערב שבת און דער שבת גופא היפש פאַרשטערט געוואָרן, ווייל, ווער ווייסט — האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן און זיך צו זאָרגן — ווי טיכטיק דער „דזשאָב" איז מצד דעם „פאָרווערטס" געמאַכט געוואָרן.

„אַ שטיקעלע טרייסט האָב איך געהאַט וואָס צופיל צו בויען אויף אָט־דעם בעל־הליאָרם, מ. י. נירענבערגער, איז ניט ראַטזאַם, ווייל „דער גרינער רעפּאָרטער" — ווי מען רופט אים אין געוויסע שרייבערשע קרייזן — וועלכער איז דורך כמה וכמה אומפאַרשטענדלעכע סיבות, כוונות און מאַכינאַציעס דערהויבן געוואָרן צו דער כמעט־העכסטער פּאָזיציע אין דער רעדאַקציע פון „מאָרגן זשורנאַל" — צו דער פאָרמעלער פּאָזיציע פון „פאַרוואַלטונג־רעדאַקטאָר" און פון פאַקטישן רעדאַקטאָר, — אַז אָט־דער רעפּאָרטער האָט שוין לאַנג געוויזן אַ פּנים פון אַ ביליקן און גיריקן סענסאַציאָנאַליסט אין דעם אַמעריקאַנישן קאַפּיטל פון זיין זשורנאַליסטישער קאַריערע.

„איז, ווי געזאָגט, האָט דער אַלאַרם זיינער מיך דערפאַר נאָר טיילווייז באַאומרואיקט, נאָר ניט אינגאַנצן אומגעוואָרפן פון די פיס. אָבער אַ היפּשע אָנשטרענגונג צו קריגן דעם דערמאָנטן „דזשאָב"־עדיטאָריעל פון „פאָרווערטס" (פון 23־טן נאָוועמבער, 1948), האָב

איך געמאַכט און — יגעתי ומצאתי תאמין — איך האָב איצט אין מיין רשות דעם (אין זין פון אַל־דאָס־בייז) פריז־געוואונענעם לייט־אַרטיקל, דער „וואָס האָט כמעט ניט זיינס גלייכן אין דער געשיכטע פון דער אידישער פרעסע.״

„אַזוי ווי דער אַלאַרם פון „מאָרגן זשורנאַל״ און אַן ענלעכע סעריע אַלאַרמס מיט אַ שטיקל צייט צוריק אין „טאָג״ איז אויך געווען צו מיר, און צו מיר איז ער נאָך געווען דרייפאַך, ווייל איך בין דאָך 1) אַ „אידישער ווילער״ אין אַמעריקע; 2) אַ ציוניסט משנים קד־מוניות; און 3) אַן איצטיקער אַרויסגעבער פון אַ אידישער וואָכנ־שריפט, האָב איך זיך ניט פאַרלאָזן מיט איין מאָל איבערלייענען דעם געפערלעכן לייט־אַרטיקל. איך האָב אים געלייענט דריי מאָל. און איבערלייענענדיק דריי מאָל — עס שאַדט ניט צו ווידערהאָלן — דעם לייט־אַרטיקל אין „פאָרווערטס״ פון 23־טן נאָוועמבער, א. ג. „אַמעריקע און ישראל״ בין איך דריי מאָל ניט שאָקירט געוואָרן: ניט אַלס איד, ניט אַלס ציוניסט און ניט אַלס „פאָבלישער.״ מיט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם עדיטאָריעל קען מסכים זיין יעדער באַוואוסטזיניקער איד, יעדער ציוניסטישער פאַרטיי מיטגליד און יעדער מיושבדיקער און געוויסנהאַפטיקער זשורנאַליסט.

„די שאַרלאַטאַנסטוואָ פון דעם נירענבערגער אין „מאָרגן זשורנאַל״ און פון דעם אַנאָנימען שרייבער פון די ענלעכע אַלאַרם־שרייבערייען אין „טאָג״ באַשטייט אין דעם וואָס זיי ריידן און העצן קעגן איין זאַך און פאַרדריסן, פאַרדריסט זיי פאַר עפּעס אַנדערש.

„וואָס פאַרדריסט זיי? עס פאַרדריסט זיי וואָס דער פרעזידענט־קאַנדידאַט פון „פאָרווערטס״, פרעזידענט טרומאַן, איז ווידערדערוויילט געוואָרן; און עס פאַרדריסט זיי אויך, וואָס ער איז ווידערדערוויילט געוואָרן מיט דער הויפּט הילף פון דער היגער אַרבעטערשאַפט, און במילא, אויך פון דעם „פאָרווערטס״ און פון אַלע מעכטיקע אינסטי־טוציעס און אָרגאַניזאַציעס וואָס דער „פאָרווערטס״ פירט און באַ־איינפלוסט.

„אין דעם נעמלעכן עדיטאָריעל ווערט טאַקע וועגן דעם גערעדט. און ס'איז כדאַי דאָ איבערצודרוקן דעם גאַנצן שרעקלעכן „פאָר־ווערטס״־עדיטאָריעל וואָרט־אין־וואָרט, כדי דער אינטעליגענטער און אָביעקטיווער לייענער זאָל אַליין זיין דער שופט, און כדי עס זאָל קלאָר ווערן צו וועלכער מדרגה פון הפקרות און דעגענעראַציע די בירגערלעכע פּראָפיטן־גייציקע אידישע פרעסע אין אַמעריקע האָט דערגרייכט״.

(צוליב דוחק אין פּלאַץ איז ניט מעגלעך און ס׳איז איצט אויך ניט נויטיק איבערצודרוקן יענעם עדיטאָריעל פון „פאָרווערטס״).

„דער ערשטער אימפּולס פון איינעם וואָס לייענט איבער אָט־דעם שרעקלעכסטן פון אַלע אידישע עדיטאָריעלס איז — זיי דאַרפן זיך טאַקע שלאָגן „חטאתי״.

„ס׳איז געווען אַ צייט ווען דער „מאָרגן זשורנאַל״ איז געלעגן אין די הענט פון אַמעריקאַנער רעדאַקטאָרן. פּיטער וויערניק, ע״ה, יעקב פישמאַן, ע״ה. זיי זיינען געווען אַחוץ זשורנאַליסטן אויך אַמעריקאַנער. מיט חוש פאַר טאָלעראַנץ. אונטער זייער רעדאַקציע וואָלט ניט מעג־לעך געווען אַזאַ הפקרות. אויך אין די ערשטע יאָרן פון זיין קיום האָט זיך די „טאָג״־רעדאַקציע פּרובירט האַלטן אויף אַ געוויסער הויך פון זשורנאַליסטישער עטיק. ס׳איז געווען דאָן אַ ווירדע צו זיין אַ שרייבער. היינט עסט דאָך דאָרט איינער דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט. מע האַנדלט ווי מען וואָלט געווען אויף אַ זינקענדיקער שיף. קיין סימן ניט פון טאָלעראַנץ. קיין הויך פון קולטור. קיין אַחריות פאַרן פאָלק. קיין ליבע צום מין מענטש. זיי פירן זיך אַזוי אויף, אַז ס׳איז אָפט, גאָר אָפט, אַ שאַנדע צו זיין אַ אידישער שרייבער.

מען איז אין אַמעריקע ווער דרייסיק יאָר, ווער פערציק און ווער מער — אָבער אין שרייבערשער הנהגה איז מען גרין, איז מען קליינ־שטעטלדיק.

„ווי האַנדלט אַן אַמעריקאַנער? קען מען נעמען ווילקין פאַר אַ מוסטער פון אַן עכטן אַמעריקאַנער? דאַכט זיך, אַז יאָ. ווען ער איז דורכגעפאַלן אַלס פּרעזידענט־קאַנדידאַט, — האָט ער זיך מאָמענטאַן — חוץ דער העפלעכער גראַטולאַציע — ניט געשטעלט אין דינסט פון זיין פּרעזידענט? און אַפילו דער מיטלמעסיקער דיואי? און — ווער ניט? זיי האָבן זיכער מער איינגעשטעלט אין די וואַלן, ווי די בירגערלעכע אידישע צייטונגען פון ניו־יאָרק, וועלכע האָבן, בכלל, קיין זאַך ניט איינגעשטעלט, נאָר האָבן גענאָסן מיט פולע זשמעניעס פון אַלע דריי פּאַרטייען: זיי האָבן איינגעקאַסירט אין פעט געלט פאַר באַצאָלטע אַדווערטייזמענטס פון אַלע דריי פּאַרטייען, כאָטש זיי זיינען געווען קעגן טרומאַנען. איז, וואו איז זייער ספּאָרטסמענשאַפט־געפיל? בעת דער „מאָרגן זשורנאַל״ און דער „טאָג״ קאַסירן איין פון 35 ביז 50 טויזנט דאָלאַר אַ יאָר פון פּאָליטישע אַדווערטייזמענטס, קריגט דער „פאָרווערטס״ קיין איין סענט ניט פון אָט־די איינקונפטן. ס׳זיינען דאָ הונדערטער צייטונגען אין אַמעריקע, וועלכע לעבן מערסטנטייל פון

דעם פּאָליטישן יאַריד. און דאָ איז פּאַר אונז אַ גרויסע צייטונג, אַן אַלטע צייטונג, אַן איינפלוסרייכע צייטונג, — ווי עס איז באמת דער „פאָרווערטס" — און ניט נאָר קריגט זי ניט אַריין די מינדסטע איינקונפט פון פּאָליטישע אַדווערטייזמענטס, נאָר זי דערלייגט נאָך צום עסק. ווייל דער „פאָרווערטס" אַלס אַן אַרבעטער צייטונג פלעגט דאָך ביז לעצטנס שטיצן נאָר סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן, און וואו האָבן די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן גענומען פאַנדן אויף אַנצופירן קאַמפּעינס — פון „פאָרווערטס" און פון די „פאָרווערטס"־פריינט־לעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס. די פּאָליטישע קאַמפּיינס און אַנדערע אָרעמע טאַנטעס, ווי די „צוקונפט", און אַנד. האָבן ביז איצט אָפּגעקאָסט דעם „פאָרווערטס" פון צוויי אַ האַלב ביז דריי (3) מיליאָן דאָלאַר. איך, אַ שרייבער, וואָס האָבן קיין מאָל ניט געזוכט קיין שטעלע אין אַ טעגלעכער אידישער צייטונג, קען נאָר זינגען אַ לויב אַ אידישער צייטונג פאַר אַזאַ שיינעם „רעקאָרד". מיין פּעדער, וועלכע האָט ניט איין שטריך געפּאַכטן מיטן „פאָרווערטס", און קען ניט פאַר קיין געלט געקויפט ווערן פון „פאָרוועורטס", צי פון די אַנ־דערע צייטונגען, וועלכע ווילן נאָכמאַכן דעם „פאָרווערטס", קען נאָר אין דעם פּרט, שרייבן שבחים דעם „פאָרווערטס". דאָ קענען מיר זאָגן צו דער ניט־אידישער אַמעריקע: וויפל צייטונגען האָט איר אַזעלכע אַנצואווייזן?

„אויף דער יערלעכער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער עדיטאָריעל־שרייבער לעצטע וואָך אין לואיזוויל, קענטאָקי, האָט ראָ־בערט האָטשינס, דער „טשענסעלאָר" פון שיקאַגער אוניווערזיטעט, געריבן אַן אויער די היגע זשורנאַליסטן. און מוסר איז תמיד אין פּלאַץ. ס'איז, אָבער, אינטערעסאַנט ווי אַזוי ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע:

„פון איין זאַך וואָס איך וואָלט יאָ געראָטן אייך זיך אויסצוהיילן איז פון די קראַנקהאַפטע סימנים בעת איר ווערט קריטיקירט. נאָך אַלעמען, איז דאָך אייער רעכט צו קריטיקירן באַשיצט פון דער אַמע־ריקאַנער קאָנסטיטוציע. איך האָב, אָבער, קיינמאָל ניט געקענט פאַר־שטיין, אַז דער וואָס קריטיקירט די פּרעסע זאָל באַטראַכט ווערן פאַר איינעם וואָס וויל צוריקציען אָט־דעם קאָנסטיטוציאָנעלן אַמענדמענט."

„היינט, אויב פּראָפ. האָטשינס באַשולדיקט די אַלגעמיינע אַמע־ריקאַנער פּרעסע אין סופּער־עמפּינדלעכקייט צו קריטיק — וואָס וואָלט ער שוין געזאָגט וועגן געוויסע טיפּן אידישע צייטונגען און צייטונגס־אַרויסגעבער?

„קענענדיק דעם גייסטיקן מהות פון די באַשטימטע „פּאַבלישערס״ אונזערע, ווייס איך, אַז מיט דעם לייט־אַרטיקל וועל איך די מערכה פון „וואָכנבלאַט״ ניט פאַרבעסערן. פאַרקערט, איך ווייס, אַז איך האָב זיך איינגעקויפט מפטיר אין די דערמאָנטע אידישע צייטונגען. איך פיל, אָבער, אויך אַז מיין פעדער וואָלט פאַרלאָרן איר נוצלעכקייט ווען זי וואָלט איצט ניט רעאַגירט אויף דער איבערגעלאָדענער הפקרות פון דעם „טאָג״ און פון דעם „מאָרגן זשורנאַל״, און פון דער דעגע־נעראַציע בכלל וואָס האָט אַרומגעכאַפּט היפּשע שיכטן פון די היגע פּראָפעסיאָנעלע אַזוי־גערופענע שרייבער, — אַ הפקרות און אַ דע־גענעראַציע, וועלכע וועלן סוף־כל־סוף פירן צו קיין אַנדער זאַך, ווי צו דער פאַרגיכערונג פון זייער אייגענעם אונטערגאַנג.״

ד

די „סיגנאַל־קעסטעלעך״, וואָס ווייזן זיך, ווי געזאָגט, לעצטנס אויף די פראָנט־זייטן פון „מאָרגן זשורנאַל״, זיינען געשריבן אין אַזאַ תרגום־לשון אַז נאָר די סאַמע לינגוויסטישע קאָרפּן־קעפּ קענען באַנע־מען וואָס עס טוט זיך מאחורי הפרגוד. ס'איז, אָבער, קלאָר פון צווישן די שורות, אַז די בעלי־„טאָג״ לויערן נאָך אַלץ מיט זייערע לאָיערלעך איבער דעם היפּש־אָפּגעצערטן גוף פון „מאָרגן זשורנאַל״. די פראַגע איז נאָר ווי טיכטיק האָט געאַרבעט דער נייער בעזים אויף אויסצו־רייניקן דאָס הויז מ. זש. פון אינעווייניק כדי קענען, מאָראַליש גע־רייניקט און גייסטיק געקרעפטיקט, זיך ווידערשטעלן די שאַנדפולע מאַכינאַציעס פון די בעלי־„טאָג״, אין זייער טיוולאָנישן רויב־פּלאַן פון אומברענגען בידים אַ אידישע טעגלעכע צייטונג — וואָס אַזאַ נבלה איז נאָך ניט געזען געוואָרן אין דער גאַנצער לענג פון דער אידישער געשיכטע.

ניו־יאָרק, 6־טער נאָוועמבער, 1951.

דאָס צווייטע וואָרט וועגן ענין
„מאָרגן זשורנאַל״

א

דאָס צווייטע וואָרט וואָס מ׳קען זאָגן, צי, אפשר, מ׳דאַרף זאָגן, וועגן „ענין מאָרגן זשורנאַל״ איז וועגן די רבנים. ניט וועגן די רבנים וואָס זיינען אין די ערב־אונטערגאַנג־יאָרן פון דער צייטונג געווען דירעקט פאַרבונדן מיט דער אָרטאָדאָקסישער טאָג־צייטונג, דירעקט מיטבאַטייליקט אין דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער דעגענעראַציע פון אַ סאָלידער טאָג־בלאַט. ניט וועגן זיי, — ניט וועגן אָט־די עטלעכע רבנישע יחידים, וועגן וועמען עס האָבן צירקולירט פאַנטאַסטישע מעשות וועגן זייער אַלגעמיינער הנהגה און וועגן זייער ספּעציפישער און משונהדיקער אויפפירונג אין דער באַרג־אַראָפּ ראָליע אין דעם לעבן פון אַ גרויסער צייטונג אין טעג פון שאַרפע מאָראַלישע, מאַטעריעלע און אָרגאַניזאַציאָנעלע קריזיסן. וועגן יעדן איינעם פון זיי לאָזט זיך, צי בעט זיך, אויפבויען ניט איין קאָלום. נאָר ניט איצט. איצט רייסט זיך מיין פעדער צו זאָגן אַ וואָרט צו די אידיש־אידישע רבנים און אידיש־אידישע רבנישע אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן מיט זייער אַנטי־אידישער הנהגה אַנטלופּטעט דעם „מאָרגן זשורנאַל״, צוגענומען ביי אים דעם רוח חיים, און דערמיט פאַרגיכערט זיין פינף־חדשימדיקן אָפּשטעל.

ב

דאָס וואָס רבנים, מנהיגים און אַזוי־גערופענע גדולי הדור קענען מיט זייערע שאַרפע מוחות ניט באַנעמען, האָט קלאָר און געזונט באַנומען אַן איינפאַכע פאָלקס־פּרוי. מיין אויפמערקזאַמקייט צו דער אידישער פּרויס חכמה האָט געצויגן דער אידישער געלערנטער און שריפטשטעלער דר. מנחם ג. גלען. מיט אַן ערך פון דריי און אַ האַלב יאָר צוריק האָט ער מיר אַריינגעבריוולט אַ בריוו אין אַ בריוו, לאמור, אַזוי צו זאָגן:

„ליבער קאָלעגע יצחק ליבמאַן,

רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״: —

„ווען ביי אונז וואָלט געווען איינגעפירט צו פּרעמירן בריוו־

שרייבער אין רעדאַקציעס, וואָלט איך פאַר דעם רעקאָמענדירט די באַ־בע ברכה שמואלזאָן, וועמעס אַ בריוו איז דערשינען אין „מאָרגן זשור־נאַל" פון 25־טן פעברואַר, 1947.

„איך וואָלט אייך געבעטן איבערצודרוקן דעם בריוו אירן כדי אָנצואווייזן צו וועלכע אַבסורדן מיר דערגרייכן מיט אונזער „אַנגליס־טיס" רחמנא ליצלן... צוליב דעם בריוו בין איך מפקיר מיין היינטיק־וואָכיקן פעליעטאָן.

„געדאַרפט האָב איך, אפשר, באַהאַנדלען דעם ענין פעליעטאָניש, אָדער איר, הער רעדאַקטאָר — לייט־אַרטיקלדיק. אָבער מיין פיליעטאָן־סטאַק איז פול און איך וואָלט געוואָלט ניט דוחה זיין דעם איבערדרוקן פון אָט־דעם בריוול, ווי ער גייט און שטייט, אין דער „מאָרגן זשורנאַל" אָרטאָגראַפּיע:

„ווי קומט „אגודת ישראל" צו ענגליש?

„פון ברכה שמואלזאָן, 1056 שערידאַן עוו., בראָנקס.

„איך האָב געלייענט אין „מאָרגען זשורנאַל" וועגען אַ גרויסען מיטינג פון „אגודת ישראל" אין פענסילווייניע האָטעל פאַר זונטאָג אָוועגד.

„איך בין אַ פרוי פון 76 יאָהר אַלט, און בין אַ לעזערין פון „מאָר־גען זשורנאַל" פאַר די לעצטע 28 יאָהר. איך און נאָך איניגע פרויען פון די בראָנקס האָבען באַשלאָסען צו פאָהרען צו דעם מיטינג פון אגודת ישראל.

„און אָט וואָס עס האָט פּאַסירט:

„קומענדיג אין פענסילווייניע האָטעל האָבען מיר געדאַרפט דורכ־געהן אַלערליי צרות ביז מיר האָבען אויסגעפונען אַז דער מיטינג געפינט זיך אויפן 18־טען פלאָר, און קומענדיג אַהין האָבען מיר אויסגעפונען אַז מען דאַרף באַצאָלען ביים אַריינגאַנג (אַ זאַך וואָס איז ניט געווען אַדווערטייזט אין „מאָרגען זשורנאַל". עס איז נאָר געווען אַדווערטייזט אַז די אגודה רופט צו קומען הערען זייער „גדול בישראל" הרב הגאון יעקב ראָזענהיים).

„און דאָ פאַנגען זיך ערשט אָן אונזערע צרות: הרב ראָזענהיים האָט אָנגעפאַנגען צו לייענען פון אַ פּאַפּיר, אויף ענגליש, און האָט אַזוי געלייענט אַרום אַ שעה צייט. די מערסטע פון עולם האָבען נישט פאַר־שטאַנען קיין ענגליש.

„פרעגט זיך די פראַגע: צו וואָס דאַרף אַ רב פון 76 יאָהר, שיחי', ריידען אויף ענגליש, ווען 90 פּראָצענט פון'ם עולם, וואָס זיינען גע־

קומען אויסהערען אַן אַלטען אידישען פירער פון דער „אגודה״ האָבען נישט פאַרשטאַנען קיין צעהן ווערטער פון זיין רעדע אין ענגליש.

„איך וויל בעטען דער אגודה, אַז זי זאָל אונז ענטפערען, פאַר וועמען וועלען מיר דרוקן די אידישע צייטונגען און אידישע ביכער, אַז אַלטע רבנים, וואָס קומען צו־גאַסט קיין אַמעריקא ריידען אין אַזאַ שפּראַך וואָס איז נישט פאַרשטענדלעך פאַר די מערסטע פון דער „אגודה״ וואָס זיינען איצט־אַריבערגעקומענע פון אייראָפּא.

„אַ צווייטע פראַגע: וואָס דאַרף די „אגודה״ מאַכען אַ מיטינג אין פענסילווייניע האָטעל און ניט אין איינער פון אונזערע שעהנע שוהלען, וואָס שטעהען פּוסט און וואָלטען געווען צופרידען צו געבען פּלאַץ פאַר אַזאַ מיטינג בחינם, „בלי כסף״. און זאָלן די 750 דאָלאַר וואָס אַזאַ מיטינג קאָסט, בעסער געהן אויף צו העלפען אַ פּליטלינגס פאַמיליע וואָס די „אגודה״ פאַרנעמט זיך מיט דעם און עס קומט איר טאַקע אַ יישר כח דערפאַר . . .

„ווי וואָלטן די „ענגליש־שפּרעכענדע״ געזאָגט: „נאָ קאָמענט נעסעסערי״ . . . „אייער ג. מנחם (דר. מנחם ג. גלעַן).

ג

אויף דעם „בריוו־אין־אַ בריוו״ האָט דער שרייבער פון די שורות דעמאָלט אַזוי קאָמענטירט:

מיר נעמען אָן, מיט דאַנק, די סוגעסטיע פון אונזער חשובן פענשפּיצלער, ג. מנחם, צו איבערדרוקן דאָ — און טאַקע אויף דער פראָנט־זייט — דעם „פּרעמירטן״ בריוו פון דער פאָלקס־פּרוי, ברכה שמואלזאָן — אַ בריוו, וועלכער פאָדערט, כמעט, ניט קיין פּירושים; אַ בריוו, וועלכן אויך אַנדערע צייטשריפטן האָבן געדאַרפט דרוקן און איבערדרוקן און אויך צעטיילן איִם צווישן די אָנהענגער פון דער „אגודה״ און פון די אַנדערע אַגודות, און אפשר, אַזוי אַרום, אויפהויבן כאָטש עטוואָס דעם אידיש־קודש פון דער שפּלדיקייט, צו וועלכער די אידיש־ריידנדיקע אידן אַליין האַלטן זייער לשון אין איין אַרונטערשלעפּן און אין איין אַרונטערגראַדירן.

דער בריוו באַרירט נאָך אַ זינד, אַ חטא, וואָס רבנים — און נאָך פון דעם „אגודה״־שניט—באַגייען (עבירה גוררת עבירה): דאָס לויפן

אין די גוישע האָטעלן, זאָלן בעת די אידיש־אידישלעכע פאַרזאַמ־לונג־פלעצער פוסטעווען. איין שפלות־קאָמפּלעקס פירט צו אַ צווייטן. אַז מען פילט צו זיך אַליין אַ מינדערוואַכטיקייט מיטן נוצן פון דער פאָלקס־שפּראַך, און מען הייבט אָן, אַזוי אַרום, קריכן אויף אינגאַליש פירט שוין אָט־דער פאַראַט צו אַ צווייטן פאַראַט — אויסמיידן די אידיש־באַפעלקערטע געגנטן, אידיש־פאָלקסטימלעכע בתי כנסיות און שטופּן זיך, אָפט ווי ניט־ווילקאָמענע, אין די פּרעמדע, אַבי גלאַנציקע סאַלאָנען.

מיט וויפל זיינען די אגודה־אידן, אין דעם זין, אַנדערש פון יענעם געמלטן פליכטלינג, וואָס אין סאַמע געבייטשטן געלאַף פון דעם ימח־שמוניקן נאַצי האָט ער, אַלס זיין ערשטער ווענד צו דער „סטעטיו אָוו ליבערטי", דעפּעשירט צו זיינע קרובים אין ניו־יאָרק, אַז מען זאָל אים, למע"ה זען, אויפזוכן אַ דירה אין אַ ניט־אידישן געגנט?

ווי עס זעט אויס, מעגן די „געפירטע" מהיום והלאה, נעמען אָפּטער און הילכיקער לאָזן הערן זייער שטים, אויב עס איז אַזאַ קלאָרע און מאַנענדיקע שטים, ווי די פון דער פריז־געווינענדיקער ברכה שמואלזאָן — אַ וואָרט, וואָס האָט דאָ גלייך געקראָגן זיין פּראָ־מינענטן אָרט.

ד

זינט דעמאָלט איז די באַציאונג פון די היגע רבנים צו אידיש און צו דער אידיש־געשאַפענער פאָלקס־קולטור ניט, חלילה, בעסער, נאָר פיל, פיל ערגער. די קאָמפּאַרטאַבל־איינגעזעסענע רבנים ווייסן אַז זייער פּוטער און שמאַלץ רינט צו זיי פון די ענגליש־ריידנדיקע אידן, ווילן זיי ניט ריכטן דאָרטן זייער מוסר־וואָרט, און נאָך אין אי־דיש דערצו. און די אידיש־אידישע רבנים, די פון דעם עלטערן דור, קוקן מיט קנאה אויף די יונגע רבנימלעך, און פּרובירן זיי נאָכקרי־מען.

אָט־די אַסימילאַטאָריש־פאַררעטערישע באַציאונג צו דער אי־דישער פאָלקס־שפּראַך אין די בתי כנסיות און אין די בתי מדרשים איז דער אונטערגאַנגישער גורם פון אידיש בכלל און פון אידיש־אָרטאָדאָקסישן וואָרט בפרט.

די רבנים וואָס האָבן, אַ דאַנק זייער פאַרקויפן זיך צום עגל הזהב, וכולהו דירעקט און אומדירעקט דערפירט צו דער שפלות פון

אידישן וואָרט און זיינען, במילא, געווען די מיטשולדיקע אין דער אונטערגעבראָכנקייט פון דייער בימה, פון זייער טריבונע, וועלן, הפנים, זיך שוין ניט וועלן שיידן מיט די תענוגי עולם הזה, מיט אַ לייכט לעבן, מיט לייכטע פרנסות, און וועלן שוין ווייטער, זעט אויס, זיך לאָזן גליטשן אויפן גרינגיקן באַרג אַראָפּ און דערמיט אויך מיטשלעפּן די פאָלקסטימלעכע אידישע באַלעבאַטישקייט, די אידישע פאָלקס־אוצרות, און דעם גרעסטן, אפשר, פון די אוצרות — דעם אידישן פאָלק־לשון.

אברהם רייזענס יובילײ — דער יום־טוב פון דער אידישער ליטעראַטור

א

עס איז גוט וואָס פון צייט צו צייט גיט זיך אַ באַווייז פאַר אונז דער בעל־הלוח און אונטערשטרייכט מיט רויט געווויסע דאַטעס, געוויסע ציפערן: אָט, דערמאָנט ער אונז, אַז דער פאָטער פון מאָדערנעם אידישן קינסטלערישן פּערז, דער פאָטער פון דער קינסטלערישער אידישער דערציילונג איז שוין אַ פינף־און־זיבעציקער, ביז הונדערט און צוואַנציק.

וועלן רייזענס הונדערטער־טויזנטער לייענער נאָך אַמאָל נעמען אַריינקוקן אין זיין ערשט־דערשינענעם גרויסן באַנד „די לידער" און אין זיינע אַנדערע צענדליקער בענד, לידער און דערציילונגען; וועלן יונגע לייענער אפשר צום ערשטן מאָל זיך באַקענען מיט די ווערק פון דעם באַליבטן אידישן קלאַסיקער. וועלן אידישע פאָלקס־ און אַרבעטער־כאָרן זיך ווידער נעמען קוויקן מיט רייזענס נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און פאָלקסטימלעכע לידער. וועלן דראַמאַטישע פאַראיינען ווידער אויפפירן אַ ריי רייזענס דראַמאַטישע שאַפונגען. וועט ווידער געגעבן ווערן דער געהעריקער סאַלוט צו דעם פרינץ פון דער יחוסדיקער רייזען־דינאַסטיע.

און אַזוי פייערנדיק דעם יום־טוב פון רייזענס אייגענעם צוטראָג צו דער אידישער ליטעראַטור, וועט מען זיך, אפשר, אויך דערמאָנען אַז אויסער זיין אייגענער עשירות וואָס ער האָט אַזוי שפע־מעסיק צוגעטראָגן צו אונזער ליטעראַטור־אוצר איז ער אויך געווען אַ מונטערער, אַ קעמפּער פאַר דער חשיבות פון דעם קינסטלערישן אידישן וואָרט, פון דעם אידישן וואָרט בכלל.

וועט מען זיך דערמאָנען אָן רייזענס אַרויסגעבערישער און רעדאַקטערישער טעטיקייט. זעען מיר אים אין וואַרשע, אין 1900, ווי אַן אַרויסגעבער פון אַ זאַמלביכל „דאָס 20טע יאָרהונדערט"; אַ צען יאָר

שפּעטער אין קראָקאָ טרעפן מיר אים ביים רודער פון אַ מאַנאַטשריפט „קונסט און לעבן"; און אין עטלעכע יאָר אַרום איז ער שוין אין אַמע־ריקע, און טוט פּיאָנערן־אַרבעט אויפן היגן פּיאָנערן־באָדן, — פריער, אַלס רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט „דאָס נייע לאַנד", און יאָרן שפּעטער, ווי דער אַרויסגעבער פון חודש־שריפט „ניי־אידיש". אין אָט די אַלע אויסגאַבן האָט ער תמיד מקרב געווען יונגע שרייבער, האָט ער שטענדיק געמוטיקט אָנפאַנגער־כוחות.

ב

די ספּאָנטאַנע רייזען־פייערונגען פון אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק איבער גאָר דער וועלט איז גלייכצייטיק אַ פּאַטש אין פּנים דער אַזוי־גערופענער קריטיק אונזערער, וואָס אין איר גרויס־זעעוודיקייט האָט געקענט פאַרזען דעם ריז פון דער אידישער ליטעראַטור.

אין אַלע אידישע ישובים, וואו אידיש פירט די גרענדע — פון האַוואַנאַ ביז שיקאַגאָ, פון מעקסיקאָ סיטי ביז תל אביב, פון מאָנטרעאָל און פון בראָנקס ביז לאָנדאָן און פון פּאַריז ביז — איבעראַל זעען מיר פּיפּיקע, גלאַטינקע דיכטער־הענט וואָס גליטשן זיך אַזוי גע־איבט אין די רייזענישע פערזן, אין די רייזענישע ריטמען, אין די רייזענישע פאָרמען, אַזוי, אַז נישט נאָר באַרייכערט אונז רייזען אַליין יעדן יאָר מיט אַ באַנד אָדער צוויי נייע לידער און דערציילונגען נאָר צענדליקער און צענדליקער גרויס־גייסטער טוען־טין־טאָן טינטלען אַלאַ־רייזען בכלל תפוצות הגולה. אָבער, אונזער געהויכט־און־גע־קרוינטע קריטיק ראַיעט זיך נאָך אַלץ אין די אוצרות פון שמות־לאַנד, און איבער דעם באַרג שמות זעט זי ניט, דערזעט זי ניט דעם לע־בעדיקן אוצר — אברהם רייזען.

ג

און אַז דער זכרון וועט אויפשפּילן, וועט מען זיך דערמאָנען אָן דער דאַטע: 1908 — די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ. אברהם רייזען, ווי איינער פון די, וואָס האָט זוכה געווען צו אויפהויבן דאָן די פאָן פון אידיש אַלס אַ נאַציאָנאַלע אידישע שפּראַך. די פאָן פון אידיש, וואָס ער האָט דאָן מיט 43 יאָר צוריק אויפגעהויבן, האַלט ער הויך און מוטיק און ווירדיק די גאַנצע צייט. ער איז עד־היום פון די אויס־

געהאַלטנסטע און אויפריכטיקסטע קעמפער פון אידיש. איז ניט פון די הורא־אידישיסטן, וועמעס איינציקע אַרבעט איז צו קעמפן פאַר אידיש אין ארץ־ישראל, צי אין בירא־בידזשאַן, נאָר ביי אונז אין אַמע־ריקע קענען מיר זיי ווי גרים. ביי רייזענען הויבט זיך אידיש אָן, קודם כל, מיט זיך אַליין. ס׳איז ניטאָ קיין ביי בוך אין אידיש וואָס רייזען זאָל עס ניט האָבן און עס ניט לייענען. ס׳איז ניטאָ קיין צייטשריפט, קיין בלעטל, וואָס רייזען זאָל עס זיך ניט איינשאַפן, אַז רייזען זאָל זיך מיט דעם ניט יום־טובן.

ד

און אַזוי וועט אונז דער זכרון דערפירן ביז צו דער וועלטלעכער אידישער שול. ניט נאָר איז רייזען איינער פון די וואָס האָט צוזאַמען מיט פרצען און דינעזאָנען געגרונטיקט דעם באַדן פאַר דער אידישער וועלטלעכער שול, נאָר ער איז אויך דער שאַפער פון דער ערשטער אידישער כרעסטאָמאַטיע פאַר דער אידישער קינדער שול, און איז אַזוי אַרום דער פיאָנער פון דער אידישער שול ליטעראַטור. דאָ אין אַמעריקע איז קיין אַנדערער אידישער שריפטשטעלער, סיי יונגע און סיי עלטערע, ניט אַזוי אַקטיוו, ווייט ניט אַזוי אָפּגעגעבן דעם היגן אידישן שולוועזן ווי עס איז אברהם רייזען. יעדן פון די סוף־וואָך טעג זעען מיר רייזענען ביי אַן אַנדער שולע; ריידן, לייענען — יום־טוב אַריינ־ברענגען ביי די קינדער, ביי די שול־טוער, ביי די עלטערן. און חוץ זיין צייט, ענערגיע, ווייסן מיר אויך וויפיל געלט־מיטלען רייזענען קאָסט אָפּ די שול־באַוועגונג. ביי די יום־טובימלעך, וואו רייזען איז דאָ, איז ער תמיד פון די ערשטע מנדבים און פון די פיינסטע מנדבים.

ה

אברהם רייזענס יובילייִ איז דער יובילעאום פון דער גרויסער אידישער וועלט־ליטעראַטור; דער יובל פון דעם אידישן וואָרט און פון דער אידישער קולטור; די שמחה פון דעם אידישן שול־וועזן; דער יום־טוב פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג; די גרויסע פייע־רונג פון אַלע שיכטן פון אידישן פאָלק, וואו אידיש לעבט און ווירקט.

טרומאַן — דער נייעסטער סינאָנים צו אַמעריקע

א

ניט פון די ראשונים און פונדאַמענטן־לייגער, ווי וואַשינג־טאָן; ניט פון די וויזיאָנערן און לעגענדע־שפּרייטער ווי לינקאָלן; ניט פון די הויך־געבילדעטע און אידייען־טרעגער, ווי ווילסאָן און ניט ווי דער ווירטואָזישער פּאָליטיקער, אויסגעוואָקסענער שטאַטסמאַן און בלוטלאָזער רעוואָלוציאָנער, ווי פרענקלין רוזוועלט.

אָבער אָן אָט־די אַלע אַטריבוטן, איז הערי ס. טרומאַן אַן אָרי־גינעלער פּאָרטרעט צווישן די אינטערעסאַנטע און ניט־געוויינלעכע קעפּ פון דער פּרעזידענטן־גאַלעריע אין דער יונגער אַמעריקאַנער גע־שיכטע.

אָבער מער ווי דאָס: אין רעפּרעזענטירן דאָס פאָלקישע פון אַמעריקע און דאָס אוממעגלעכע פאַרמעגלעכונג וואָס די מעכטיקסטע פון די מדינות שטעלט מיט זיך פאָר איז הערי ס. טרומאַן, אפשר, דער עכטסטער און טיפּישסטער פון די ביז־איצטיקע אַמעריקאַנער פּרעז־זידענטן, אַזוי טיפּיש און אַזוי עכט, אַז זיין נאָמען איז דער נייעסטער סינאָנים צו אַמעריקע.

ב

נאָך דעם ווי וויס־פּרעזידענט טרומאַן האָט, געזעצלע־כערהייט, איבערגענומען רוזוועלטס שטול אין 1945, האָט דאָס גאַנצע לאַנד גענומען וואַרטן אויף דעם חודש נאָוועמבער, פון 1948, — צו זען וועלכע קאַמפּיין־כוחות רוזוועלטס יורש קען פאַנאַנדערוויקלען מיט יחוס־עצמו.

מיט דעם שנעלן פּאָליטישן גאַנג הן אין דער וועלט און הן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט זיך גאָר־גיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אומ־געריכטער יורש האָט ווייט ניט בדעה צו צעטרענצלען רוזוועלטס ירושה, נאָר, פאַרקערט, זי אָפּצוהיטן, און אַרומצוצאַמען זי מיט איי־גענע „פעיר־דילישע" צאַמען און פּלויטן.

ווען עס זיינען אָנגעקומען די קאָנווענשאָן־טעג פון די צוויי פּאַר־

טייען דאָ אין לאַנד, האָבן די דעמאָקראַטן, על־פּי הכּרח, נאָמינירט זייער באַנער־טרעגער, אָבער אין טומל פון קאַמפּיין האָט זיך זייער שטים ווייט ניט געהערט מיט יענער הילכיקייט וואָס דער גרויסער פּאָליטישער יאַריד פאָדערט.

אין רעזולטאַט, האָבן די אויסגעהונגערטע רעפּובליקאַנער פאַר־טשאַדעט דעם עולם מיט זייער שטורמישן קאַמפּיין, און אונזער פּרע־זידענט האָט זיי אַלעמען געמוזט איבערשרייען מיט זיין הייזעריק־געוואָרענעם לירישן טענאָר.

בעת איבער ניינציק פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע האָט געזוכט צו פאַרגיכערן און פאַרזיכערן טרומאַנס דורכפאַל, איז מיין באַשיידענע צייטשריפט, דאָס „ביו־יאָרקער וואָכנבלאַט" אַרויס מיט אַן אַרטיקל אַ צען טעג פאַר די וואַלן, באַגרינדנדיק און פאַרזי־כערנדיק טרומאַנס דערוויילונג אויף זיין אייגענעם „רעקאָרד".

ג

נאָך דעם ווי עס האָט פּאַסירט, דאָס וואָס האָט געדאַרפט פּאַסירן, האָט מיין באַשיידענע פעדער, באַגריסט דעם פּרעזידענט, אין פּאָעזיע און אין פּראָזע, אונטער דעם קעפּל:

„דער פּרעזידענט אונטער מיין פענצטער..."

„און מיטגיין וועט יעטווידער איינער,
פון פיאָנערישן שטומען און קרומען —
פון אַ ליאַדע פוצער־יונג פון שיך
און ביז דעם פּרעזידענט טרומאַן."

(פון מיין פּאָעמע: „ניט שרייבן—נאָר שליפן".—י. ל.)

דער אויפטריט פון פּרעזידענט טרומאַן לעצטן דאָנערשטאָג, אַ פערטל צו פינף, פאַר דער ניו־יאָרקער מיטגלידערשאַפט פון דער אַמאַלגאַמייטעד, אויף יוניאָן סקוועער, אונטערן סאַמע פענצטער פון דער „וואָכנבלאַט"־רעדאַקציע איז געווען פאַר מיר, דעם בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, מער ווי דער דראַמאַטיזירטער אויפשפּיל פון אַ באַשטימטער פּאָליטישער שיטה אין דעם סדר פון מדינת אַמע־ריקע און פון דעם וועלט־אַל. עס האָט זיך מיר אויך געלאָזט גלויבן אַז אין דער האַרץ פון דעם קאָפּ פון אונזער לאַנד איז דאָ מער ווי

בלויזער וואונטש פון אַ שטערבלעכן יחיד אָנצוהאַלטן זיין איינגעהיי־מישטע הויך־פּאָזיציע, וועלכע גאַראַנטירט גלייכצייטיק אַלע צוטריטן צו רום, צו מאַכט, צו קאָמפאָרט און — צו וואָס ניט?

אין דער הייזעריק־געוואָרענער שטימע פון דעם שטורמישן קאַמ־פּיינער האָט זיך געפילט אויפריכטיקע וואָרנונג צו דעם עולם האַ־רעפּאַשניקעס וועגן דער ערנסטער געפאַר אויף דעם פּאָליטישן האָ־ריזאָנט פון אַמעריקע. עס איז ניט נאָר די כמעט זעלביקע פּאָ־טאָפּסקי־טערמינאָלאָגיע וואָס טרומאַן האָט גענוצט יענעם דאָנערשטאָג אויפן סקווער; ס׳איז ניט נאָר די זעלביקע אָקצענטירונג פון די קלאַסן־און ראַסן־מאָמענטן — פּאַר וועלכע טרומאַנס שווערד איז אין פולן פּאַרמעסט געצויגן געוואָרן ביז צו דעם קריטישן איינשטעל פון זיין גאַנצענער קאַריערע. פון דעם ערלעכן פּנים פון דעם פּרעזידענט־טריבון האָט זיך אַרויסגעהערט די עס־אָ־עס־שטים פון דעם רוזוועלט־יורש צו העלפן אים ראַטעווען און מיט ציין־און־נעגל אָנהאַלטן די שיריים פון דער בלוטלאָז־רעוואָלוציאָנערער „ניו־דיל״־עפּאָכע, — אַ סאָציאַל־פילאָסאָפיע, וועלכע איז שנײַדיק אַריינגעקאַרבט געוואָרן אין דעם מעכטיקן קערפּער פון דעם מענטשנס גרעסטער דעמאָקראַטיע, — אַריינגעקאַרבט געוואָרן מיט אַזאַ אַנטשיידנדיקייט, אַז קיין שום צוזאַמענגעפּלאָזשטע „סטראָ־וואָוטס״ און כלומרשט־וויסנשאַפטלעכע „פּאָולס״ וועט ניט געלינגען זייערע צייכנס אָפּצואווישן פונם פּנים פון היגן גרויס־לאַנד.

טרומאַנס מיסיאָנערישן גייען אין פּאָלק וואָלט געבליבן פון גראַנ־דיעזער דערציערישער און געשיכטלעכער באַדייטונג ווען ער וואָלט אַפילו ניט געווען באַקומען אין די איצטיקע וואַלן דעם מאַנדאַט פון פּאָלק. אָט־דער הערויִשער טרומאַנישער גיין־אין־פּאָלק קאַ־פּיטל וועט סיי־ווי בלייבן היסטאָריש, פּונקט ווי אין זיין „איינרייסן זיך״ מיט דער סאָוטה האָט ער זיך אויפגעהויבן צו אַזאַ הויך וואָס איז ניטאָ זיין גלייכן אין דער גאַנצער גאַלעריי פון פּרעזידענט־פיגורן ביז צו דעם הויך־שולטערדיקן אַב. לינקאָלן.

די אַל־פּאַרביקע היגע האַרעפּאַשניקעס, קליין־קרעמער, וויים־קאָל־נערניקעס, די כל׳ערליי אימיגראַנטישע גרופּעס האָבן אַלע גרונטן צו גרויסן זיך און צו יום־טובן זיך מיט דעם ערלעכן זיג וואָס עכטע דעמאָקראַטיע האָט איצט כמעט פּיאַניסימאָ־מעסיק פּאַרצייכנט.

און אויך מיר, אידן, מעגן און זאָלן גיין מיט געהויבענע קעפּ, און האָבן צוטרוי צו דער אַלט־באַנייטער פירערשאַפט, וועלכע וועט,

האַפּנטלעך, איצט אויסמיידן די אַלע טעותן, די אַלע פּאָליטישע בולבעס וואָס דער דאַן־נאָך־ניט־דערפאַרענער יורש־עצר־פּרעזידענט האָט גע־מוזט, אפשר, באַגיין.

ווייל מיט זיין גאַנצענעם פּלוצלינגען אַריינטריט אין רוזוועלטס שיך, פּלוס די הינטערפּיסלעך פון זיין אייגענעם הויף — מיט דעם אַלעם איז טרומאַן דאָך געווען אין זיין געהעריקער שליחות מיט 1) זיין פּרעסן דאָס אַריינקום פון 100 טויזנט אידן אין לאַנד פון ישראל; 2) אין זיין גרויסער ראָליע פון „פּאַרטישן״; 3) אין זיין גראַנד־היס־טאָרישן צוג פון זיין דער ערשטער צו געבן מצד אַמעריקע אָנער־קענונג צו מדינת ישראל; 4) אין זיין שטיין אויף דער וואַך פון דעם גיפטיקן בערנאַדאָט־פּלאַן; 5) אין זיין איבערכיטרעווען די כל־ערליי משרתים און יוצר־משרתים פון דעם סטייט־דעפּאַרטמענט מיט מאַרשאַלן בראש אין שייכות פון די טונקעלע סאַנקציע־מאַכינאַציעס קעגן דער יונגער אידישער רעפּובליק.

טרומאַנס ווידערדערוויילונג איז דער טריאומף פון דעמאָקראַ־טיע, דער געקרוינטער זיג פון דעם אַרבעטער קלאַס און דער יובל־דיקער יום־טוב פון אַלע געדריקטע און געפּלאָגטע מענטשן־קינדער פון דער מדינה און פון אַלע אַנדערע ווינקלען פון גאָטס ערד וואו עס קלאַפּט מענטשנס האַרץ אין בענקשאַפט נאָך פרייהייט און וואו דער בליק פון פּשוטן מענטשן שטאַרט אין דער טיפער ווייטקייט אַריין אין גאַרונג נאָך עטוואָס פרייד און נאָכן זיסן טעם פון דערגרייכטן גליק.

ד

איבער אַ וואָך שפּעטער, האָט מיין באַשיידענע פּעדער, ווייטער זיך געשפּילט מיט דער הייסער טעמע:

„טרומאַן — די טעמע פון טעמעס״

דאָס אימפּעטיקע לעבן פון לאַנד אַמעריקע קען ניט סובל זיין קיין פיל־טעגיקע יום־טובים. די גרעסטע פייער־טעג מוזן זיך אויס־לעשן ניט שפּעטער ווי ביים אויסהויך פון דער 24טער שעה. ביי־שפּילן אויף דעם זיינען דאָ לרוב. דער אָפּשטעל פון מלחמה — „אַרמיסטיס־דעי״. דערמאָנונג אָן די אומגעקומענע העלדן פון יענקי־לאַנד — „דעקאָריישאָן־דעי״. דאָס אומקוקן זיך אויף דער טאָטע־

אינסטיטוציע — „פּאַדהערס דעי". מוטער־ליבשאַפט — „מאַדהערס־דעי". און אַזוי קריגן די גרעסטע געשעענישן סיי די פּאַרהייליקטע פון ווייטן עבר און סיי די פּאַרהערלעכטע וואָס אין אונזערע טעג נאָך, זייער תיקון אין די געמאָסטענע ראַמען פון אַ רונדן מעת־לעת.

אָבער די געשעעניש פון 2טן נאָוועמבער איז דער גרויסער יוצא מן הכלל אויך אין דעם זין. טרומאַן איז נאָך אַלץ די צאַפּלדיקע טעמע פון די אַלערלייאיקע און אומעטומיקע סדר היומס. אויפן 10טן טאָג נאָך די וואַלן — בעת איך שרייב אָט־די שורות — וויל די טרומאַנישע טעמע נאָך אַלץ ניט פאַרטעמפּן זיך, ניט פאַרמיל־דערן איר טעמפּאָ. ווייל דער גרעסטער פּאָליטישער סורפּריז אין דער מאָדערנער געשיכטע פון יונג־אַמעריקע „דעקט" שוין אויך די פּירערליי וואַל־נצחונות פון פּרעזידענט רוזוועלט. די קענער פון הלכות פּאָליטיקע לערנען אַזוי דעם פּשט: אין ערשטן טערמין איז ניט רוזוועלט דערווילט געוואָרן, נאָר הואווער איז דורכגעפאַלן. אין צווייטן טערמין האָט אַפילו גרויס־קאַפּיטאַל ניט געוואָגט צו שטעלן זיך ערנסט קעגן דעם פאָלקס־פאַרגעטערטן רוזוועלט. אין די צוויי לעצטע טערמינען זיינען מיר שוין געווען ביזן האַלדז אין מלחמה, און דער אַמעריקאַנער האַלט פון זיינע ווערטלעך: „מען בייט ניט קיין פערד אין מיטן וואַסער" . . .

אָבער אין די איצטיקע וואַלן? — ווען קינדער אין די וויגן האָבן געוואוסט, אַז ווייל אין אַמעריקע הערשט דער צוויי־פּאַרטייען סיס־טעם, מוזן די איבערגעזעטיקטע דעמאָקראַטן מאַכן איצט פּלאַץ פאַר די נעבעך־אויסגעהונגערטע רעפּובליקאַנער; אַז די פּרעסע, וועלכע איז אַליין אַ מעכטיקער רינג אין דער אומצערייסבאַרער קייט פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, האָט וועלטן איינגעלייגט פאַר דעם „זיגרייכן" קאַנ־דידאַט; אַז די אַלץ־וויסנדיקע וואַל־סטריט וועט דאָך ניט וואַרפן אירע מיליאָנען לשם שיינע אַלטרואיסטישע מאָטיוון; אַז די מערסטע דעמאָקראַטישע טוער האָבן גערעדט אויף צוויי שפּראַכן: פון דער פּלאַטפאָרמע איין נוסח און „אָף דהי רעקאָרד" — דעם דיואי־נוסח; אַז דער איינציקער אמתער דעמאָקראַטישער מאמין איז געווען טרומאַן אַליין, וועלכער האָט ניט איין מאָל געוואָרנט די פּאָליטישע אַלץ־ווי־סער, — די עקס־ריי־נעמער פון פאָלקס רצון — אַז זיי וועלן זיך היפּש רויטלען דעם טאָג פון נאָך די וואַלן — אַז דאָס ערלעכע אַרבע־טער פאָלק זאָל די אַלע זנאַכערס, דעמאַגאָגן און שווינדלער אַרויס־שטעלן אַזאַ לאַנגן קלאָונישן צונג: אויף דעם האָט זיך קיינער פון

די חכמים נישט גערעכט און פון אַט־דעם פּאָלקישן פּריטשמעליע קען נאָך קיינער ניט קומען צו זיך — ניט די זיגער און אוודאי ניט די אבלדיקע באַזיגטע און די מיאוס־אָפּגעשניטענע.

אָט פאַרוואָס די געשעעניש פון 2טן נאָוועמבער איז נאָך אַלץ דער לעבעדיקער געשפּרעך פון טאָג.

ה

וואָס בלייבט נאָך צו זאָגן איצט, ערב די נייע וואַלן, ווען די רעפּובליקאַנער זיינען נאָך הונגעריקער געוואָרן, און ווילן פאַרלאָקן דעם עולם מיט גענעראַלסקע עפּאָלעטן פון איין זייט, אָדער מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־לייבאָריסטישן פּראָגראַם, פון דער צווייטער זייט, בלייבט פאַר מיר, דעם פּשוטן בירגער, איין זאַך: בעטן דעם עכטסטן אַמעריקאַנישן פּרעזידענט וואָס מיר האָבן ווען געהאַט זיך צו לאָזן נאָמינירן, כדי איך זאָל האָבן פאַר וועמען אָפּצוגעבן מיין שטימע אין דעם פּאָליטישן יום־הדין פון יאָר 1952.

אויפֿן „בענד־וואָגן״ פֿון ישראל

א

וויפֿיל יאָר דאַרף אַ קוואַליפֿיצירטער לייענער נאָכפֿאָלגן אַ שרייבערס „קאָמפּאָזיציעס״, כדי פֿאַר זיך פֿעסטשטעלן אויב ער איז זיין שרייבער, צי איז ער אַ שרייבער בכלל? מיט דער פֿראַגע אין האַנט זאָג איך אַז שוין יאָרן ווי איך פּרוביר טועם זיין א. גלאַנצס „עברי״, און גלייך דערפֿיל איך אויף מיין גומען דעם טעם פֿון ריצנ־אויל. ביז כ׳האָב אים, ליידער, געמוזט אויפֿגעבן. נאָר איין מאָל אין אַ זונטיק, (25טן מאַי, 1952) האָט מיין בליק זיך אָנגעגענט מיט אַ פּראָ־וואָצירנדיק קעפּל זיינס — „אידישער סאָציאַליזם״ — און כ׳האָב ווידער איינגעשפּאַנט מיין געדולד, האָב דורכגעבראָדיעט די עטלעכע הונדערט שורות און זיך ניט געקענט אָנשפּאַרן אָן וועלכן עס איז כאָטש מיזערנעם געדאַנק, ביז ער האָט —ביים סאַמע סוף פֿון זיין „סאָטשינעניע״ — אַרויסגעלאָזן די קאַץ פֿון זאַק — אַ רוף:

„רוף איך די אידישע סאָציאַליסטן וואָס מער צו פֿאַרשטיין דעם זין און מיין פֿון אינטערנאַציאָנאַלער אָריענטאַציע. דאָס וועט שוין פֿון זיך אַליין פֿירן זיי אין דער פֿאַרוואָרלאָזטער אידישער סביבה אַריין צו טאָן פֿאַר איר אַלע גוטע, וויכטיקע סאָציאַליסטישע זאַכן.

„און זיי מעגן זיין זיכער:

„אויב זיי וועלן טאָן זייער פֿולע סאָציאַליסטישע פֿליכט בנוגע דער אייגענער, לייבלעכער אידישער סביבה אין אַמעריקע, וועלן זיי אויך גלייכצייטיק טאָן דאָס סאַמע בעסטע און מערסטע פֿאַר דעם אַמעריקאַנישן סאָציאַליזם בכלל.

„וועלן אידישע סאָציאַליסטן באַוואוסטזיניק, פּלאַנמעסיק און עקשנותדיק באַפֿעסטיקן די אידישע שפּראַך און קולטור, וועלן זיי דערמיט זייער אַ סך דערגרייכן פֿאַר דער גאַנצער זאַך פֿון קולטורעלן פּלוראַליזם אין אַמעריקע.

„אָט איצט אַ ביסל פֿאַרטונקלטע אידייע איז, ווי געזאָגט, נישט בלויז די גערעכטסטע לייזונג פֿון אַלע פֿאַזן פֿון דער אַלמענטשלעכער

קולטור, נאָר אויך די דעמאָקראַטישסטע און — דאָס זאָל שטענדיק באַטאָנט ווערן — די סאַמע סאָציאַליסטישסטע לייזונג״.

ב

איך האָב, אפשר, מיט דעם היפשן ציטאַט, מיסברויכט מיט דעם געדולד פון אונזער חשובער לייענערשאַפט; איך האָב דאָס, אָבער געטאָן מיט אַ כוונה: צו ווייזן „עד כמה הדבר מגיע״ — ווי דער העברייער וואָלט געזאָגט; ווי ווייט אָט־די גלאַנץ־מעסיקע פּלוידער־זעק דערלויבן זיך „צו נעמען דעם צייטונג־עולם אויף זיכער.״

נאָר אויך דאָס איז נאָך ניט דער עיקר. אין דעם נעמלעכן אַרטיקל גיט ער אַ בריקע די פּועלי־ציון, אַז זיי קומען ניט אין מינדסטן באַטראַכט אונטער דעם נייעם טייטש זיינעם פון אידישן סאָציאַליזם. דער „בונד״ יאָ, נאָר ניט די פּועלי־ציון. וואָס דאָס פירט מיך צו אַ פיר־יאָריקער מעשה, ווי אַזוי אָט־דער גלאַנץ האָט זיך דעמאָלט, על־פּי־מאָדע, אַרויפגעכאַפּט אויף דעם ישראלי „בענד־וועגאָן״:

ג

מיט פיר (4) יאָר צוריק לפי־ערך, ווען די מעשה איז פאַרלאָפן, האָב איך דעמאָלט אַזוי קאָמענטירט:

דער דערפאָלג פון אַ יחיד ווי פון אַ קאָלעקטיוו קען אָפט אויך געמאָסטן ווערן מיט דער צאָל מענטשן, וועלכע ווילן זיך אַרויפכאַפּן אויף דעם זיגרייך־אַריינפאָרנדיקן „בענד־וועגאָן״, און אַזוי אַרום „זיין אין קורס״ פון דער צייט...

דער „סוקסעס״ — לויטן אַמעריקאַנישן באַנעם — פון ישראל קען אויך, ווי געזאָגט, געמאָסטן ווערן מיט דער היפשער צאָל פוס־גייער, פערד־רייטער, באַן־פאָרער און פלאַן־פירער צו די טויערן פון ישראל. און — צווישן די אַלע גייער, רייטער, פאָרער און פליער, באַמערקן זיך אויך די עטוואָס־פאַרלאָרענע פּנימער פון די פּראָפּע־סיאָנעלע אידישע דיכטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. איינער פון אָט־די פּראָפּעסיאָנעלע דיכטער, א. לעיעלעס־גלאַנץ האָט דעם 30טן אָקטאָבער (1948), אין זיין קאָלום „וועלט און וואָרט״, זיך אָנגענומען מיט מוט און האָט גענומען, אויף זיין פיזיזאַדיקן שטייגער, קאָמענטירן וועגן דער געוויסער אומבאַקוועמלעכקייט מצד אידישע דיכטער (און

ביי אים „אידישע דיכטער" הייסן אַזעלכע וועלכע נעמען אים אויך אַריין — מיט געוויסע עפּאָלעטן נאָך דערצו — אין דער דיכטערי־שער כנופיא, אָדער ווי דער באַרימטער דיכטער ז. שניאור האָט די כנופיא באַטיטלט מיט דעם פּראָסט־און־פּשוטן נאָמען: „קליקע") מיט דעם אויפקום פון מדינת־ישראל.

די אָפיציעלע טעמע איז געווען, לויט משה שטאַרקמאַנס פאָר־מולירונג: הלמאי אַזוי ווייניק אידישע דיכטער האָבן פּאָעטיש אָפּ־געענטפערט אויף דער פּראָקלאַמירונג פון דער אידישער מדינה. און, ווי די אידענע אין שלום עליכמס מאָנאָלאָג „דאָס טעפּל", קאָ־מענטירט אַזוי א. לעיעלעס: 1) האָבן די אידישע דיכטער יע „אָפּ־געענטפערט פּאָעטיש" והא ראיה — רעכנט ער דאָ אויס די עטלעכע נעמען פון זיין כנופיא, וועמען ער וויל געבן אַן עליה. 2) האָבן זיי ניט „אָפּגעענטפערט פּאָעטיש", ווייל „פאַר אַנדערע" — מיינענדיק זיך אַליין, קודם כל — „איז געווען אַ שטער דאָס געפיל, אַז די אויפ־ריכטונג פון ציון מיינט ניט גלייכצייטיק אַ טובה פאַר אידיש."

און דאָ האָט דער, ווי עס זעט אויס, נישט־איבעריקס־קלוגער א. לעיעלעס זיך אַרויסגעגעבן און, דורך דעם, די איבעריקע געזעלן פון זיין דיכטערישער כנופיא. ער, און די אַנדערע פון זיין אַנשי ה׳קליקע, פילן זיך שטייפלעך אויף די איצטיקע און אומעטומיקע פרייד־און־פייער־געלאַדענע יום טובים, ווייל עס איז ניט גוט פאַר אידיש. און אידיש איז ביי אים און ביי די עטלעכע זייניקע „די פרוכט פון מיין שאַפן" — ווי דער פּאָעט־אימפּעראַטאָר וואָלט געזאָגט. ווייל אָט־דער צדיק־אין־פּעלץ האָט קיינמאָל גאָרנישט געטאָן פאַר אידיש — וואו זיין גוואַלדאָוונער איך זאָל ניט זיין אין צענטער. און — ניט קענענדיק שטיין שרייבעריש אויף אייגענע פיס, איז ער גלייך געקומען „אָרגאַניזירט". זיין „איך" האָט ער אין צענטער אַריינגעפּאַסט דורך דער ראַם פון דער גרופּע „אינזיך". און ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, און מיט פּשטלעך און דריידלעך האָט מען פאַר־טשאַדעט דעם ניט־אָריענטירטן און ניט־ליטעראַטור־באַוואוסטזיניקן עולם אונזערן און געמאַכט פון דעם „אינזיך" אַן איזם. פריער האָט ער זיך געטומלט ביי אַן אַנדער איזם — טעריטאָריאַליזם — און אַז יענער האָט זיך ניט אַרויסגעוויזן פאַר גענוג רעאַליסטיש, האָט ער אים לייכט פאַרטוישט פאַר דעם אויפגעבלאָזענעם באַלון: אינ־זיכיזם.

און ווען דער באַלון האָט געפּלאַצט, איז ער געוואָרן אַ משרת

ביי אַן אַנדער איזם: טראַצקיזם. די לעצטע פּאָר יאָר איז ער אַ מחותן ביי אַ באַנייטן איזם: סורעגאַמיזם. און — הלוואי יאָרן . . .

אַ סימן מובהק פון אַ פּיסלאָזן שרייבער, און, איבערהויפּט, פון איינעם וואָס וויל זיך הילן אין דער דיכטערישער פּאַלערינע, איז דאָס אומאויפהערלעכע יאַרידעווען מיט גרופּן און פּאַרטייען, כדי דורך רויך און טשאַד פון געזעלשאַפטלעכער טומלעריי זאָל מען קענען דורכשמוגלען דאָס איכישע פּסעוודאָ־וואָרט אין גוט־געלט. און — מיינט איר, אַז עס „אַרבעט ניט״? מען קריגט כבודים, טיטולן, פּריזן און פּרייזן, און וואָס ניט? אַ שרייבער אָן אייגענע פּיס און אָן אַ מיושבדיקן קאָפּ און דערצו נאָך איינער וואָס איז ניט גע־בענטשט מיט איינפאַכער מענטשישער קלוגשאַפט — וואָס קען אַזאַ איינער ביי זיך נאָך ווינטשן?

ד

וואָלט אַזאַ איינער געווען אַ פּריוואַטער בירגער — וואָלט ניט כדאַי געווען צוויי ווערטער צו פאַרלירן אויף אים. האָט אָבער אַזאַ איינער צו זיין דיספּאָזיציע אַ טעגלעכע אידישע צייטונג, וואו ער נוצט זי פאַר זיינע איכישע און כנופיאשע אינטערעסן, און מיסברויכט מיט דער טעגלעכער אידישער צייטונג, און פאַרפירט מיט דעם דעם דעת הקהל.

ער און די זייניקע האָבן ניט געשריבן, אָדער קאַלט געשריבן, אָדער ווייניק געשריבן וועגן דער גרעסטער געשעעניש אין דער צוויי־טויזנט יעריקער אידישע געשיכטע — ווילן אָט־די אידיש־פּאַראַזיטן אָפּנאַרן דעם אידיש־לייענער, אַז אידישע דיכטער האָבן אויף אָט־דער געטלעכער התגלות פּאָעטיש ניט רעאַגירט. דאָס איז שווינדל הדעת! זיי, די פּיאַווקעס פון אידיש, וועלכע האָבן פון פּסעוודאָ־דיכ־טונג געמאַכט אַ נישקאָשעדיקע פּראָפעסיע, און האָבן ניט אין זינען ניט אידיש, די שפּראַך, און וועלן ניט אַריינלייגן קיין פינגער אין קאַלט וואַסער פאַר וועלכן עס איז אידעאַל — פון וואַנען זאָל זיך נעמען ביי זיי הארץ און נשמה פאַר דעם נס גדול פון שיבת ציון?

אָבער ביי די פשוטע קינדער פון אונזער פאָלק, ביי די ערלעכע דיכטער פון אונזער פאָלק — זיי האָבן שטיקער האַרץ אָפּגעריסן און זיי אין פערזן פאַרוועבט. אברהם ליעוו איז אַ שווערער אַקערער און זייער אין דער קאָלאָניע „גבעת השלושה״, און ביינאַכט, ״כנוח

עליו הרוח", האָט ער,ביים שיין פון אַ קעראָסין־לעמפל, געשריבן זיינע שירים פון ישראל, האָט זיי, אין איילעניש, געשיקט צום "וואָכנבלאַט" און מיר האָבן גערן זיי געדרוקט. דער שאַפ־אַרבעטער קלמן הייזלער האָט נאָר אין דעם איינעם יאָר 1948 פאַרעפנטלעכט אין "וואָכנבלאַט" 4־5 שירי ציון. דער גראָסערימאַן דוד ראַפּאָפּאָרט האָט, חוץ פּאָעטישער פּראָזע, צייט און אינספּיראַציע געפונען פאַר 7־8 לידער — אַלע געדרוקט אין אונזער צייטשריפט. דער צאַרטער באַרבער, י. ה. ראַדאָשיצקי האָט אויף זיין וואָגשאָל דעם גרויסן געוויכט פון 4־5 לידער פון ציונס האַרף. דער ניט־לאַנג אַריבערגעקומענער געלערנטער און דיכטער, פּראָפ. מנחם ברייער האָט אין "וואָכנבלאַט" פאַרעפנטלעכט לידער און פּאָעמען, אין ווידמונג צו ישראל און זיינע גבורים. מיט איינצלנע שירים און פּאָעמען האָבן זיך אויך אין 1948 אָפּגערופן משה לימאָן, יצחק פּערלאָוו, דוד פּישמאַן, נחמה לאַנדאָן, ווי אויך אַן איבערזעצונג פון העברעאיש — נתן אַלטערמאַן, פאַניע בערגשטיין און א. גרינבערג. דער לערער א. ל. בערקאָוויץ, פון פילאַדעלפיע, האָט אָפּגעריסן פון זיך ענערגיע, אויף צו איבערזעצן פאַרן "וואָכנבלאַט" אַ ריי פּאָפּולער־געוואָרענע שירים אין אונזער היימלאַנד. אין היינטיקן נומער דאַנקט די פאַרדינסטפולע שוישפּילערין פעלאַ בירא דעם שרייבער פון די שורות פאַר דער ישראל פּאָעמע "ניט שרייבן נאָר שלייפן", מיט וועלכער זי "נעמט דעם עולם". אויך מעגן מיר דאָ אַוועקלייגן די עניוות אָן אַ זייט און דערציילן אונזער לייענערשאַפט אַז אויך אַנדערע לידער מיינע צו ישראל, ווערן אומעטום געשמאַק געלייענט און געזונגען.

דער ענטפער־פון־די־ענטפערס איז: די פּראָפעסיאָנעלע שרייבער און איבערהויפּט די וואָס געהערן צו דער חברה אַנשי ה'קליקע, האָבן פאַרכאַפּט אַלע פּריזן־פּרייזן, אַלע כיבודים און ס'ביסל קאָמפּאָרט וואָס אידיש אין אַמעריקע קען געבן און האָבן שלום געמאַכט מיט זייער פּאַראַזיטישער ראָליע אויפן אידיש־קערפּער. ס'איז אונז נאָך ניט באַקאַנט, אַז דאָס פעט־ווערן זאָל זיין דער געהעריקער סטימול צו שאַפן און די געהעריקע אינספּיראַציע פאַר ברענגען גאָטס וואָרט צום מזיל פון פאָלק. זיי קענען נאָר "זויגן פון פינגער", נאָר ניט זינגען פון זייער איינגעטריקנט האַרץ. וואָס־זשע בלייבט צו טאָן? — זיך אָנשפּאַרן — צו ציטירן זיך אַליין — אויף דער אמונה אין פאָלק. ערגעץ־וואו זיינען דאָ אין דעם פאָלקס טיפענישן די פּאָטענציעלע שרייבערישע כוחות וואָס וואַרטן אויף דער גורלדיקער שעה

פון התגלות. דאָ־און־דאָרט איז ער אין שפּאַן פון דעם אַקער—צו געבן ברויט צו די אַרומיקע פון זיין מין. וואו־ניט־וואו איז ער אַ מילבעלע לגבי די רעדער־קאָלאָסן וואָס שטייען אין רשות פון זיין רצון. צווישן דאָ און דאָרטן פאַרבינדט און צעבינדט ער קאָנטינענטן אין גע׳יעג און צעטראָג פון אַל־פאַרביקע סחורות. און אין אָט־דעם און יענעם מענטשן — וואָס שטעקט ראשו ורובו אין די לעבן־צאַפּלענישן פון פאָלק — איז דאָ אַ ניצוץ־אלוה — אַ פונק וואָס וועט זיך בעטן צום צונטערדיקן צעפלאַם, און אַ פלאַם, ביי וועלכן ס׳וועט זיך לאָזן וואַרעמען און ס׳וועט שפּרייטן ליכט צו אַ נייעם וועג.

„ישראל עליך, ישמעאלים...‟

הבה נתחכמה לו, פן ירבה, והיה כי תקראנה מלחמה, ונוסף גם הוא על שונאינו, ונלחם בנו, ועלה מן הארץ‟ (שמות, י׳).

א

די שנאת עולם־גולם צו אונז, אידן, אַנטהאַלט ניט קיין פיל וואַריאַציעס. אָפט, גאָר אָפט, איז זי אַ גולמעוואַטע — ווערדליק די ווערסיע פון „גייט אַ גוי אין שענקל אַריין‟. אין זעלטענערע פאַלן נעמט זי אָן „ראַפינירטע‟ פאָרמען — ווערדליק ימי הנאַציזם. אויב אָבער אין דעם לאַנגווייליק־מיאוסן גוי־קעגן־איד שפיל איז, אין לויף פון די דורות און ביז צו דעם סאַמע שוועל פון אונזערע טעג, ניט געווען קיין וואַריאַציע, האָט, אָבער, דער „ראַפינירטער‟ שנאת־אידן פון דער איצטיקער תקופה, אַ דאַנק דער ציוויליזאַציע, צו פאַר־צייכענען צוויי הויפּט־חידושים אויף דעם געביט פון דעם איד־אומ־ברענג: 1) אין כמות, לויט דער אומגעבראַכטער צאָל פון אידישע נפשות אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט אין ימי הנאַציזם, האָט די איצטיקע אַטאָמישע עפּאָכע אָנצואווייזן בפירושע אויסצייכענונג לגבי די אַנדערע צייט־אָפּשניטן פון דעם מענטשנס געשיכטע; 2) אין פאַרנעם. ביזן 20טן יאָרהונדערט זיינען די אַלע (לויטן א״ב) אינקוויזי־ציעס, בלבולים, גירושים, דם־ואשן, הריגות, וואָגלענישן, זינקענישן, חבוטי הקבר, טרייבענישן, יאָגענישן, כף־הקלעס, לויפענישן, מאַטער־נישן, נע־ונדן, סקילות, ענויים, פּאָגראָמען, צרות, קרייץ־צוגן, רדיפות, שריפות און תליות (און דאָ קען מען ווייטער שנירלען אונזערע צרות לויט אַ צווייטן און דריטן א״ב) לאָקאַליזירט געווען צו איין־און־איינ־ציקן געבענטשטן פונקט, צו איין לאַנד און צו איין מלכות — צייכנט זיך דער צוואַנציקסטער ציוויליזאַטאָרישער יאָרהונדערט אויס מיט זיין עקספּאַנסיוון כאַראַקטער. דער איצטיקער דור האָט, הפנים, זוכה געווען צו קענען, אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, „נעמען אַ האַנט‟ אין דער נאָבעלער שליחות פון טאָטאַלער איזראַעליטישער פאַרניכטונג.

ב

נאָך אָט־דעם צעהעלישטן מאַסקאַראַד פון צעיושעטן וועלט־חם, ווען „פּאַניע גנב" און די אַנדערע ערלים האָבן צעעפנט די אויגן און האָבן, צו זייער טויטלעכער שטוינונג, דערזען אַ לעבעדיקן אידן, האָט זיך אין יעדן פון די גזלנישע מוחות אַזוי געפורעמט דער פּרעג־צייכן: 1) „איז נאָך געבליבן אַ לעבעדיקער איד?" (ביים דורכשניט־לעכן פויערשן וואַלד־גזלן אין די לייוונטענע תחתונים) און 2 „וואו־הין לויפט־אַנטלויפט דער ניצל־געוואָרענער איד?" (ביים זעלביקן פויערשן וואַלד־גזלן נאָר אין די שטאָטישע פּלודערן און אין בעווינישן צילינדער).

אין דעם צעדולט־און־צעווילדעוועטן מוח פון אונזער אינטער־קאָנטינענטאַלן רויבער־און־יורש צוגלייך האָט זיך דער יושר אַזוי אויסגעלייגט: דער איד האָט דאָך ניט קיין גואל און ניט קיין קרוב, אַ שוואַכלינגען־אומה, און ס'איז אַ מצווה איר אומצוברענגען און דער־נאָך ירשנען. אָבער לאחר המעשה, ווען די גרויסע מעסטער־און־וועגער פון יושר האָבן גענומען באַטראַכטן די ירושה — אַ חרובן קאָנטינענט, וואָס האָט אין די גוטע יאָרן געשמט אַלס אייראָפּע — אַז דאָס בינטל גזלנים האָט אַ בליק געגעבן אויף דעם חוכא־וטלולא פּנים פון זייער גערויבט־און־געירשנטן פּעקל רויב איז זיי איינגעפאַלן די דמים: ווער וועט צוריקבויען די אייראָפּעאישע חורבה, ווען דער איד וועט אַוועק פון דאַנען? און דאַן האָט בעווין געעפנט זיין מויל: מען דאַרף די אידישע גאונות איינשפּאַנען אין דעם צוריקשטעל פון אייראָפּע. מען טאָר די אידן ניט אַרויסלאָזן פון אייראָפּע. פריער האָט ער זיי געלאָזן אומקומען ווייל 1) זיי זיינען שוואַכלינגע, גאָר־נישטן געווען. מיטאַמאָל האָט ער אין זיי אַנטדעקט 2) גאונות. דער סאַמע לעצטער בעווינישער אַרויספלאַפּ איז: 3) גבורה. אין דער באַפאַרבונג פון די נייס אין ארץ ישראל, לויט נוסח בריטישן „פאָרעין אָפיס", זעט זיך שוין אַ נייער איזראַעליטישער פּנים: אַ גבור. אַ פאָלק פון גבורים. און מען מוז, נעבעך, טענהט בעווינס ענגלאַנד, באַשיצן די שוואַכינקע (די זיבן אַראַבישע מלוכות) קעגן די שטאַרקע. און עס וועט איצט אַוועק אַ קורס פון „ישראל עליך, ישמעאלים". ענג־לאַנד ווערט אַרום און אַרום אויף אַזוי פיל פאַרבעווינט, אַז די ברי־טישע קירך, אין איר טאָטאַליטעט, האָט אויך די טעג אויפגעהויבן אַ „ויצעקו", אַז מען טאָר די אידן ניט געבן ניי־ירושלים, ווייל דאָס

עסן וועט קומען מיטן אַפּעטיט, און דאַן — ווי צו אונז, פּעלקער פון אַלע גלויבנס, אמונות און רעליגיעס . . .

אָבער צו אָריגינעל איז דאָ בעווין אויך ניט. ווייל דער „מלך חדש" פון מצרים, „וואָס האָט ניט געקענט יוספן" האָט, אין זיין מורא פאַר די בני ישראל, שוין דאַן געוואָרנט די מצרים: „קומט, מיר וועלן קלוג האַנדלען מיט אים, פיליכט וועט ער זיך מערן, און עס וועט זיין, ווען אַ קריג וועט זיך טרעפן, וועט ער צושטיין צו אונזערע פיינט, און ער וועט אונז מאַכן אַרויסגיין פון דעם לאַנד."

און חלוצישער גייסט שוועבט איבערן פנים פון דער אידישער קאָנסטיטוציע . . .

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם. כי תקנה עבד עברי, שש שנים יעבד ובשבעית יצא לחפשי חנם. — שמות, משפטים, א"ב.

א

אין די ערשטע צוויי פסוקים פון דער סדרה משפטים איז פאַקטיש פאַרקערפערט דער יסוד פון דער פראַיעקטירטער אידישער קאָנסטיטוציע, וועלכע איז אין משך פון פולע צוועלף חדשים, מיט פיל מי און אַחריות, אויסגעקאַרבט געוואָרן פון דער בעסטער פאַרשטייער־שאַפט פון אַלע 12 שבטים אונזערע, און וועלכע וועט, האָפנטלעך, אָנגענומען ווערן פון אונזער דעפּוטאַטן־קאַמער נאָך זיין קאָנסטיטוּ־אירונג דעם 25טן יאַנואַר, 1949.

ווי פלעגט מיט אונז דער רבי איינקנעלן אָט־די צוויי פסוקים פון משפטים ? — „און דאָס זיינען די דינים, וועלכע איר זאָלט פאַר־לייגן פאַר זיי. ווען דו וועסט קויפן אַ אידישן קנעכט, זאָל ער זעקס יאָר אַרבעטן, און אויף דעם זיבעטן יאָר זאָל ער אַרויסגיין אויף דער פריי, אומזיסט."

האָבן מיר שוין, הייסט עס, אין חומש געלערנט, אַז די דינים דאַרף מען פאָרלייגן פאַרן פאָלק, און ניט זיי אַרויפצווינגען אויפן פאָלק. מיר דאַרפן, הייסט עס, ניט אויסבאָרגן ביי וועמען עס זאָל ניט זיין קיין פונקט, קיין אַרטיקל פון זייערע קאָנסטיטוציעס וועגן דעם ענין דעמאָקראַטיע.

און אויף וויפיל דער צווייטער פסוק שטעלט פעסט די יושרדיקע פאַרהעלטעניש צווישן דעם אַרבעטער און דעם אַרבעט־געבער, אויף אַזוי פיל קענען מיר אַלע איצטיקע פעלקער פון גאָטס ערד קוקן גלייך אין די אויגן אַריין און זיי זאָגן, אַז אויך איצט קענען מיר מיט זיי איינקנעלן אַ פרשה פון סאָציאַלער געזעצגעבונג.

די דריי „אַרטיקלען״ אין דער פּראָיעקטירטער אידישער קאָנסטי־טוציע: אַרטיקל 21, 22 און 23 זיינען אַזוי פּאַראויסגייעריש אין דער היינטוועלטיקער געזעצגעבונג, פונקט ווי די אידן האָבן אויף אַנדערע געביטן פון לעבן און שאַפן דעמאָנסטרירט דורך דורות זייער פאַר־אויסגייערשאַפט פאַר דער קורצער ראיה פון די פעלקער.

דער חלוצישער גייסט וואָס האָט באַלעבט דעם פּאַרטריקנטן באָדן פון ארץ ישראל און וואָס שוועבט אויף אַל־דאָס־שעפערישע פון דער דערוואַכטער נאַציאָנאַלער אידישער ענערגיע הויכט־און־הויערט אויך איבער דער באַנייטער אידישער קאָנסטיטוציע, אַזוי, אַז די דאָזיקע דריי „אַרטיקלען״ זיינען דאָרט איינגעקריצט מיט דער נאַטירלעכ־קייט און מיט דער פּשטות פון אידישער גאונות פון איין זייט און מיט דעם נביאישן פּאַטאָס פון דער צווייטער זייט:

אַרטיקל 21

דער עקאָנאָמישער באַשטאַנד פון מדינת ישראל זאָל זיין באַזירט אויף עקאָנאָמישער גערעכטיקייט. יעדער בירגער זאָל האָבן אַ גלייכן חלק אין דער נאַציאָנאַלער איינקונפט און אַ רעכט אויף סאָציאַלער זיכערקייט. דער שטאַט זאָל העלפן דערמוטיקן יעדע פאָרם פון קאָאָפּעראַטיווער אונטער־נעמונג.

אַרטיקל 22

יעדער איינער האָט אַ רעכט אויף אַרבעט. מדינת ישראל זאָל אָננעמען מיטלען צו פאַרזיכערן אירע אַלע בירגער, אָן אונטערשייד, די מעגלעכקייט צו פאַרדינען חיונה לויט אַן אָנשטענדיקן לעבנס־סטאַנדאַרד. געזעצן זאָלן דורכגעפירט ווערן פאַר דער פאַרזיכערונג פון אַנטשפּרעכנדיקע שכירות, אַרבעטס־שטונדן, פּאַסנדיקע מענטשלעכע באַדינגונגען, תקנות פאַר שטאַט־פאַרזיכערונג קעגן אומגליקס־פאַלן, קראַנקייט, אַרבעטסלאָזיקייט, אַלטקייט און אַנדערע נויט־פאַלן.

ספּעציעלע מיטלען זאָלן אָנגענומען ווערן פאַר בענעפיט פון מוטערס, וועלכע אַרבעטן, און קינדער, פאַר אלמנות און יתומים.

אַרטיקל 23

דאָס רעכט פון אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן אין אַרבעטער־יוניאָן־פאַרבאַנדן, דאָס רעכט אויף „קאָלעקטיוו באַרגעניגג״ קאָנטראַקטן און דאָס

רעכט צו סטרייקן און דאָס רעכט צו פּאַרטיידיקן זייערע עקאָנאָמישע רעכט און אינטערעסן איז פאַרזיכערט אין דער קאָנסטיטוציע. יעדער קאָנטראַקט, וואָס ווערט געמאַכט, און אין וועלכן די אויסגערעכנטע רעכטן ווערן אָפּגעשאַפט אָדער פאַרקלענערט, איז בטל.

ב

מיט די דריי געטלעך־מענטשישע פּאַראַגראַפן שטעלן מיר זיך דרייסט קעגן די דריי הויפּט־סיסטעמען פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער געזעצגעבונג אויף וויפל זיי זיינען רעפּרעזענטירט דורך די דריי גרעסטע מדינות אין 20סטן יאָרהונדערט: קעגן אַמעריקע, קעגן ענגלאַנד און קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

וואָס איז, נאָך אַלעמען, געבליבן פאַר דעם דורכשניט־מענטש אין אַמעריקע פון דעם גאַנצענעם פייער־קנאַק פון רוזוועלטס בלוטלאָזער רעוואָלוציע? — אַן אויסגעלאָשענע ניו־דיליסטישע האַלעוועשקע, וואָס איז אין איר ברען־צייט נאָר געווען אַ דעוויז פון פּאָליטישער פרייהייט, אָבער בשום אופן ניט קיין פּאַראויסגייערישער פאַקל פאַר עקאָנאָמישער אויסגלייכונג.

אויף וויפל איז איצט, נאָך עטלעכע יאָר פון סאָציאַליסטיש־פּאַרוואָסערטער לייבאָריסטישער ממשלה, פאַרבעסערט געוואָרן די מערכה פון דעם דורכשניטלעכן טאָמי אויף דעם יחוסדיקן אינדזל? ער איז איצט, פּונקט ווי פריער אונטער די טאָריס, פריי צו אויסגיין פון הונגער און פריי צו טאַנצן אין די גאַסן פאַר דער מינדסטער געשעעניש אין „זיין" קעניגלעכן הויף.

און פּונקט אַזוי דרייסט קען זיך שטעלן ישראל מיט זיין עכטער דעמאָקראַטישקייט, עכטער לייבאָריטישקייט און עכטער יושרדיקייט קעגן דעם דיקטאַטאָריש־געבייטשטן כלומרשט־קאָמוניזם — אַן אויסגעדאַכטער גן־עדן אין וועלכן קיין בשר־ודם קען ניט אַריין און קיין לעבעדיקער שטערבלעכער קען ניט אַרויס.

די פּראָיעקטירטע קאָנסטיטוציע איז בכן ניט נאָר נאָך אַ ווערק פון אידישן גאונישן מוח, נאָר איז אויך אַ פאַקל פאַר דער בלאָנדזשענדיקער מענטשהייט, ווי זיך ענדלעך אַרויסצוהויבן פון דער בלאָטעדיקער זינקעניש אין וועלכער אַלע פעלקער געפינען זיך איצט און אַרויפטרעטן אויף דעם נביאישן דרך החיים.